STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04766

FINF YOR IN SOTSYALISTISHN FOTERLAND

Ovadia Feld

Permanent preservation of this book was made possible
by Howard & Michelle Rosenbloom
in memory of
Shirley Sue Gelkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עובדיה פעלד

✶

פינף יאָר אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד

עובדיה פעלד

עובדיה פעלד

פינף יאר אין סאציאליסטישן פאטערלאנד

אַרכאַנגעלסקער טייגעס און טאַדזשיקישע קאָלכאָזן

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב
תשל"ג — 1972

OVADIA FELD
FINF JOR IN SOZIALISTISHN FOTERLAND

עובדיה פעלד / פינף יאָר אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד

פאַרלאַג „המנורה" רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora", Publishing House, 24 Zangwil St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1972 — נדפס בישראל תשל"ג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון קולטור־פאָנד
פון „ארגון יוצאי לובלין" און ליטעראַטור־פאָנד פון פאַרבאַנד פון יידישע
שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל

דפוס „מופת", י. ריזמן, ת"א, רח' עין־הקורא 6, טל. 32968

געווידמעט דעם אָנדענק פון:

מיינע עלטערן — רחל און יהושע

מיין שוועסטער — ה ע ל אַ

מיין ברודער — ל י י ב

אַריינפיר־וואָרט

עס איז גוט צו קוקן אויף גרויסע געשעענישן און איבערלעבונגען פון דער פערספעקטיוו פון דער צייט. מען קען זיך דאַן לייכטער באַפרייען פון געפיל פון שנאה און פאַראַכטונג און אָביעקטיווער אָפּשאַצן דעם גאַנג פון היסטאָרישע געשעענישן און אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען.

דער סאָוויעטישער רעזשים באַרימט זיך ביי יעדער געלעגנהייט, אַז אַ דאַנק דער רויטער אַרמיי, זענען געבליבן לעבן מיליאָנען יידן אין אייראָפּע נאָך דער שוידערלעכער נאַצי־תקופה. אין דער דאָזיקער פעסטשטעלונג איז פאַראַן אַ סך אמת. דאָס סאָוויעטישע פאָלק האָט געשטעלט אַ העפטיקן און העלדישן ווידערשטאַנד דער נאַצי־בעסטיע און זיך שטאַרק אויסגעבלוטיקט אין דער דאָזיקער שרעקלעכער מלחמה אויף טויט און לעבן. עס איז אַ גרויסער ספק צי אָן די 20 מיליאָן סאָוויעטישע קרבנות, וואָלט די מערב־וועלט מיט די פאַראייניקטע שטאַטן בראש באַזיגט די היטלעריסטישע אַרמייען, וואָס זענען שווער געטראָפן געוואָרן אויף דער רוסישער טעריטאָריע.

עס איז אָבער נישט קיין ספק, אַז ביי אַן אַנדערן רעזשים, וואָס באַציט זיך מיט רעספּעקט צום מענטש און מענטשלעכן לעבן, וואָלט די צאָל קרבנות געווען אַ פיל קלענערע. מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער זענען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אָן אַ ציל און אָן אַ סיבה אין די תפיסות, אַרבעטס־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרשיקונגס־פּונקטן און סתם פון הונגער און קעלט, צוליב די אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורכן אכזריותדיקן סטאַליניסטישן רעזשים.

דאָס פאַרשיקן די פּוילישע פּליטים אין די לאַגערן און „פּאָסיאָלקעס״ פון סיביר, אַרכאַנגעלסק, קאַזאַכסטאַן און אַנדערע צאַלרייכע פאַרשי־קונגס־ערטער איז געווען איינער פון די אומצאָליקע אכזריותדיקע און רשעותדיקע שריט פונעם סטאַליניסטישן רעזשים.

די פּוילישע יידן זענען פאַרשיקט געוואָרן נישט דערפאַר, ווייל די סאָוויעטישע רעגירונג האָט זיי געוואָלט ראַטעווען פון דער נאַצי־בעס־טיע, ווי זי האָט שפּעטער געטענהט, נאָר ווייל מען האָט אין קרעמל באַשלאָסן זיי צו איזאָלירן און בהדרגה פיזיש פאַרניכטן אין די אומ־מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. אין יוני 1940 האָט קיינער אין קרעמל נישט געגלויבט, אַז היטלער גרייט אַ פאַרניכטונגס־מלחמה קעגן ראַטנ־פאַרבאַנד.

ווער ווייסט וויפל פון די פּוילישע יידן וואָלטן געבליבן לעבן אין די קאָנצענטראַציע־ און פאַרשיקונגס־לאַגערן און „פּאָסיאָלקעס״, ווען דער אויסברוך פון דער מלחמה צווינגט נישט די סאָוויעטישע רעגירונג אונ־טערן דרוק פון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג וועגן באַפרייען אירע בירגער פון די פאַרשיקונגס־ערטער. די סטאַליניסטישע קליקע האָט דאָס געטאָן בלית ברירה אונטערן דרוק פון מעכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, אין וועלכע זי האָט זיך געניייטיקט אין די שווערע און גורלדיקע מלחמה־טעג.

דער היסטאָרישער אמת איז, אַז די רעשטלעך פון גרויסן פּוילישן יידנטום האָבן זיך געראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד אין רעזולטאַט פון אַנטוויקלונגען און געשעענישן איבער וועלכע דער סטאַליניסטישער רע־זשים האָט נישט געהאַט קיין שליטה. סטאַלין האָט פאַרניכטעט אַן שום באַגרינדעטע סיבות מיליאָנען אייגענע בירגער, איז זיך דעריבער נישט צו וווּנדערן, וואָס פרעמדע וואָלטן געטיילט דעם זעלבן גורל, ווען ער און בעריאַ וואָלטן נאָר געהאַט די „נאָרמאַלע״ געלעגנהייט דאָס דורכ־צופירן.

עס איז קלאָר, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד פון היינט צו טאָג איז אויף פיל געביטן נישט צו פאַרגלייכן מיט דער מדינה פון יענע טעג. אָבער אין דער צייט, ווען אַלע לענדער פון דער פרייער וועלט האָבן געמאַכט

אַ קאַלאָסאַלן פאַרשריט אויף פאַרשידענע געביטן זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער פּראָגרעס אין ראַטנפאַרבאַנד ווי פאַרשטיינערט געוואָרן אין פאַרגלייך צו דער מערב־וועלט.

איך האָב זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו זיין אָביעקטיוו אין שיל־דערן פאַרשידענע אַספּעקטן פון סאָוויעטישן רעזשים אין יענע טעג. נאָך 30 יאָר קען מען מיט דערשטוינונג פעסטשטעלן, אַז אויף אַ סך געביטן האָט זיך אין דעם ריזיקן לאַנד זייער ווייניק געענדערט לטובה. די טרוי־עריקסטע פון אַלע דערשיינונגען באַשטייט אין דעם וואָס דער סאָוויעטישער מענטש איז ווייטער געבליבן אַ נישטיק, מאַכטלאָז שרייפל אין דער ריזיקער מאַשין, וואָס אונטערדריקט ברוטאַל דאָס טייערסטע אין מענטשלעכן לעבן: די פרייהייט פון דענקען און דאָס ברענגען צום אויסדרוק די געפילן און מחשבות.

די צווייטע ווייטיקפולע דערשיינונג, וואָס האָט זיך נישט געענדערט זינט דער סטאַליניסטישער תקופה איז די ביישפּילאָזע פיינטלעכע באַ־ציאונג צו דער יידישער מינדערהייט און אירע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און די פּרעצעדענצלאָזע, שנאהפולע פּאָליטיק לגבי דער יידישער מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָכן חורבן פון 6־מיליאָניקן אייראָפּעישן יידנטום. דאָס איז אונדזער גרויסער חשבון מיטן קאָמוניסטישן רעזשים פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער מחבר

5 יאָר אין פאָטערלאַנד פון סאָציאַליזם...

דער צוג, וואָס איז געפאָרן פון וואַרשע קיין לובלין איז געווען פול געפאַקט. דער קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם גאַנצן צוג איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּאַסאַזשירן, וואַליזעס און כלערליי פּעקלעך. יעדער האָט זיך געאײַלט, ווײַל דאָס איז געווען דער לעצטער, אָדער איינער פון די לעצטע צוגן, וואָס האָבן געפירט פון דער פוילישער הויפּט־שטאָט אין מײַן היימשטאָט. און געווען איז דאָס אין אויגוסט 1939, אַ טאָג פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ערשט מיט אַ וואָך פריער האָב איך פאַרלאָזט לובלין און אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, כדי פאָרצוזעצן מײַנע סטודיעס אויפן דריטן יאָר פון דער זשורנאַליסטישער הויכשול. אין יידישן אַקאַדעמישן הויז אויף פראַגע האָט מען נישט געגלייבט, אַז אַ שוידערלעכע מלחמה שטייט הינטער דער טיר. דאָס הויז איז געווען פול מיט סטודענטן, וועלכע זענען צוריק־געקומען פון די פעריען, כדי צו באַנײַען די לימודים. דער אײַנגעבוי־רענער יידישער אָפּטימיזם האָט נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז די וועלט בכלל, און פוילן בפרט שטייט אויפן שוועל פון אַ ווייסטער קאַ־טאַסטראָפע, הגם די הימלען זענען געווען באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס.

אָבער 48 שעה פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז דאָס אַקאַדעמישע הויז אויסגעליידיקט געוואָרן ווי נאָך אַ שריפה־אַלאַרם. עפּעס אַן אינ־סטינקטיווער פחד האָט באַהערשט די אײַנוווינער פון הויז, אין וועלכן עס האָבן געלעבט העכער פיר הונדערט יידישע סטודענטן פון גאַנצן לאַנד. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז מיט אַ שווער האַרץ נישט וויסנדיק, ווען זיי וועלן קענען דאָ צוריקקומען.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע קליינע און גרויסע סטאַ־ציעס, כדי יעדן אײַנעם ברענגען אַהיים. אַ טיפער אומעט און זאָרג איז

געלעגן אויף פנימער פון די פּאַסאַזשירן. יעדער האָט שוין געפּילט דעם זיך דערנענטערנדיקן שטורעם און אַפילו די רואיקסטע מענטשן האָבן נישט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן דעם טיפן אומרו.

ווען מיינע עלטערן האָבן מיך דערזען מיט דער וואַליזע אין דער אָפענער טיר האָבן זיך אין זייערע אויגן באַוויזן טרערן פון פרייד. זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז אין דער געשפּאַנטער אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט אין יענע טעג, וועט מיר געלינגען אַרויסצובאַקומען זיך פון וואַרשע.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט אונדז אויפגעוועקט דער אויפטרייס־לענדיקער רעש פון די דייטשע יעגער־ און באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אָנגעגריפן מיליטערישע און ציווילע אָביעקטן אין שטאָט, כדי אַרויסצורופן אַ בהלה און אָנוואַרפן אַ פחד אויף דער באַפעלקערונג. און דאָס האָבן זיי שנעל דערגרייכט. דער דייטשער לופט־פלאָט האָט גע־שפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל ביים איינברעכן די מאָראַל און אָפּשוואַכן דעם ווידערשטאַנד־כוח פון דער ציווילער באַפעלקערונג. די עקספּלאָזיעס פון די באָמבעס און דאָס וואָיען פון די אַלאַרם־סירענעס האָט באַלד די ערשטע שעה פון דער מלחמה צעטרייסלט די נערוון פון דער ציווילער באַפעלקערונג. יידן און קריסטן האָבן גלייך דערפילט, אַז די הימלען פון די פּוילישע שטעט זענען פולשטענדיק באַהערשט דורך די דייטשע פליער. טראָץ די באַרימערייען פון די מנהיגים און גענעראַלן האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די פּוילישע אַוויאַציע איז נישט קיין שום פּאַרטיידיקונגס־פאַקטאָר. די, וועלכע האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, אַז אָט־אָט וועלן זיך באַווייזן צענדליקער און הונדערטער עראָפּלאַנען פון די פראַנצויזישע און ענגלישע פאַרבינדעטע האָבן איבערגעלעבט איינע פון די שווערסטע און ווייטיקפולסטע אַנטוישונגען.

דעם 18־טן סעפּטעמבער זענען די דייטשן אַריין קיין לובלין. קיינער האָט נישט געוואָגט אַרויסצוגיין אין די גאַסן, ווען פּאַנצער־ און אַרטי־לעריע־אָפּטיילונגען האָבן אַריינמאַרשירט קיין לובלין פון פאַרשידענע זייטן. די, וועלכע האָבן דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער אָבסערווירט דעם אַריינמאַרש פון די דייטשן, האָבן געזען, אַז קיין איין דייטשער זעלנער איז נישט געגאַנגען צופוס. אַלץ איז געווען מאָטאָריזירט. שוין אין דער

הינזיכט איז געלעגן אַ תהום צווישן דער פּוילישער און נאַציסטישער אַרמיי.

מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשע סאָלדאַטן איז די שטאָט ווי באַהערשט געוואָרן פון אַן אומבאַשרייבלעכן פּחד און אומרו. מענטשן האָבן אויפגעהערט זיך פריי צו באַוועגן אויף די גאַסן. די געשעפטן זענען נישט געעפנט געוואָרן. מיט איינמאָל האָט מען אָנגעהויבן זיך אָפּהאַלטן פון באַזוכן קרובים און פריינט אויף ווייטערע גאַסן. פאַרנאַכט איז די שטאָט געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, יעדער איינער האָט זיך געיאָגט אַהיים.

אַ טאָג נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשע האָרדעס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס כאַפּן מענער צו פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קלאָר־באַשטימטן צוועק. דער הויפּט־ציל איז געווען גלייך אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף דער ציווילער באַפעלקערונג און זי ברענגען צו דער איבערצייגונג, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין איר לעבן.

אין פאַרשידענע טיילן פון דער שטאָט האָבן די דייטשן קאָנצענטרירט אויף ליידיקע פּלעצער טויזנטער יידן — יונגע און אַלטע, כדי זיי אַריינציען אין דער קריגס־מאַשין און זיי שטעלן פאַר דער נייער ווירקלעכקייט. דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע אויף די דאָזיקע פּלעצער איז במשך פון אייניקע טעג באַפרייט געוואָרן. אָבער דאָס אַליין איז געווען גענוג צו שטאַרקן דעם באַשלוס ביי אַ פּאָר טויזנט לובלינער יידן, ספּעציעל ביי דער יוגנט, אַז מען דאַרף נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און וואָס שנעלער אַוועק אין די געביטן, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן אין איינקלאַנג מיטן דייטש־סאָוויעטישן הסכם.

אויך ביי מיר איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרלאָזן מיין היימשטאָט און אַוועק אין דער סאָוויעטישער זאָנע פון פּוילן. ווען איך פּרוּווו אויפצופרישן אין מיין זכרון די איבערלעבונגען פון יענע טעג, געדענק איך נאָר, אַז עפּעס אַן אומגעהויער מעכטיקער, אינסטינקטיווער כוח האָט מיך געטריבן פון די דייטשן. דער דאָזיקער כוח האָט פאַרניכטעט יעדן סענטימענט צו מיין היימשטאָט און יעדן אַרגומענט פון קרובים און פריינט צו בלייבן אויפן אָרט און נישט אַוועק אין דער אומבאַקאַנטער וועלט אויף נע־ונד. אויך מיינע עלטערן האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד און מסכים געווען איך זאָל פאַרלאָזן לובלין. קען זיין, אַז אינס־

טינקטיוו האָבן זיי געפילט דאָס זעלבע וואָס איך. אפילו מיין סענטי־מענטאַלע מוטער האָט דאָס מאָל רעאַגירט מיט קאַלטן שכל־הישר און אַנטשלאָסענעם ווילן: „מיין האַרץ איז נישט רואיק. איך האָב מורא פאַר די דייטשן. זאָל ער אַוועק פון דאַנען אויף אַ מער זיכערן פּלאַץ. און אַז די מלחמה וועט זיך מיט גאָטס הילף ענדיקן מיט היטלערס מפּלה, וועט מיין מוזיניקל (יינגסטער זון) צוריקקומען צו מיר״.

אויך מיין פאַרהייראַטע שוועסטער און עלטסטער ברודער, לייבל, האָבן מיך נישט געפּרוווט אָפּצוהאַלטן פון פעסטן באַשלוס צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק צו די רוסן. אָבער ביידע האָבן נישט געהאַט קיין חשק און אויך נישט דעם ווילן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און אַוועקגיין פון דער וואַרעמער היים.

אַ פּאָר טעג זענען אין דער שטאָט אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז לובלין וועט זיין אַ טייל פון דער רוסישער אָקופּירטער זאָנע. די דאָזיקע ידיעות, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אָן אַ באַגרינדעטן יסוד, האָבן אַרויסגע־רופן אַ גרויסע פרייד ביי צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע האָבן אין דעם געזען אַ האָפענונג פּטור צו ווערן פון די פאַרהאַסטע דייטשן. לײדער, האָבן זיך די דאָזיקע קלאַנגען נישט באַשטעטיקט. דער טייך בוג איז געוואָרן די אָקופּאַציע־גרענעץ צווישן דעם דריטן רייך און דעם ראַטנ־פאַרבאַנד.

די קלאָרע פאַרטיילונג פון דעם רויב צווישן ביידע אַגרעסיווע גרויס־מאַכטן האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צוגעאיילט דאָס אַנטלויפן פון דעם טייל פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. פון מיין היימ־שטאָט, פּונקט ווי פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך זענען קודם־כל אַנטלאָפן טויזנטער קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע זענען געווען טיף איבערצייגט, אַז אין דער סאָוויעטישער זאָנע פון פּוילן און אין ראַטנפאַרבאַנד גופא וועט מען זיי אויפנעמען מיט גרויס ענטו־זיאַזם און פרייד און זיי העלפן זיך איינגלידערן אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. אָבער נישט נאָר קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער פון ראַטנ־פאַרבאַנד זענען אַוועק פון די דייטשע געביטן. עס זענען אויך אַוועק צענדליקער טויזנטער ציוניסטן, בונדיסטן און רעליגיעזע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט בלייבן מיט די דייטשן און זיי האָבן אויפריכטיק

געגלויבט, אַז זיי וועלן קענען איבערלעבן דעם שטורעם אין פּאָטערלאַנד פון סאָציאַליזם און צוריקקומען אַהיים נאָכן נצחון איבער דער היטלער־ריסטישער בעסטיע.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער עקזאָדוס פון טויזנטער לובלינער יידן. צווישן זיי אויך איך. מיט אַלע מעגלעכע לאָקאָמאָציע־מיטלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרערייַ צו פאַרשידענע גרענעץ־פּונקטן. פון דער צווייטער העלפט סעפּטעמבער ביז דער העלפט אָקטאָבער 1939 איז דאָס נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע אָקציע. די דייטשן האָבן נישט געשטערט די יידן צו פאַרלאָזן די שטעט, וועלכע זיי האָבן אָקופּירט און די רוסן האָבן אין די ערשטע וואָכן אַרויסגעוויזן אַ הומאַניטאַרע באַציאונג צו די צענדליקער טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן געשטראָמט צו זיי, זוכנדיק אַ שוץ קעגן די היטלעריסטן. מען קען דעריבער זאָגן, אַז אין דער קורצער תקופה איז די דייטש־רוסישע גרענעץ אויף דער פּוילישער טעריטאָריע נישט געווען קיין ערנסטע שטערונג פאַר די יידישע פּליטים.

אין לובלין זענען געווען אייניקע פלעצער פון וועלכע עס זענען אָפּגעפאָרן פאַרמאַכטע מיט ברעזענטענע צודעקן אויטאָבוסן, וואָס האָבן געהערט צו פּאַליאַקן. די אייגנטימער פון די דאָזיקע לאַסט־אויטאָס האָבן אויסגענוצט די געשפּאַנטע סיטואַציע און פאַר גוטע פּרייזן איבערגעפירט הונדערטער פּליטים צו די גרענעץ־פּונקטן. היות דער מרחק פון לובלין צו די גרענעץ־פּונקטן איז נישט געווען קיין גרויסער, האָבן זיי געקענט מאַכן צוויי קורסן אַ טאָג און איינקאַסירן ערנסטע סומעס.

מיין פּלאַן איז געווען אָנצוקומען קיין לעמבערג, וווּ איך האָב געהאַט אייניקע פריינט פון וואַרשעווער סטודענטן־הויז. אויך די אילוזיע, אַז איך וועל קענען פאַרזעצן מיינע סטודיעס אויפן לעמבערגער אוניווערסיטעט, האָט מיך געצויגן צו דער דאָזיקער שטאָט. אַחוץ דעם האָב איך אויך געוווּסט, אַז אַ גרופּע קאָלעגן פון לובלין געפינען זיך שוין אין לעמבערג און זיי מאַכן די ערשטע שריט אין דער נייער היים.

דער וועג קיין לעמבערג האָט געפירט צום שטעטל בעלזשע (בעלזשעץ) און פון דאָרט צו די גרענעץ־דערפער, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ שמוגל פון פּליטים. דאָ האָבן זיך געפונען כלערליי „מאַכערס" און פאַרמיטלער, וועלכע האָבן פאַר אַ גוטן אָפּצאָל דערליידיקט דאָס אומ־

לעגאַלע אַריבערגיין די גרענעץ. אַפילו אין די לייכטע טעג איז נישט אַלץ געגאַנגען גלאַטיק. עס האָבן נישט געפעלט קיין שווערע דורכפאַלן, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט צוריבן ביי די פּליטים דאָס ביסל געלט און קליינעם באַגאַזש און צוריקשיקן זיי צום פּונקט פון וועלכן זיי זענען געקומען. אַ טייל פון די דאָזיקע קרבנות האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל דאָס מזל און זענען צוריקגעקומען קיין לובלין, אָדער אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. פיל פון זיי זענען שפּעטער אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די געטאָס און אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען. דאָס זענען געווען די שוואַכע פון צווישן די פּליטים. אַ טייל פון זיי האָט אַפילו אין דעם דורכפאַל געזען אַ סימן פון הימל, אַז זיי דאַרפן נישט אַנטלויפן פון זייער היים און משפּחות. אָבער די אַבסאָלוטע מערהייט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שווע־ריקייטן. זייער ציל איז געווען אַ קלאָרער און אין דורכפאַל האָט זיי נישט אָפּגעהאַלטן פון פּרוּוון דאָס מזל צום צווייטן און דריטן מאָל.

איך מיט מיין קליינער גרופּע האָבן מיר נישט אַנגעטראָפן אויף קיין גרויסע שוועריקייטן. אונדזער וועגווייזער איז געווען אַן אַנשטענדיקער פּויער, וועלכער האָט געהאַט אַ קליין הייזל אויף דער סאָוועטישער זייט פון דער גרענעץ. צו דעם הייזל האָט געפירט אַ געדיכט וועלדל פון סאָסנע־ביימער. דער פּויער אַליין איז נישט געקומען צו דער דייטשער זייט פון דער גרענעץ, נאָר געשיקט זיין יונגן זון, וועלכער האָט אויס־געצייכנט געקענט יעדע סטעזשקע פון דער סביבה. ער האָט אויף אונדז געוואַרט אויפן באַשטימטן אָרט.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס און נאָר דער שטאַרקער ווינט האָט אָפּגעהאַלטן דעם רעגן. דאָס גיין אין דער פינצטערניש האָט נישט געדויערט מער ווי 30—40 מינוט. אָבער אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיר גייען שוין אייביקע שעה. יעדער איינער פון אונדז איז געווען געשפּאַנט. דער גאַנצער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ רוקזאַק מיט די נויטיקסטע זאַכן פאַר אַ זייער באַשיידן וואַנדער־לעבן. אין די געשפּאַנטע מינוטן האָט קיינער נישט געפילט, אַז ער טראָגט עפּעס אויף די פּלייצעס. אַלע אונדזערע מחשבות זענען געווען קאָנצענטרירט אין איין ריכטונג: וואָס שנעלער

צו זיין מיטביידע פיס אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. ווען דער יונגער שגץ האָט אונדז שפּעטשענדיק געמאָלדן, אַז מיר זענען שוין אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך, הגם מיר האָבן נאָך נישט געהאַט גובר געווען אַלע שוועריקייטן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר זיך געפונען אין הייזל פון גרענעץ־שמוגלער.

דעם פויערס פרוי האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ גרויסן טשייניק טיי און ווורשט מיט שוואַרץ ברויט. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט זי אונדז געזאָגט: „טשעם כאַטאַ באַגאַטאַ״ (מיט וואָס די כאַטע איז רייך). נאָכן עסן האָט זי אונדז אויסגעבעט אויף דער פּאָדלאָגע און דער פויער האָט אונדז געזאָגט, אַז פאַרטאָג וועט ער אונדז אויפוועקן און מיטן וואָגן באַגלייטן ביזן שטעטל ראַווא־רוסקאַ און פון דאָרט וועלן מיר קענען פאָרן קיין לעמבערג מיטן אויטאָבוס.

הגם מיר זענען אָוועקגעפאַלן אויף דער אויסגעבעטער פּאָדלאָגע מידע און אויסגעשעפּטע, האָבן מיר נישט געקענט איינשלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און אומ־געדולדיק געוואַרט, אַז עס זאָל אָנהייבן טאָגן און מיר זאָלן פאַרלאָזן דאָס גרענעץ־דאָרף. ענדלעך האָב איך דערהערט דאָס הירזשען פון די פערד, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען גרייט זיך אין וועג אַריין.

אין דעם לאַנגן שווערן וואָגן זענען געווען איינגעשפּאַנט צוויי יונגע שוואַרצע פערד מיט ווייסע פלעקן, מיט וועלכע דער פויער איז געווען שטאָלץ. ער האָט זיי געקויפט אין ראַווא־רוסקאַ מיט אייניקע וואָכן צוריק טאַקע פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט לעצטנס פאַרדינטביים איבערפירן די יידן דורך דער גרענעץ. אַ פּאָר קילאָמעטער איז ער מיט אונדז געפאָרן דורך זייטיקע, נישט געפּלאַסטערטע וועגן, כדי אויסמיידן רוסישע פּאַטראָלן. דערנאָך איז ער אַרויף אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט קיין ראַווא־רוסקאַ. קיינער האָט אונדז נישט אָפּגעשטעלט און קיינער האָט אונדז נישט קאָנטראָלירט. אין ראַווא־רוסקאַ זענען מיר געווען פרייע מענטשן. דאָרט איז יעדער איינער געפאָרן אין זיין ריכטונג.

אַ פּאָר שעה שפּעטער בין איך שוין געווען אין לעמבערג. דאָס איז געווען מיין ערשטער באַזוך אין איינער פון די גרעסטע און שענסטע פּוילישע שטעט. לעמבערג מיט אירע שיינע גאַסן, גערטנער און סטיל־

רייכע הייזער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חן. די שטאָט האָט כמעט נישט געליטן פון דער דייטש־פּוילישער מלחמה. די סאָוויעטן זענען דאָ אַריין מיט אַ מעכטיקן כוח און אין געציילטע טעג באַהערשט די לאַגע.

די, וועלכע זענען אַהערגעקומען פון דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע האָבן דאָ פריי אָפּגעאָטעמט. עס איז פאַרשוווּנדן דער פּחד, וואָס האָט געהערשט אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ. דער סאָוויעטישער זעלנער האָט דערוועקט גאַנץ אַנדערע געפילן און האָפענונגען. טראָץ דעם וואָס די נעגאַטיווע זייטן פון סאָוויעטישן רעזשים האָבן זיך גלייך אין די ערשטע טעג געוואָרפן אין די אויגן, האָבן די רוסישע זעלנער אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקע סימפּאַטיע מיט זייער נאַטירלעכער און פריינטלעכער באַציאונג צו דער נייער סביבה און צו די הונדערטער טויזנטער פּליטים.

לעמבערג איז ממש געווען פאַרפלייצט פון פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און פון פּוילן.

קיינער האָט נישט געוווּסט וויפל פרעמדע דרייען זיך אַרום אין דער שטאָט. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אַחוץ די טויזנטער סאָוויעטישע מיליטער־לייט און באַאַמטע איז די באַפעלקערונג פון דער שטאָט כמעט פאַרדאָפּלט געוואָרן. דער מבול פון מענטשן האָט דערפירט צו דעם, אַז עס איז אומגעהויער שווער געווען צו געפינען אַ צימער, אפילו פאַר אַ הויכן אָפּצאָל.

די ערשטע טעג האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין דער וווינונג פון מיינעם אַ חבר פון סטודענטן־הויז אין וואַרשע, וועלכער איז געווען אַ סטאַבילער איינוווינער פון לעמבערג. אין דער זעלבער וווינונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן ד״ר משה סנה (דעמאָלט קליינבוים), כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד., וואָס האָט באַשטימט געהאַט אינפאָרמאַציעס, וועגן דעם, אַז דער ציוניסטישער מנהיג געפינט זיך אין לעמבערג. אָבער משה סנה איז געלונגען אויסצומיידן דעם ביטערן גורל פון אַנדערע מנהיגים פון פּוילישן יידנטום ווי די בונדישע פירער, ערליך און אַלטער און אין אַ פינצטערער נאַכט האָט ער געשמוגלט די גרענעץ קיין ליטע און פון דאָרט מיט אַ סערטיפיקאַט עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

די ערשטע טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין לעמבערג אַן אַ באַ־

שטימטן ציל. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג צו וואָס איך קען זיך נעמען, כדי צו האָבן אַ באַשיידענע עקזיסטענץ אין דער נישט נאָרמאַלער איבערגאַנגס־צייט. פאַרזעצן די זשורנאַליסטישע סטודיעס איז געווען אומ־מעגלעך, ווייל אין לעמבערג איז נישט געווען קיין זשורנאַליסטישע הויכ־שול. אַחוץ דעם האָב איך געוווסט, אַז אין סאָוויעטישן רעזשים וועל איך נישט מאַכן קיין זשורנאַליסטישע קאַריערע צוליב מיינע אַנשויאונגען, וואָס האָבן נישט קיין טרעף־פּונקט מיט דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

איך האָב זיך אויך אויפגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז עס וועט פאַר מיר זיין זייער שווער זיך אַריינצופּאַסן אין דעםווירטשאַפטלעכן רעזשים, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ פּאָר וואָכן נאָכן אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן אין די פּוילישע געביטן. פון די געשעפטן זענען גלייך פאַר־שוונדן אַלע ווערטפולע סחורות און דער שוואַרצער מאַרק האָט אָנגע־הויבן בליען ווי רויזן אין שיינע זומער־טעג. די רוסישע זעלנער און ציווילע באַאַמטע זענען צוגעפאַלן צו די סחורות אין די יידישע און פּוילישע געשעפטן ווי זיי וואָלטן אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט. און זיי האָבן טאַקע דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געזען אַזעלכע אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך וועגן וועלכע זיי האָבן פריער נישט געהאַט קיין שום פאַרשטעלונג.

עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אָרעמע פּוילן, אין וועלכן די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט געלעבט אויף אַ ניי־דעריקן סטאַנדאַרט, איז ממש געווען אַ לאַנד פון כל־טוב אין פאַרגלייך מיטן ראַטנפאַרבאַנד אין 1939—1940.

שוין אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1939 האָט מען געפילט אַ שטאַרקן מאַנגל פון שפּייז־פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך ווי צוקער, פלייש, פּוטער און אַנדערע פעטקייטן. די דאָזיקע פּראָדוקטן זענען כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון די געשעפטן און נאָר אויפן שוואַרצן מאַרק האָט מען זיי געקענט קויפן פאַר אַ פיל העכערן פּרייז. אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן געמוזט לעבן פון אַ באַשיידענעם געהאַלט האָבן גלייך דערפילט, אַז זייער לאַגע האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט. זיי האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן 3—4־פאַכיק פאַר אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. אין אַזאַ לאַגע האָבן זיך געשאַפן אידעאַלע באַדינ־

גונגען פאַר כלערליי שפּעקולאַנטן, וועלכע האָבן זיך געפילט ווי פיש אין וואַסער. זייערע געשעפטן האָבן געבליט, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין דאגות פּרנסה.

אַ וואָך נאָך מיין אָנקומען קיין לעמבערג בין איך געוויר געוואָרן, אַז אַ גרופּע פון מיינע חברים און באַקאַנטע האָט געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו צו פּראָדוצירן מאַרמעלאַדע. אייניקע פון זיי, ספּעציעל — די ברידער ברייער, האָבן געהאַט אַ שטיקל אָנונג אין דער בראַנזשע. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי קענען נישט אַרויסגעבן אַ פּראָדוקציע פון הויכער קוואַליטעט. אָבער מיט דעם האָבן זיי זיך נישט שטאַרק איבערגענומען. זיי האָבן געוווּסט, אַז די קונים זענען נישט אַזוי איבערקלויבעריש און וועלן אויך עסן ערגערע מאַרמעלאַדע.

איינער פון די הויפּט־שותפים פון דער „אונטערנעמונג" איז געווען מיין נאָענטער פריינט, יצחק כעלם, וועלכער האָט מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און מיך באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער דווקא דאַן, ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַ שטיקל עקזיסטענץ, איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן אַ מאָדנער פּלאַן: צוריקגיין קיין לובלין מיטן זעלבן וועג, דורך וועלכן מיר האָבן געשמוגלט די גרענעץ קיין לעמבערג. מיר זענען ביידע באַהערשט געוואָרן דורך אַ בענקשאַפט צו די נאָענטסטע מענטשן, וועלכע זענען געבליבן מיט די דייטשן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ. זיין פּלאַן איז געווען צו ברענגען קיין לעמבערג זיין פאָטער און מיין הייסער ווונטש איז געווען מיטצונעמען מיין ברודער און מיין חברה מיט וועלכער עס האָבן מיך פאַרבונדן טיפע ליבע־געפילן און נאָך וועלכער איך האָב שטאַרק געבענקט.

די חברים האָבן אונדז שטאַרק אָפּגערעדט פון דעם דאָזיקן פּלאַן. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער געפאַר פון בלייבן שטעקן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ אָן דער מעגלעכקייט צוריקצוקומען קיין לעמבערג. אין אַזאַ פאַל וועלן מיר זיך דאָס נישט קענען מוחל זיין. אָבער מיר האָבן זיך נישט געלאָזט איבערצייגן און באַשלאָסן וואָס שנעלער צו מאַכן דעם ריזיקאַלישן שריט.

צוריק קיין לובלין

און אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוריק קיין לובלין. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער. מיר זענען נישט געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געשמוגלט די סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ, כדי צו קומען אַהיים. אָבער די אַבסאָלוטע מערהייט איז געפאָרן צוריק אַנטוישטע פון דער קורצער באַגעגעניש מיט די סאָוויעטן, כדי זיך ווידער צו פאַראייניקן מיט זייערע משפחות אונטער דער היטלער־ריסטישער מאַכט. קיינער פון זיי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיט דעם שריט חתמענען זיי זייער אייגענעם גורל.

אויך דאָס מאָל האָט אונדז דאָס מזל צוגעשפּילט און מיר זענען אַדורך די סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ אָן באַזונדערע שוועריקייטן. אין בעלזשעץ האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט און אַפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון כעלם, כדי פון דאָרט ווייטער צו פאָרן קיין לובלין. אין פול־געפּאַקטן לאַסט־אויטאָ זענען מיר געווען די איינציקע יידן. די פּאָליאַקן האָבן צווישן זיך געפירט געשפּרעכן און איך מיט מיין חבר האָבן געשוויגן די גאַנצע צייט. אַ טיפער אומעט האָט אונדז באַהערשט, מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר האָבן נישט צו דערוואַרטן קיין גוטע בשורות אין אונדזער היימשטאָט.

אַ פּאָר קילאָמעטער פאַר כעלם האָבן מיר פּלוצים דערהערט אַ געשריי: האַלט, האַלט! דער אויטאָ האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט און גלייך האָבן זיך באַוויזן 4 דייטשע זעלנער. צוויי פון זיי האָבן אויפגעמאַכט דעם ברעזענט, וואָס איז געווען אַראָפּגעלאָזט און אויפן גאַנצן קול אויסגערופן: „יודען הערויס”!

אין ערשטן מאָמענט זענען מיר געבליבן ווי פאַרגליווערט. דאָס איז געווען די ערשטע פּנים־אל־פּנים באַגעגעניש מיט די דייטשן. די פּאָליאַקן, וועלכע זענען געזעסן אין אויטאָ האָבן פּלוצים געווענדט אויף אונדז זייערע בליקן, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. אָבער די דאָזיקע בליקן האָבן מער געזאָגט ווי ווערטער. איך מיט יצחקן האָבן אינסטינקטיוו

דערפילט, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה ווי צו פאַרלאָזן דעם אויטאָ און זיך איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשע זעלנער.

די צוויי זעלנער, וועלכע האָבן אויפגעמאַכט דעם ברעזענט האָבן אונדז באַפוילן צו גיין פאָראויס אין דער ריכטונג פון אַ מיליטערישן לאַגער, וועלכן מיר האָבן געזען פונדערווייטנס. דאָס איז געווען אַ גע־וועזענער פוילישער מיליטערישער לאַגער, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן דורך די דייטשן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די צוויי זעלנער האָבן אונדז צוגעפירט צו אַ פעלד־קיך און געזאָגט: „דאָ וועט איר אַרבעטן!" און זיי זענען אַוועק.

ביי דער פעלד־קיך זענען געשטאַנען צוויי עלטערע זעלנער פון אַ יאָר 40—45. לויטן אַקצענט האָב איך דערקענט, אַז דאָס זענען עסטרייַ־כער. זיי האָבן גלייך דערזען, אַז מיר זענען יידן און מען האָט אונדז געכאַפּט אויף אַרבעט. פון ערשטן מאָמענט אָן האָבן זיי אַרויסגעוויזן צו אונדז אַ מענטשלעכע באַציאונג. זיי האָבן אונדז געגעבן צו שיילן קאַר־טאָפל און דערביי אונדז געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך נישט איילן. „די שווייַנע האָבן גענוג צו פרעסן" האָט געזאָגט איינער פון זיי. ביידע האָבן געשאָלטן די דייטשן מיט די ערגסטע קללות און זיי געווונטשן אַ וויסטע מפלה. זיי האָבן כסדר אַרומגעקוקט זיך צי עס קומען נישט קיין דייטשע זעלנער. זיי האָבן אונדז געגעבן וואַרעמע זופּ און אַ גרויסע פּאָרציע פלייש און איינער פון זיי האָט אין מיין רוקזאַק אַריינגעלייגט אַ גאַנץ ברויט.

ביים שיילן די קאַרטאָפל האָבן מיר פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט, איז צו אונדז צוגעגאַנגען דער עלטערער עסטרייַ־כער און אונדז שטילערהייט געזאָגט, אַז איצט וועט ער אונדז אַרויספירן פון לאַגער דורך אַ זייטיקן וועג, כדי מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרן קיין לובלין. מיר האָבן זיי הארציק געדאַנקט. אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען מיר ווידער געווען אויפן הויפּט־שאָסיי, וואָס האָט געפירט קיין כעלם. די קנאַפּע 10 קילאָמעטער זענען מיר געגאַנגען צופוס, ווייל קיין שום אויטאָ האָט אונדז נישט געוואָלט אויפנעמען.

אין די פריע נאָכמיטאָג־שעהן זענען מיר אָנגעקומען קיין כעלם. די שטאָט איז געווען פול מיט פליטים, וועלכע האָבן געשטראָמט אין

פאַרשידענע ריכטונגען. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע זענען צוריק־געקומען פון דער סאָוויעטישער זייט און געפאָרן צוריק אַהיים און אַזעלכע, וועלכע זענען פון דאַנען געפאָרן צו דער גרענעץ, כדי צו פאַרלאָזן דעם טייל פוילן, וואָס איז געווען באַזעצט דורך די נאַציס. דאָ האָב איך גאַנץ אומדערוואַרט באַגעגנט דעם ברודער פון מיין חבר, וועלכער איז געווען אַ זעלנער אין דער פוילישער אַרמיי. זיין דיוויזיע איז צעשטערט גע־וואָרן דורך אַ דייטשער מאָטיריזירטער דיוויזיע. אים האָט צוגעשפּילט דאָס מזל און ער איז געבליבן לעבן. ווען איך בין אָנגעקומען קיין כעלם האָט ער פּלאַנירט דעם זעלבן טאָג צו פאָרן אַהיים קיין לובלין, אָבער דעם דאָזיקן פּלאַן האָב איך צונישט געמאַכט. איך האָב געהאָט פאַר אים אַ בריוול פון זיין מוטער, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן, אַז ער זאָל נישט קומען קיין לובלין, נאָך גלייך אַוועק צו קרובים נישט ווייט פון לוצק. מיין צוקונפטיקער שוואָגער יעקב פוטערמאַן האָט רעספּעקטירט דעם בריוו פון זיין מוטער און זיך מער נישט צוריקגעקערט אין זיין היימשטאָט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. איך האָב אים אינפאָרמירט וועגן מיין פּלאַן מיטצונעמען פון לובלין זיין שוועסטער באַשע און דעם יינגערן ברודער אברהם און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ביי גוטע פריינט אין לעמבערג, אויב עס וועט אונדז געלינגען דורכצומאַכן דעם צוריקוועג בשלום.

מיין צוריקקומען קיין לובלין איז געווען אַ געוואַלטיקע איבעראַשונג פאַר מיין פאַמיליע, פאַר מיין חברטע און איר משפחה. אויף דעם האָט זיך קיינער נישט געריכט. מיין מאַמע און טאַטע זענען געווען טיף געריהרט פון דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש מיטן „פאַרלוירענעם" זון. פון איין זייט זענען זיי געווען צופרידן, וואָס זיי זעען מיך ווידער אין דער היים און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי קוים אויסבאַהאַלטן דעם אינער־לעכן אומרו. מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב נישט געדאַרפט דורכמאַכן אַזאַ ריזיקאַלישן וועג, ווען פון טאָג צו טאָג ווערט די לאַגע אויף די וועגן און אויף די גרענעצן שווערער און געפערלעכער.

אין די פאַר וואָכן פון מיין אָפּוועזנהייט האָט זיך די לאַגע אין דער שטאָט באַדייטנדיק פאַרערגערט. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געמערט די ברוטאַלע טאַטן פון די דייטשן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. יעדער

איינער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַן איבעריקן שריט. יעדן טאָג האָט מען געהערט וועגן כאַפּן הונדערטער יידן אויף פאַרשידענע אַרבעטן און וועגן צעשלאָגענע יידן. צאָלרייכע געשעפטן זענען צעראַבירט געוואָרן דורך דייטשע זעלנער. דאָס מאָל בין איך געבליבן דריי טעג אין לובלין, אָבער איך האָב אויסגעמיטן צו דערוויטערן זיך פון דער געגנט, אין וועלכער מיר האָבן געוווינט. מיין ברודער האָב איך געפּרוווט איבערצייגן, אַז ער דאַרף אַוועק צוזאַמען מיט מיר אויף דער סאָוויעטישער זייט, ווייל אַלס דאָקטאָר־מעדיצין וועט אים גאָרנישט פעלן. ער וועט גלייך באַקומען אַרבעט און אַ וווינונג און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף קיין שום געפאַרן.

אָבער מיינע אַרגומענטן האָבן אים נישט איבערצייגט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלס דאָקטאָר וועט ער זיך אַן עצה געבן, אַפילו אין דעם שווערן היטלעריסטישן רעזשים. אים האָט באַרואיקט דער פאַקט וואָס ער קען שפּאַצירן איבער די גאַסן מיט אַ ספּעציעלער לענטע אויפן אָרעם. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דייטשן וועלן זיין פעאיק צו די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס.

מיט מיין חברטע און איר פאַמיליע האָב איך נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן. אירע עלטערן האָבן שלום געמאַכט מיטן פאַקט, אַז אויף דער צווייטער זייט גרענעץ וועלן זיך געפינען צוויי זין און אַ טאָכטער. מיט זיי אין דער היים זענען נאָך געבליבן צוויי טעכטער — די עלטסטע און די יינגסטע. מיט מיינע עלטערן און מיט די עלטערן פון מיין חברטע איז באַשטימט געוואָרן, אַז מיר וועלן חתונה האָבן אויף דער סאָוויעטישער זייט אויב אַלץ וועט אַדורכגיין בשלום.

איך האָב געהאַט אַ גרויסן פאַרדרוס וואָס מיר איז נישט געלונגען צו איבערצייגן מיין ברודער ער זאָל צוזאַמען מיט אונדז פאַרלאָזן לובלין. אויך מיין חבר יצחק כעלם איז נישט געלונגען מיטצונעמען זיין פאָטער. ער האָט נישט געוואָלט אַוועק פון זיין היים און זיך לאָזן אויף אַ נע־ונד־לעבן. „איך בין שוין צו אַלט צו דעם" — האָט ער געזאָגט, הגם ער איז געווען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן.

די געזעגענונג ביים לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פאַר־מאַכטן הויף, איז געווען אַ פּיינלעכע. אַלע זענען געווען טיף גערירט

און אין אַלעמענס אויגן זענען געשטאַנען טרערן. אויף די פּנימער פון אונדזערע מאַמעס איז געלעגן אַ האַרץ־רייסנדיקער טרויער. איך האָב געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו זיין רואיק און באַהערשט, אָבער איך האָב געפילט, אַז דאָס איז אַ גורלדיקע צעשיידונג.

אַלס דערפאַרענער „גרענעץ־שמוגלער" האָב איך אויסגעוויילט דעם זעלבן וועג ווי דאָס ערשטע מאָל. נישט ווייט פון דער סאָוועטיש־דייטשער גרענעץ האָבן מיר זיך איינגעטיילט אין קליינע גרופּן צו 3—5 מענטשן. איך האָב זיך גלייך פאַרבונדן מיט דעם זעלבן גרענעץ־פירער און ער האָט אונדז צוגעזאָגט „אַריבערצוואַרפן" אויף דער צווייטער זייט.

אָבער אויך דאָ האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט במשך פון די פּאָר וואָכן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סאָוועטן האָבן געדיכט באַזעצט די גרענעץ און באַשלאָסן מער נישט אַריינצולאָזן פּליטים פון דער דייטשער זייט. די גרענעץ־וואַך האָט זיך אַפילו אין פיל פאַלן נישט אָפּגעשטעלט פון שיסן אויף פּליטים, וועלכע האָבן געפּרוּווט צו שמוגלען די גרענעץ. עס זענען אויך געפאַלן קרבנות. די דאָזיקע שלעכטע בשורות האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק סיי אויף אונדז און סיי אויף די וועגווייזער, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן, הגם דער פאַרדינסט איז געווען אַ הויכער.

די ערשטע נאַכט איז אונדז נישט געלונגען צו שמוגלען די גרענעץ. מיר זענען צוגעקומען צום טרעף־פּונקט און געמוזט זיך צוריקקערן. דער זון פון פויער האָט אונדז געוואָרנט, אַז די רוסן האָבן די נאַכט פאַר־שטאַרקט די פּאַטראָלן און דרייען זיך אַרום מיט שפּיר־הינט. די דאָזיקע ידיעות האָבן אונדז אַרויסגערופן אַ געדריקטע שטימונג. אָבער אונדזער באַשלוס איז געווען אַ פעסטער און אַנטשלאָסענער — פאַר יעדן פּרייז אַריבערגיין די גרענעץ. אַנדערע האָבן זיך שנעל איינגעבראָכן און פאַר־לאָזט דעם גרענעץ־פּאַס, כדי צו פאָרן אַהיים.

ערשט אויף דער דריטער נאַכט איז אונדז געלונגען אָנצוקומען אין הייזל פון באַקאַנטן פויער. דאָס מאָל איז ער געווען אומרואיק און מורא געהאַט פאַר אַן אומדערוואַרטן באַזוך פון אַ רוסישן פּאַטראָל. ער האָט אונדז נישט געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע ווי צום ערשטן מאָל, נאָר אין די בעטן, כדי צו באַזייטיקן יעדן חשד אין פאַל פון אַ נאַכט־קאָנטראָל.

אויף פּאַרטאָג האָט ער געהאַנדלט זייער פּאַרזיכטיק. מיין חברטע, וועלכע האָט מיט אירע העל-בלאָנדע האָר אויסגעזען ווי אַן אמתע שיקסע, האָט זיך געזעצט אויף דער פור נעבן דעם פויער ווי זי וואָלט געווען זיין טאָכטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין די קליידער פון זיין פרוי און אויפן קאָפּ געטראָגן אַ פּאַרביק טיכל. איך מיט איר ברודער זענען געווען אָנגעטון ווי אמתע פּויערים אין שווערע בורקעס. אונדזערע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן אונטערן שטרוי.

מיר האָבן באַוויזן אָפּצופאָרן קוים אַ שטיקל וועג פון דער שטוב און אויפן נישט-אַספאַלטירטן וועג האָט זיך באַוויזן אַ רוסישער פּאַטראָל פון 4 זעלנער. עס האָט אונדז אַרומגענומען אַ ציטער. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען אַריינגעפאַלן. די פּאַטראָלן האָבן געגנוי געוווּסט, אַז אויף דעם וועג גייט אַ גרענעץ-שמוגל פון פּליטים. טראָץ דעם האָבן מיר געטאָן אַלץ, כדי אויסערלעך נישט צו פאַראַטן אונדזער פאַרלוירנקייט. דער פּויער האָט אין דעם מאָמענט אַרויסגעוויזן אַ פולשטענדיקע רואיקייט און באַהערשטקייט ווי די דאָזיקע אומדערוואַרטע באַגעגעניש וואָלט אים אָנגעגאַנגען ווי דער פּאַריאַריקער שניי. ער האָט נישט צוגעאײַלט די פערד, נאָר געפאָרן מיטן זעלבן טעמפּאָ און זיך צוגעזונגען אַ פאָלקס-לידל.

די רוסן האָבן פון דערווייטנס דערזען דאָס נאַרמאַלע פאָרן פון פּויערישן וואָגן מיט זיינע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן קענטיק נישט אַרויס-גערופן קיין שום חשד. מיר האָבן זיי זייער זאָרגפעליק אָבסערווירט און נישט באַמערקט, אַז זיי ווילן אָפּשטעלן דעם וואָגן פאַר אַ קאָנטראָל. דער קולמינאַציע-פּונקט פון דער שפּאַנונג איז געקומען, ווען מיר זענען זיי אַנטקעגנגעקומען פנים-אל-פנים. זיי האָבן אונדז באַגריסט מיט אַ „דאָברע אוטראָ" און דער פּויער האָט צוריקגעענטפערט אויפן גאַנצן קול. מיר האָבן געשוויגן. מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. די גרויסע סכנה איז אַדורך. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל ווי מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ רוסישן פּאַטראָל. אייניקע קילאָמעטער פאָרן שטעטל האָבן מיר פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פּויערישע קליידער און צוריק געוואָרן שטאָטישע. פון ראַווע רוסקאַ איז דער וועג געווען אָפן קיין לעמבערג.

אין לעמבערג

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן עלטסטן ברודער פון מיין חברטע ביי זייערע פריינט אין לעמבערג, אַזוי ווי מיר האָבן פריער באַשטימט. זיי האָבן אונדז הארציק אויפגענומען און אונדז באַזאָרגט מיט וווינונגען אויף דער איבערגאַנגס־צייט, ביז מיר וועלן זיך אַ ביסל איינאָרדענען ווי פּליטים אין אַ פרעמד לאַנד. אין פאַרגלייך צו אונדז האָבן זיי זיך געפונען אין אַן אויסגעצייכנטער לאַגע. זיי זענען געווען ביי זיך אין דער היים און מאַטעריעל האָבן זיי אַפילו גענאָסן פון דעם קינסטלעכן פּראָספּעריטי, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דעם אַלגעמיינעם ווירוואַר, וואָס האָט דאָ געהערשט נאָך דער קורצער דייטש־פוילישער מלחמה.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו פאַלן קיינעם צו לאַסט און גלייך זיך נעמען צו וועלכער עס זאָל נישט זיין אַרבעט. דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט אין יענע טעג. דאָס נאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע לעבן איז געווען פּאַראַליזירט און די צאָל אַרבעטס־פּלעצער איז געווען אַ באַגרענעצטע. נאָך 10 טעג פון אינטענסיווע זוכענישן האָט מען מיך מיט מיינע צוויי צוקונפטיקע שוואָגערס געשיקט צו בוי־אַרבעט. מיר זענען געווען גליק־לעך וואָס מיר האָבן געפונען אַזאַ אַרבעט, הגם זי האָט נישט אַנטשפּראָכן אונדזערע קוואַליפיקאַציעס און געוווינהייטן, און דער לוין האָט קוים געסטייעט אויף אַ ביז גאָר באַשיידן לעבן.

אויך די אויסנאַם־פרעסט, וואָס האָבן געהערשט אין מזרח־פּוילן אין 1939 יאָר האָבן אונדז נישט פּאַריאָגט פון דער בוי־אַרבעט, הגם עס איז געווען זייער שווער אויסצוהאַלטן ביי אַ טעמפּעראַטור פון העכער 30 גראַד קעלט. אָבער ווען עס איז נישטאָ קיין ברירה ווערן אויך שוואַכע מענטשן שטאַרקע און פּאַסן זיך צו צו די געשאַפענע באַדינגונגען. אַחוץ דעם האָט דאָ געווירקט דער מאָמענט פון צייטווייליקייט. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זיך די לאַגע נאָרמאַליזירן און יעדער איינער וועט זיך געפינען זיין פּאַ־סיקן פּלאַץ.

אין צווישנצייט זענען פון דער צווייטער זייט גרענעץ אָנגעקומען

שלעכטע ידיעות, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען דורך פאַרשידענע וועגן. מיר האָבן אויך דערהאַלטן בריוו פון דער היים, וואָס זענען געווען גע־שריבן אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם.

דעם 9־טן נאָוועמבער 1939, העכער זעקס וואָכן נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן קיין לובלין, איז פאָרגעקומען די ערשטע אַקציע קעגן די דאָרטיקע ייִדן. ביי 500 ייִדישע משפחות, וועלכע האָבן געוווינט אין קריסטלעכן טייל פון דער שטאָט זענען אויף אַ באַרבאַרישן אופן אַרויס־געטריבן געוואָרן פון זייערע וווינונגען. די דייטשן האָבן געגעבן די ייִדן אַ האַלבע שעה, אָדער אַ שעה צייט, כדי צו פאַרלאָזן די וווינונג. בעת דער אויסזידלונג האָבן די דייטשן געראַבעוועט און געגזלט די בעסטע זאַכן. די דאָזיקע פאַמיליעס זענען פּלוצים געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך טיילווייז איינגעאָרדנט אין דירות פון קרובים אָדער פריינט אויף דער לובאַרטאָווסקע־גאַס און אין אַנדערע ייִדישע גאַסן.

דער דאָזיקער גירוש האָט דערשיטערט דאָס ייִדישע לובלין. דאָס איז געווען אַ דראַסטישע וואָרענונג און אַן אָנזאָג פון נייע ביטערע גזירות. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו צעראַבעווען ייִדישע געשעפטן און די אייגנטימער זענען נאָך געווען געצוווּנגען צוצושטעלן טראַנספּאָרט־מיטלען, כדי אָוועקצופירן די צוגערויבטע סחורות.

די דאָזיקע טרויעריקע ידיעות האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן אַ גע־דריקטע שטימונג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט די ייִדישע משפחות אין דער קריסטלעכער געגנט קען מאָרגן געשען מיט די ייִדן אין דער לובאַרטאָווסקע און שעראַקע־גאַס אין דער כמעט ריין־ייִדישער געגנט.

דעם 2טן יאַנואַר 1940 האָב איך חתונה געהאַט מיט מיין חברטע. דער לעמבערגער רב האָט אונדז געגעבן חופּה וקידושין און אונדזערע פריינט האָבן אונדז געהאָלפן איינאָרדענען דעם באַשיידענעם כיבוד פאַר אַ קליי־נער גרופּע קאָלעגן און באַקאַנטע. די חתונה האָט געטראָגן דעם כאַראַק־טער פון אַ פאַרמעלער צערעמאָניע. קיין פרייד איז נישט געווען. וואָס איז שוין ווערט אַ חתונה אָן עלטערן, שוועסטער און ברידער, נאָענטע און פריינט. זיי אַלע האָבן געפעלט אויף דער שמחה. מיר האָבן געמאָלדן

אונדזערע עלטערן וועגן אונדזער חתונה און זיי האָבן אונדז איבערגע־שיקט אַ האַרציקן מזל־טוב, וואָס איז געווען אײַנגעטונקען אין אַ סך טרערן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געקומען אַ ווענדונג צום בעסערן אין אונדזער מאַטעריעלער לאַגע. איינער פון אונדזערע לובלינער פרײַנט מענדעלזאָן האָט באַקומען אַ הויכן פּאָסטן אַלס הויפּט־בוכאַלטער אין דער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע „ספּעצטאָרג״, וועלכע האָט באַדינט אויס־שליסלעך נ.ק.וו.ד.־אָפּיצירן און געהאַט אַ נעץ פון מאַגאַזינען און רעס־טאָראַנען. דאָס זענען געווען עקסקלוסיווע געשעפטן און רעסטאָראַנען, אין וועלכע די געטרייע היטער פון סטאַליניסטישן רעזשים האָבן באַקומען פאַר צוגעגנגלעכע פרייזן אַלץ וואָס דער נאָרמאַלער סאָוויעטישער בירגער האָט נישט באַקומען, אָדער געדאַרפט אָפּשטיין לאַנגע שעהן אין רייען, כדי זיי צו קויפן פאַר גרויסע געלטער. דאָס איז געווען דער יושר פון קאָמוניסטישן רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן געזען אַ קלאַס פון פּריווילעגירטע, וואָס האָבן גענאָסן פון דער האַרעוואַניע פון אַרבעטער־קלאַס, דאָס איז געווען די סאָוויעטישע אַריסטאָקראַטיע.

אונדזער פרײַנט האָט אײַנגעאָרדנט מײַן עלטערן שוואָגער אַלס לייטער אין איינעם פון די געשלאָסענע מאַגאַזינען, וואָס האָט צוגעשטעלט שפּייז־פּראָדוקטן און אַנדערע סחורות פאַר די אָפּיצירן פון נ.ק.וו.ד. היות ווי ער איז געווען אַ גוטער בוכהאַלטער, האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויף דעם פּאָסטן און די ממונים איבער אים זענען געווען צופרידן פון זײַן אַרבעט. ער האָט אויך באַזיצט די פעאיקייט צו געווינען סימפּאַטיע ביי מענטשן מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט.

אין די באַדינגונגען פון 1940 איז די דאָזיקע אַרבעט געווען אַן ערשט־קלאַסיקע, ווייל ער האָט געקענט קויפן אַלץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט און אפילו נאָך אויסטוישן שפּייז־פּראָדוקטן אויף אַנדערע סחורות, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין יענע טעג. די נ.ק.וו.ד.־יסטן האָבן געקענט קויפן דאָס בעסטע פלייש, קאַוויאַר, ווײַן, שאָקאָלאַד, אויסלענדישע סאַר־דינען און אויך שטאָפן אויף אָנצוגן און קליידער פון דער העכסטער קוואַליטעט, וואָס זיי האָבן פריער נישט געזען פאַר זייערע אויגן.

איך און מײַן פרוי זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין אָפּיצירן־רעס־טאָראַן אויף דער אַקאַדעמיצקאַ־גאַס. מײַן פרוי האָט געאַרבעט אַלס קעל־

נערין און איך ביי דער האַנט־ווינדע, וואָס האָט אַרויפגעצויגן דאָס עסן פון דער קיך צום עס־זאַל.

צווישן די נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן האָבן נישט געפעלט קיין יידן און מיט אייניקע פון זיי האָבן מיר אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען. זיי האָבן גע־ װוּסט, אַז מיר זענען פּליטים פון פּוילן און האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציאונג. זיי האָבן פּשוט געהאַט אויף אונדז רחמנות. ביי זיך אין האַרצן האָבן זיי געטראַכט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אַ גרויסן חלק אין אונדזער טראַגישער לאַגע, אָבער זיי האָבן אויסגעמיטן צו רעדן מיט אונדז אויף פּאָליטישע טעמעס. עס איז געווען אַ מין קעגנזייטיקער כבדהו וחשדהו.

מיט די נישט־יידישע אָפיצירן האָבן מיר בכלל נישט געהאַט קיין קאָנטאַקטן. אונדז האָט נישט געצויגן צו זיי און אויך זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס זיך אונטערהאַלטן מיט אַ ווינדע־אַר־ בעטער, אָדער קעלנערין, הגם אונדזערע פּנימער האָבן פּאַראַטן, אַז מיר זענען נישט פון דעם פאַך. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט געפּלאַצט נאָך איין אילוזיע: מיר האָבן געזען ווי די הויכע אָפיצירן בלאָזן פון זיך און דערווייטערן זיך פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן, הגם אַלע זענען „חברים”. אָבער אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט זענען דאָס חברים, וועלכע האָבן אַ קלענערן ווערט און אַ גרעסערן ווערט.

אין די באַדינגונגען פון דער פּליטים־תקופה 1939—1940 איז אונ־ דזער אַרבעט אין אָפיצירן־רעסטאָראַן געווען אַן ערשטקלאַסיקע. קודם־כל האָבן מיר געהאַט צו עסן „פון בעסטן און שענסטן”, ווייל דער רעסטאָ־ ראַן האָט באַקומען די בעסטע שפּייז־פּראָדוקטן אין דער שטאָט. די לייַ־ טונג האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די היטער פון רעזשים זאָל גאָר־ נישט פעלן. און עס האָט זיי טאַקע גאָרנישט געפעלט. אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן האָבן זיי געלעבט פיל בעסער ווי ביי זיך אין דער היים, ווייל דאָ האָבן זיי געגנאָסן פון ביידע וועלטן: פון דעם וואָס איז געליי־ פערט געוואָרן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די סחורות, וועלכע זיי האָבן „איינגעשלונגען מיט די אויגן” אין די שטעט און שטעטלעך פון פריער־ דיקן פּוילן.

אונדזערע פריינט און באַקאַנטע האָבן אונדז מקנא געווען מיט דער

דאָזיקער אַרבעט, ווייל פון אַ נאָרמאַלן פּאָסטן האָט מען נישט געקענט לעבן, אויב מען האָט נישט געהאַט קיין זייטיקע צוגאָב־הכנסה. מיר דאַרפן אָבער נישט גערעדט פון די טעג, ווען עס איז געווען גאָר שווער צו קריגן אַן אָרט. מיר האָבן נישט געדאַרפט אויסגעבן געלט אויף עסן, וואָס איז געווען די גרעסטע אויסגאַבע אין יענע טעג. פאַרקערט, מיר האָבן נאָך געקענט אָפּשפּאָרן רובלעס אויף דער שלעכטער צייט און אויך דערגענצן די אָרעמע גאַרדעראָבע, מיט וועלכער מיר זענען געקומען פון לובלין.

דער אויסערגעוויינלעך שווערער ווינטער און די האַרבע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין ווינטער־חדשים, האָבן איינגעבראַכן דעם ווידערשטאַנד־כוח ביי צענדליקער טויזנטער פּליטים. צו דעם איז צוגעקומען די וואַקסנדיקע אַנטוישונג אין די סאָוועטישע באַפרייער. פון וואָך צו וואָך איז געוואַקסן די פאַרביטערונג. טויזנטער פּליטים, וועלכע זענען אַוועק צו די סאָוויעטן מיט די בעסטע און אויפריכטיקסטע כוונות האָבן אין אַ שיינעם העלן טאָג דערפילט, אַז מען האָט זיי שוין דערלעך אָפּגענאַרט, אַז מען האָט אויף אַ ברוטאַלן צעבראָכן זייער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. צווישן זיי זענען געווען אַ סך אויפריכטיקע קאָמוניסטן.

די דאָזיקע אַנטוישונג האָט געבוירן אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו דער היים, הגם פון דער אַנדערער זייט גרענעץ זענען אָנגעקומען אַלץ מער באַאומרואיקנדיקע ידיעות וועגן די דייטשע פאַרברעכנס. די פאַרביטערונג און אַנטוישונג האָט געמוזט זיין זייער גרויס, אויב זי האָט געבוירן דעם ווילן צו פאַרלאָזן די סאָוויעטישע טעריטאָריע און צוריקצוקערן זיך צו די דייטשן.

אין פרילינג 1940 האָט אַ דייטש־רוסישע קאָמיסיע אָנגעהויבן צו רעגיסטרירן פּליטים, וועלכע האָבן געוואָלט צוריקפאָרן אין דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע. עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן וויפל פּליטים האָבן זיך דאַן רעגיסטרירט. עס האָבן דעמאָלט קורסירט פאַרשידענע ווערסיעס. מען האָט גערעדט וועגן 100.000 און אפילו מער, וועלכע האָבן זיך רעגיסטרירט אויף צוריקפאָרן. אָבער דאָס איז געווען אַ שטאַרק־איבערגעטריבענע צאָל. איך גלויב, אַז נישט מער ווי 20—30 טויזנט פּליטים האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן צו פאַרלאָזן די סאָוועטישע זאָנע און צוריקפאָרן צו די דייטשן.

אָבער אויך די צאָל איז גפֿוועזן גענוג, כדי אָנצוצינדן דאָס „רויטע ליכט" אין די העכסטע נ.ק.וו.ד.־קרייזן. דאָרט האָט קיינער נישט געטראַכט וועגן דער ריין־מענטשלעכער זייט פֿון דעם פּראָבלעם, וועגן דער בענק־שאַפֿט פֿון אָפּגעריסענע משפּחה־מיטגלידער, וועגן צענדליקער טויזנטער טראַגעדיעס און וועגן די שווערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען אין דער סאָ־וויעטישער זאָנע. די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אין דער ערשטער ריי די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָבן געזען אַ פֿיינטלעכן עלעמענט נישט נאָר אין די פּליטים, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשריבן צוריקצופֿאָרן, נאָר אַלע אָן אויסנאַם פּליטים זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס נישט גלויבנסווערטיקע, וועלכע מען דאַרף וואָס פֿריער באַזייטיקן פֿון די „פּילבאָרע ראַיאָנען".

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן פֿון פֿאַרשיקן כמעט אַלע פּליטים פֿון די געוועזענע פּוילישע געביטן טיף קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, פּונקט ווי די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דאָס געטאָן במשך פֿון יאָרן מיט אַנדערע „אומזיכערע עלעמענטן". עס איז כמעט נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז די פֿאַרשיקונגס־פּלענער וואָלטן סיי־ווי־סיי דורכגעפֿירט געוואָרן אונטער יעדן אַנדערן פּרעטעקסט, ווייל חדשים פֿריער זענען פֿאַרשיקט געוואָרן טויזנטער „בורזשויען", „ספּעקולאַנטן", „קולאַקן", און כלערליי „אַנטי־קאָמוניסטן" פֿון אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון דער סאָוויעטישער זאָנע. די רעגיסטראַציע איז געווען נאָר אַ תּירוץ פֿאַר דער נ.ק.וו.ד. דורכצופֿירן די „טשיסטקע", אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ לאַנגיאָריקע דערפֿאַרונג.

אין מאַי 1940 איז געקומען די גרויסע ווענדונג. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן פּליטים און ברענגען צו די באַן־עשאַלאָנען אונטער דער עסקאָרטע פֿון פּאָליצײַ, אָדער נ.ק.וו.ד.־זעלנער. לויטן סאָוויעטישן שטייגער זענען די כאַפּ־אַקציעס פֿאָרגעקומען שפּעט אין דער נאַכט. די פּאָליצײַ האָט געהאַט גענויע אַדרעסן פֿון די פּליטים און דאָס האָט פֿאַרלײַכטערט זייער אַרבעט. מען האָט אַרויסגענומען מענטשן פֿון די בעטן, זיי געגעבן אַ האַלבע שעה צייט אײַנצופּאַקן די זאַכן און זיי זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן צו דער באַן, וווּ עס האָבן שוין געוואַרט צוגן מיט לאַסט־וואַגאָנען. כדי אַרײַנצונעמען וואָס מער מענטשן, זענען אין די וואַגאָנען געווען פּריטשעס אויף צוויי שטאָק. די צוגן זענען געהיטן געוואָרן דורך ספּעציעלע נ.ק.וו.ד.־אָפּטיילונגען, וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן צו דעם צוועק.

יעדן טאָג האָט מען געהערט וועגן אַלץ נייע פּריינט און באַקאַנטע, וואָס זענען אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט געכאַפּט געוואָרן. אַדאַנק דעם וואָס מיר האָבן געאַרבעט אין נ.ק.וו.ד.־רעסטאָראַן האָבן מיר דורך פאַר־שידענע וועגן באַקומען ידיעות וועגן די פּלענער פון דער נ.ק.וו.ד. לגבי די פּליטים. צוויי יידישע פּרויען, מיט וועלכע מיין פרוי האָט אָנגעהאַלטן פּריינטשאַפטלעכע באַציאונגען האָבן זי אינפאָרמירט, אַז דער פּלאַן איז אַרויסצופירן אַלע אָן אויסנאַם פּוילישע פּליטים און זיי פאַרשיקן קיין סיביר און אין די טייגעס פון אַרכאַנגעלסק. די נ.ק.וו.ד. וועט נישט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן די, וועלכע האָבן זיך רעגיסטרירט צוריקצופאָרן צו די דייטשן און די, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרשריבן. מיר האָבן זיך נישט רעגיסטרירט. אָבער גאַנץ שנעל האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די רוסן מאַכן נישט קיין שום אונטערשיד צווישןביידע קאַטעגאָריעס פון פּליטים. די לאָזונג איז געווען: „ווסיאַ ראַוונאַ" (אַלע זענען גלייך).

די צוויי פּרויען האָבן אונדז געראָטן מיר זאָלן נישט נעכטיקן ביי זיך אין דער היים, נאָר ביי פריינט, סטאַבילע איינוווינער פון לעמבערג. די דאָזיקע עצה האָבן זיי אונדז געגעבן מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך די לאַגע במשך פון אייניקע טעג ענדערן און די גזירה וועט אָפּגערופן ווערן. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אויפן געביט פון אַזעלכע איבערזידלונגס־אַקציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע רעפּובליקן פון ראַטנפאַרבאַנד. „מען דאַרף איבערוואַרטן דעם שטורעם" — האָבן זיי געזאָגט.

מיר האָבן טאַקע אָנגענומען די דאָזיקע עצה און יעדער איינער פון אונדז איז נישט געשלאָפן ביי זיך אין דער היים. יעדע נאַכט זענען מיר געגאַנגען צו אַנדערע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אונדז גערן אויפגענומען, הגם זיי האָבן אויף זיך גענומען אַ געוויסע ריזיקע. מיין עלטערער שוואָ־גער, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַפּיצירן־מאַגאַזין האָט אין אָנהייב גענאָסן פון אַ ספּעציעלן שוץ מצד אייניקע הויכע אָפיצירן, מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדט אַדאַנק די גוטע פּעקלעך, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט.

העכער צוויי וואָכן איז ער געשלאָפן אין ביוראָ פון מאַגאַזין. נאָר צוויי פאַרטרוילעכע אָפיצירן האָבן וועגן דעם געוווּסט.

טראָץ אונדזער פּריווילעגירטער סיטואַציע האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. די פאַרשיקונגס־אַקציע פון דער נ.ק.וו.ד. האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, זי איז גאָר געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און האָט אַרומגענומען טויזנטער און שפּעטער צענדליקער טויזנטער פּליטים. מיר האָבן געהאַט צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז אויב איינער פון אונדז וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד., וועלן זיך די איבעריקע צושטעלן פרייוויליק, כדי מיר זאָלן זיך נישט צעשיידן. דער באַשלוס איז געווען פאַר יעדן פּרייז צו בלייבן צוזאַמען. אונדזער מזל איז געווען וואָס מיר האָבן רעאַליסטיש געקוקט אויף דער פאַרשיקונגס־אַקציע, אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען זענען פעאיק אויף יעדער זאַך און וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שוועריקייטן.

מיר האָבן דעריבער זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צום וויטן, אומבאַקאַנטן וועג. קודם־כל האָבן מיר זיך איינגעקויפט וואַרעמע קליידער, שיך, וואָלענע דעקעס און וואַרעמע וועש. דער עלטערער שוואָגער האָט אונדז אַלע באַזאָרגט מיט אַ גענוגנדיקן קוואַנטום קאָנסערווירטע שפּייז־פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן איינגעפּאַקט אין וואַליזעס און קעסטלעך — גרייט צו יעדן מאָמענט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען מיר און מיין פרוי געמאָלדן, אַז מיר זענען אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. מען האָט אונדז נישט אָנגעגעבן קיין שום סיבה. דער דירעקטאָר פון רעסטאָראַן, וועלכער האָט אונדז איבערגעגעבן די דאָזיקע מעלדונג האָט אויסגעדריקט זיין טיפן באַדויערן וואָס מיר מוזן פאַרלאָזן די אַרבעט, הגם ער איז געווען פון אונדז זייער צופרידן. אָבער ער האָט נישט קעגן דעם קיין עצה, ווייל דאָס איז אַ באַשלוס, וואָס קומט פון די „הויכע פענצטער".

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אויך מיין שוואָגער באַקומען די זעלבע מעלדונג. ער האָט פאַרויס געוווסט, אַז מען גרייט זיך אים אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַ קלאָרע וואָרענונג, אַז דער רינג אַרום אונדז ווערט ענגער פון טאָג צו טאָג און אַז פריער, אָדער שפּעטער וועלן מיר אַריינפאַלן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד.

די דאָזיקע פאַרויסזעונגען האָבן זיך באַשטעטיקט שנעלער ווי מיר

האָבן געטראַכט. מיר זענען פשוט מיד געוואָרן פון זוכן יעדע נאַכט אַן אַנדערן מקום־מקלט ביי פרייַנט און באַקאַנטע און מיר האָבן באַשלאָסן צוריקצוגיין צו אונדזער וווינונג און רואיק וואַרטן וואָס דער גורל וועט אונדז ברענגען.

דעם 3טן יוני 1940 האָט זיך געענדיקט דער „קאַץ און מויז"־שפּיל צווישן אונדז און דער נ.ק.וו.ד. 5 אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין אונדזער וווינונג. מיר זענען נישט געווען איבעראַשט. מיר האָבן געוואַרט אויף די אומגעבעטענע געסט. ווען מיר האָבן געפרעגט ווער עס קלאַפּט, האָט אונדז אַ פעסט קול געענטפערט: נ.ק.וו.ד. דורכן אויג פון דער טיר האָב איך געזען צוויי זעלנער אין מונדירן פון נ.ק.וו.ד. ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט איינער פון זיי אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר מיט אַ לאַנגער רשימה פון נעמען. נאָך דעם ווי ער האָט פעסטגעשטעלט אונדזערע נעמען, האָט ער אונדז געמאָלדן, אַז ער האָט אַ באַפעל אונדז צו אַרעסטירן און מיטנעמען צום נאָענטסטן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז מיר דאַרפן מיט זיך מיטנעמען אַלע זאַכן, ווייל וואַרשיינלעך וועלן מיר מער נישט צוריקקומען אין דער וווינונג. מיר האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מיר האָבן זיך רואיק איינגעפּאַקט און זיי האָבן אונדז געהאָלפן אַראָפּטראָגן די זאַכן צום אויטאָ, וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט. איידער מיר האָבן פאַרלאָזט די וווינונג האָבן מיר אָנגעהאַנגען אַ צעטל אויף דער טיר, אין וועלכן מיר האָבן געמאָלדן די ברידער פון מיין פרוי און אונדזערע לעמבערגער פרייַנט, אַז מען האָט אונדז די נאַכט אָוועקגענומען און מיר וועלן זיך וואַרשיינלעך טרעפן אויף דער לעמבערגער באַן־סטאַציע.

און אַזוי איז טאַקע געווען. מיינע שוואָגערס זענען ביי אונדז געווען באַלד אינדערפרי, כדי געוויר ווערן „וואָס עס הערט זיך". גלייך ווי זיי האָבן דערזען דאָס צעטל אויף דער טיר זענען זיי אַוועק צו זיך אַהיים, שנעל זיך איינגעפּאַקט און פרייוויליק צוגעשטעלט צום פאַרשיקונגס־צוג. די צוויי מיליציאַנערן האָבן אונדז נישט אָפּגעפירט אין פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט, נאָר גלייך צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט מיינע צוויי שוואָגערס און פיל באַקאַנטע.

עובדיה פעלד

צום פֿאַרשיקונגס־לאַגער

אויף די זייטיקע רעלסן פֿון דער לעמבערגער באַן־סטאַציע זענען געשטאַנען אייניקע לאַסט־צוגן, וואָס זענען געווען באַשטימט פֿאַר די פּליטים. דער שטאַב פֿון נ.ק.וו.ד. אויף דער באַן־סטאַציע האָט באַשטימט מיט וועלכן צוג און אין וועלכן וואַגאָן יעדער דאַרף פֿאָרן. אין אונדזער וואַגאָן זענען אויף ביידע „שטאָקן" געווען ביי 40 פּערזאָנען פֿון פֿאַרשיי־דענע פּוילישע שטעט. מיר האָבן קיינעם נישט געקענט. עס זענען געווען יונגע מענטשן אין עלטער פֿון 20—30 יאָר און עלטערע פֿון איבער די 50. די שטימונג איז נישט געווען קיין גוטע, אָבער אויך נישט קיין געדריקטע. די מערהייט האָט נישט צוגעלאָזט קיין שלעכטע געדאַנקען. עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענע האָפֿענונג האָט אונדז דערמוטיקט און געשטאַרקט דאָס געפֿיל, אַז דאָס איז אַ פֿאַריבערגייענדיקער פּראָצעס, וואָס איז אַ באַגלייט־דערשיינונג פֿון דער מלחמה. קען זיין, אַז מיר האָבן נישט צוגעלאָזט צו זיך שלעכטע געדאַנקען און אַפֿילו זיך געוויצלט אויף דער שוועל פֿון דער פֿאַרשיקונג, ווייל מיר זענען אַלע געווען יונג און געזונט און דאָס איז געווען דער ערשטער שווערער נסיון אין אונדזער לעבן.

טראָץ דעם האָבן מיר פֿאַרלאָזט לעמבערג מיט אַ שווער האַרץ. אונ־דזערע פֿריינט, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט צום וויטן און אומבאַקאַנטן וועג האָבן געטאָן אַלץ, כדי אונדז צו טרייסטן און דערמוטיקן. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט אָנצוהאַלטן מיט אונדז בריוו־קאָנטאַקטן און אונדז העלפֿן מיט וואָס זיי וועלן נאָר קענען. זיי האָבן געהאַלטן זייער הבטחה און אונדז זייער אָפֿט געשיקט שפּייז־פּעקלעך אין פֿאַרשיקונגס־לאַגער. נישט מיר און נישט זיי האָבן געקענט פֿאַרויסזען, אַז אַ יאָר שפּעטער וועט זיך די לאַגע ראַדיקאַל ענדערן פֿאַר זיי און פֿאַר אונדז. זיי וועלן אַריינפֿאַלן אין די בעסטיאַלישע הענט פֿון די דייטשן און מיר, פֿאַרשיקטע אין די טייגעס וועלן ווערן פֿאַרבינדעטע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אין דער שוידערלעכער און גורלדיקער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן האָט געריררט דער פֿאַרשיקונגס־צוג מיט די 50—60 וואַגאָנען. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע ווי אין די שיינע יוני־טעג אין פּוילן. דער הימל איז געווען וואָלקן־ריין און די לבנה אין

פולער פּראַכט ווי זי וואַלט אונדז געוואָלט באַלייכטן דעם וועג אויף דער פינצטערער טראַסע. די טירן פון די וואַגאָנען זענען פאַרמאַכט געוואָרן דורך די נ.ק.וו.ד.-פּאַליציאַנטן פון דרויסן. נאָר די קליינע פענצטער פון די לאַסט-וואַגאָנען זענען געבליבן אָפן, כדי מיר זאָלן האָבן אַ ביסל פרישע לופט.

ווען מיר האָבן זיך פאַרטאָג אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָבן מיר פאַר זיך דערזען אַ גאַנץ אַנדערע לאַנדשאַפט. עס זענען פאַרשוווּנדן די אייגנאַרטיקע פּוילישע דערפער מיט די שינדל-דעכער און שטרויענע דעכער אַרומגערינגלט מיט קליינע באַאַרבעטע שטחים, וואָס זענען געווען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט הילצערנע פּלויטן. אויף זייער אָרט זענען געקומען ריזיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך מאָנאָטאָן געצויגן קילאָ-מעטערווייז. עס זענען געווען די פעלדער פון די אוקראַאינישע קאָל-כאָזן. די הייזער זענען געווען מער קאָנצענטרירט און האָבן געמאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. זיי האָבן אויסגעזען נאָך אָרעמער ווי די הייזלעך פון די אָרעמסטע פּוילישע פּויערים אין די מזרח-געביטן פון פּוילן, ווו דער לעבנס-ניוואָ אין דאָרף און אין דער שטאָט איז געווען נידעריקער ווי אין די מערב-געביטן.

וואָס טיפער דער צוג האָט זיך אַריינגעשניטן אין אוקראַאינע, אַלץ בולטער איז געוואָרן די אָרעמקייט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אויף שריט און טריט. יעדעס מאָל, ווען דער צוג איז געבליבן שטיין אַ פּאָר קילאָמעטער פאַר אַ סטאַציע נישט ווייט פון אַ קאָלכאָז, זענען מיר ממש באַלאַגערט געוואָרן דורך צענדליקער קינדער און פרויען, וועלכע האָבן ביי אונדז געבעטן ברויט און ציגאַרעטן. די קינדער און די פרויען זענען געווען אָנגעטאָן אין שטאַרק אָפּגענוצטע בגדים, באַדעקטע מיט לאַטעס, און געגאַנגען באָרוועס. זעט אויס, אַז זיי האָבן געוווּסט, אַז פון די געוועזענע פּוילישע געביטן פאָרן אַדורך „רייכע" פּליטים אין די פאַרשיקונגס-ערטער און פון זיי קען מען באַקומען שפּייז-פּראָדוקטן און ציגאַרעטן.

די דאָזיקע סצענעס האָבן אויף אונדז געמאַכט אַ שוידערלעכן איינ-דרוק. אויב אַזוי זעען אויס די דערפער אין דער פרוכטבאַרער און רייכער אוקראַאינע, קען מען זיך פאָרשטעלן די לאַגע אין אַנדערע געביטן פון

ראַטנפאַרבאַנד. די צווישן אונדז, וועלכע האָבן נאָך געהאַט וועלכע עס איז אילוזיעס וועגן דער אמתער לאַגע אין „פאַטערלאַנד פון סאָציאַליזם", האָבן שנעל געמוזט מודה זיין, אַז זיי האָבן זיך אַליין אָפּגענאַרט און האָבן געלעבט מיט פאַלשע פאַרשטעלונגען וועגן סאָוויעטישן רעזשים.

די אומגליקלעכע פליטים, וועלכע מען האָט געשיקט אין די שווערסטע אַרבעטס־לאַגערן האָבן נישט אַנטוישט די אָרעמע קינדער און פרויען פון די קאָלכאָזן. אומעטום ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָבן מיר געטיילט ברויט, צוקערלעך און אַנדערע פּראָדוקטן, הגם עס האָט אייגנט־לעך געדאַרפט זיין פונקט פאַרקערט.

די דאָזיקע רייזע אין לאַסט־צוג האָט געדויערט קנאַפּע דריי וואָכן. קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי ווו מען האָט פאַר אונדז באַשטימט דעם סטאַבילן פּלאַץ. דער צוג האָט געמאַכט פאַרשידענע זיגזאַגן און אַ סך מאָל געענדערט די ריכטונג.

די פאַרפלעגונג במשך פון די דריי וואָכן איז געווען אַ סקאַנדאַ־ליעזע. אַחוץ ברויט און „קיפּיאַטאָק" (וואַרעם וואַסער), וואָס מען קען אַן אָן אָפּצאָל באַקומען אויף יעדער סטאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען אונדז גאָרנישט געגעבן. אויף די גרעסערע סטאַציעס זענען געשטאַנען פרויען און פאַרקויפט זופּן און פאַרשידענע מעל־מאכלים, זייער פרי־מיטיוו געמאַכט און פון אַ שלעכטער קוואַליטעט. אָבער, אַז מען האָט נישט קיין ברירה, פאַסט מען זיך צו צו שלעכטע מאכלים. נישט אַלע פליטים האָבן זיך געקענט דערלויבן צו קויפן אַ טעלער וואַרעמען זופּ, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט. זיי האָבן געלעבט פון דער ברויט־צוטיילונג, וואָס מיר האָבן באַקומען און פון דעם מיט וואָס די רייכערע פליטים האָבן זיי מכבד געווען. אין וואַגאָן האָט זיך נאָך אייניקע טעג געשאַפן אַ מין קאָלעקטיוו, וועלכן דער בשותפותדיקער גורל האָט פאַר־אייניקט און דאָס האָט געשטאַרקט די סאָלידאַריטעט־געפילן ביי די פאַר־שיקטע.

אַפילו אויף די גרעסערע סטאַציעס, אויף וועלכע מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער, האָבן מיר נישט געזען קיין פלייש־פּראָדוקטן. עפּעס ווי די באַפעלקערונג וואָלט באַיקאָטירט פליישיקע מאכלים. גע־ציילטע פרויען זענען געשטאַנען ביי אָרעמע טישלעך און פאַרקויפט

קאָטלעטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן מער ברויט ווי פלייש. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אויב אַזוי זעט אויס די באַשפייזונג פון דער באַפעלקערונג אין גרויסע שטאָטישע צענטרען, אין האַרץ פון פרוכטבאַרע לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן, קען מען זיך פאָרשטעלן די לאַגע אין די פאַרוואָרפענע ערטער, אין וועלכע מען פירט אונדז.

נאָך דעם ווי מען האָט אונדז צוויי וואָכן אַרומגעשלעפּט איבער אוקראַיִנע האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צו מאָסקווע. קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט אויפקלערן דאָס רעטעניש. ווען מיר האָבן זיך געווענדט וועגן אַן אויפקלערונג צו אונדזערע באַגלייטער, האָבן מיר שטענדיק באַקומען דעם זעלבן ענטפער: „יאָ ניע זנאַיו. נאַטשאַלסטוואָ זנאַיעט" (איך ווייס נישט. די נאַטשאַלסטוואָ ווייסט). צווישן די פּליטים האָבן זיך גלייך פאַרשפּרייט אָפּטימיסטישע קלאַנגען: מן הסתם וועט מען אונדז באַזעצן נישט ווייט פון מאָסקווע, ווו מען נויטיקט זיך אין אַרבעטס־הענט און אין פאַכמענער. עס זענען אַפילו געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געשווווירן, אַז זיי האָבן אַליין געהערט פון די רוסישע אָפיצירן, אַז מען וועט אונדז באַזעצן 20—30 קילאָמעטער פון מאָסקווע אין היי־זער, וועלכע מען האָט פאַר אונדז צוגעגרייט. ווען אונדזער צוג איז אין איינעם אַ טאָג טאַקע אָנגעקומען צו דער פראַכט־סטאַציע פון מאָסקווע, וואָס געפינט זיך ביי 10 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט, האָבן די קלאַנגען אויסגעזען צו זיין רעאַלע. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז מאָסקווע איז דער באַן־קנופּ פון וואַנען עס ציען זיך די וועגן אין די ווייטע צפון־געביטן פון דעם ריזיקן לאַנד, וועמענס וועלדער פאַרנעמען אַ גרעסערן שטח ווי גאַנץ מערב־אייראָפּע.

קיינער האָט נישט געוווסט ווי לאַנג אונדזער צוג וועט שטיין אויף דער סטאַציע, צי מיר וועלן פון דאַנען ווייטער פאָרן, אָדער מען וועט אונדז מיט לאַסט־אויטאָס פירן אין דעם באַשטימטן אָרט.

עובדיה פעלד

אַ באַזוך אין מאָסקווע

דערווייל האָב איך און מיין עלטערער שוואָגער יעקב באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט און אַריינפאָרן קיין מאָסקווע אַלס „טור־ריסטן". די „געשיכטע" וועט אונדז נישט מוחל זיין דעם פאַטאַלן פעלער: צו שטיין 10 קילאָמעטער פון מאָסקווע און נישט זען די הויפּט־שטאָט — האָבן מיר געטראַכט. און אפשר איז דאָס די איינציקע און לעצטע גע־לעגנהייט צו זען די סאָוויעטישע הויפּט־שטאָט? ווער ווייסט ווהין מען פירט אונדז?

דער באַשלוס איז געפאַלן ביי 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. אין דרויסן איז געווען אַ שיינער און וואַרעמער זומער־טאָג. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען אין דרויסן און זיך געוואַרעמט אין דער אָנגענעמער זון. אויך אונדזערע באַגלייטער האָבן זיך געפילט פרייער און נישט גע־לייגט קיין אַכט דערויף וואָס אייניקע האָבן זיך אַ ביסל דערווייטערט פון צוג און געגאַנגען זוכן מציאות אין די דערבייאיקע געשעפטן און רעסטאָראַנען.

אין דעם אַלגעמיינעם כאַאָס האָבן מיר זיך דערווייטערט פון אונדזער עשאַלאָן און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג פון דער פּאַסאַזשירן־סטאַציע פון וועלכער עס איז יעדע האַלבע שעה געגאַנגען אַן עלעקטרישער שנעל־צוג פון אַלעקסאַנדראָ קיין מאָסקווע און צוריק. אויף דער באַן־סטאַציע האָבן מיר געקויפט בילעטן און אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען מיר שוין געזעסן אין עלעקטרישן צוג, וואָס האָט אונדז געפירט קיין מאָסקווע. מיר האָבן געפילט, אַז די פּאַסאַזשירן אין צוג לאָזן נישט אַראָפּ פון אונדז די אויגן. מיט אונדזער אויסערלעכן אויסזען האָבן מיר זיך אונטערשיידט פון דער גאַנצער סביבה. מיר זענען געווען געקליידט אייראָפּעאיש און הגם אונדזערע בגדים זענען געווען גאַנץ באַשיידענע, נישט פון ערשטער פרישקייט נאָך צוויי וואָכן נסיעה אין די באַדינגונגען פון אַ לאַסט־צוג, אָבער אין פאַרגלייך צו די אָרטיקע איינוווינער האָבן מיר אויסגעזען ווי לאָרדן.

מיר זענען געווען זיכער, אַז יעדן מאָמענט וועט צו אונדז צוגיין אַן נ.ק.וו.ד.־אַגענט און אונדז בעטן צו ווייזן די דאָקומענטן און דער

שפּאַציר קיין מאָסקווע וועט זיך ענדיקן. אָבער ביי זיך האָבן מיר זיך געטראַכט: וואָס האָבן מיר שוין צו פאַרלירן? וואָס קען מען אונדז טאָן? העכסטנס וועט מען אונדז צוריקפירן צום פאַרשיקונגס־צוג!

אָבער עס האָט גאָרנישט פּאַסירט און מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין מאָסקווע. אונדזער ציל איז געווען וואָס שנעלער צו פאָרן צום רויטן פּלאַץ, זען דעם לענין־מאַוזאָליי, אַריינכאַפּן זיך אין אַ שפּייז־מאַגאַזין צו קויפן אַ ביסל עסן און צוריק צום צוג.

צום רויטן פּלאַץ זענען מיר געפאָרן מיטן מעטראָ. העפלעכע רוסן, וועלכע האָבן אונדז געהאַלטן פאַר אויסלענדער האָבן אונדז דערקלערט ווי אַזוי אָנצוקומען צו לענינס קבר. דער מעטראָ האָט אויף אונדז געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק מיט זיין פּאַרנעם, עסטעטישן אויסזען און אויסערגעוויינלעכער ריינקייט. די הויפּט־סטאַציעס זענען געווען באַהאָנגען מיט ריזיקע קאַנדעלאַברעס ווי אין אַלטע קעניגלעכע פּאַלאַצן און די ווענט זענען געווען רייך דעקאָרירט מיט קונסט־מאָלערייען. עלעקטרישע באַוועגלעכע שטיגן האָבן אַרויסגעפירט די פּאַסאַזשירן אין די צענטראַלע גאַסן פון מאָסקווע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צום רויטן פּלאַץ, האָבן מיר פון וויטנס דערזען אַ קילאָמעטער־לאַנגע ריי פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך פּאַמעלעך באַוויגן צום אַריינגאַנג אין מאַוזאָליי. אויך מיר האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי און אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם מאָמענט אַריינצוגיין אין „קודשי קדשים”. אין דער ריי זענען געשטאַנען סאָוויעטישע בירגער, וועלכע זענען דאָ אַהערגעקומען פון גאַנצן לאַנד. מען האָט דאָ געזען אוזבעקן, קירגיזן, קאַזאַכן, גרוזינער, אַרמענער און אַנדערע אין זייערע נאַציאָנאַלע בגדים. די גאַנצע צייט האָבן מיר אומגעדולדיק געקוקט אויפן זייגער, ווייל מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דער מאַוזאָליי איז אָפן ביז 6 אַזייגער נאָך מיטאָג. אָבער דאָס מאָל האָט אונדז דאָס מזל נישט צוגעשפּילט. ווען מיר זענען צוגעקומען צום טויער, האָט דער זייגער געוויזן 5 מינוט נאָך 6 און די היטער האָבן מער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ „פּרעסטיזש־קלאַפּ”, ווייל מיר האָבן זיך דאָך געוואָלט באַרימען פאַר אונדזערע פריינט, אַז מיר האָבן געזען דעם באַלזאַמירטן לענין. און צום סוף אַזאַ דורכפאַל...

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן שנעל אַריינצוגיין אין איינעם פון די שפּייז־מאַגאַזינען, איינקויפן אַ ביסל פּראָדוקטן און פאָרן צוריק צום צוג. אויך אין מאַגאַזין זענען מיר געשטאַנען אין אַ „אָטשערעד״, אָבער ווען עס איז אָנגעקומען אונדזער ריי האָבן מיר געקענט קויפן וואָס מיר האָבן געוואָלט. נאָר דער קוואַנטום פון פּוטער איז געווען באַגרענעצט. איין פּערזאָן האָט נישט געקענט קויפן מער ווי 500 גראַם. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע מציאה. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי מיר האָבן געקענט קויפן פּוטער אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע זינט מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון לעמבערג.

צו אונדזער צוג זענען מיר צוריקגעפאָרן מיט דער זעלבער עלעקטרי־שער באַן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער פּראַכט־סטאַציע איז אונדז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך. אונדזער צוג האָבן מיר נישט גע־טראָפן. מיר זענען אַריבער אויף אַנדערע רעלסן, מיינענדיק, אַז אפשר האָט ער געטוישט דעם שטיי־פּלאַץ, אָבער מיר האָבן קיינעם נישט באַ־מערקט. מיר האָבן פּשוט פאַרלוירן דאָס לשון. מיר זענען געווען איבער־צייגט, אַז דער צוג איז אַוועק און איצט וועלן מיר דאַרפן מאַכן קאַלאָסאַלע באַמיאונגען צו געפינען אונדזערע נאַענטע. און אויב מיר וועלן זיך ווענדן צו דער פּאָליציי, קען מען נאָך אונדז אַנשליסן אין אַן אַנדערן פּליטים־עשאַלאָן און אונדז פאַרשיקן אין אַן אַנדערן פּלאַץ.

אַ שטראַל פון האָפענונג האָט זיך באַוויזן, ווען אַן עלטערער באַן־אַרבעטער, וועלכער האָט באַמערקט אונדזער צעמישונג און פאַרלעגנ־הייט האָט אונדז געפרעגט וואָס מיר זוכן. ווען מיר האָבן אים דערציילט אונדזער איבערלעבונג פון די לעצטע פּאָר שעה, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז עס דאַכט זיך אים, אַז אונדזער צוג געפינט זיך אַ 4—5 קילאָמעטער פון דאַנען אויף זייטיקע רעלסן און אַז שפּעט אין אָוונט וועט ער אָפּפאָרן פון מאָסקווע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אָנצונעמען די אינפאָרמאַציע פון באַן־אַרבעטער און זיך לאָזן אין וועג זוכן דעם פאַרלוירענעם צוג.

מיר זענען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן לענגאויס די רעלסן. אויפן וועג האָבן מיר נאָך געפרעגט אייניקע באַן־אַרבעטער און זיי האָבן אונדז אָנגעוויזן ווי אַזוי צו גיין. פּלוצים האָבן מיר פון דער ווייטנס דערזען

אַ צוג, אַרום וועלכן עס זענען געשטאַנען צאָלרייכע נ.ק.וו.ד.־מיליציאַנערן. אינסטינקטיוו האָבן מיר דערפילט, אַז דאָס איז אונדזער צוג. איצט איז פאַר אונדז געשטאַנען די פראַגע ווי אַזוי באַקומט מען זיך אַריין אין צוג, מען זאָל אונדז נישט באַמערקן ?

דער נאַטשאַלניק פון עשאַלאָן האָט געוווסט, אַז עס פעלן אים מענטשן. זיינע מיליציאַנערן האָבן געגנוי קאָנטראָלירט די וואַגאָנען. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן די אַלע, וועלכע וועלן זיך באַווייזן, כדי זיי צו באַשטראָפן. טראָץ דעם האָבן מיר געמאַכט אַ פּרווו אַריינצושמוגלען זיך אין עשאַלאָן. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער צוג דורך זייטיקע רעלסן, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען אָנגעלאָדענע לאַסט־וואַגאָנען. אָבער וואָס נאָענטער מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער צוג, האָבן מיר געזען, אַז ער איז שטאַרק געהיטן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו „קאַפּיטולירן" און זיך מעלדן צום נאַטשאַלניק.

דער נאַטשאַלניק איז נישט געווען איבערראַשט, ווען ער האָט אונדז דערזען. ער האָט געגנוי געוווסט וויפל „פּאַסאַזשירן" עס פעלן אים. ער האָט אונדז אָנגעקוקט מיט זיינע שפּיזיקע, דורכדרינגלעכע אויגן און אַ פראַגע געטאָן :

— ווו זענט איר געווען ?

— אין מאָסקווע — האָב איך געענטפערט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, כדי אַ ביסל צו אָנטשפּאַנען די אָנגעלאָדענע אַטמאָספער.

— ווער האָט אייך דערלויבט צו פאָרן קיין מאָסקווע ?

— מיר האָבן נישט געוווסט, אַז מען דאַרף האָבן אַ דערלויבעניש צו באַזוכן מאָסקווע, ווען דער צוג שטייט אַ פּאָר קילאָמעטער פון דער שטאָט. מיר האָבן פּשוט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו זען אַזאַ שיינע שטאָט. ווער ווייסט, ווען מיר וועלן נאָך האָבן אַזאַ שאַנס...

אָבער דער נאַטשאַלניק האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אונדזער פּשוטער און אויפריכטיקער אויפקלערונג און ווייטער געפרעגט :

— ווער האָט אייך צו דעם צוגערעדט ?

— קיינער. מיר האָבן דאָס געטאָן פון אייגענער איניציאַטיוו.

— איר האָט פאַרגעסן, אַז איר זענט נישט קיין סאָוויעטישע בירגער מיט פולע רעכטן, און נישט אַלץ איז אייך דערלויבט.

— צו דעם האָבן מיר זיך נאָך נישט צוגעוווינט. מיר זענען נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן מיט דעם וואָס מיר האָבן געוואָלט זען מאָסקווע. מיר האָבן נישט געהאַט בדעה צו אַנטלויפן, ווייל אונדזערע נאָענטע געפינען זיך אין עשאַלאָן און וואַרטן אויף אונדז אומגעדולדיק.

דער נאַטשאַלניק האָט אויף אונדז געוואָרפן אַ בייזן בליק און געענטפערט מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע:

— איך נעם נישט אָן אייערע תירוצים. איר וועט פאַר דעם באַשטראָפט ווערן. 48 שעה וועט איר זיצן אין אַרעסט־וואַגאָן. גלייך האָט ער געהייסן אונדז אָפּפירן אין דעם ספּעציעלן איזאָלאַציע־וואַגאָן.

אין צווישנצייט איז מיין פרוי געוווּיר געוואָרן, אַז מיר זענען צוריקגעקומען און פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד.־פּאָליציי. זי איז אַוועק צום נאַטשאַלניק פון עשאַלאָן און אין אַ געבראָכענעם רוסיש אים געבעטן מען זאָל אונדז באַפרייען און דערלויבן צוריקגיין אין אונדזער וואַגאָן. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער נאַטשאַלניק איז געווען איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז צוליב אונדז האָט זיך דער אָפּפאָר פון צוג פאַרשפּעטיקט מיט אַ פּאָר שעה און ער טראָגט דערפאַר די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין דעם איזאָלאַציע־וואַגאָן האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. אין וואַגאָן האָבן זיך געפונען ביי 15—20 מענער אין פאַרשידענעם עלטער. לויט זייער אויסזען און אויפפירונג האָבן מיר גלייך באַמערקט, אַז די דאָזיקע מענטשן זענען נישט קיין נאָרמאַלע. אין צענטער פון וואַגאָן איז געזעסן אַ ייד פון אַ יאָר 60 אָן אַ העמד און געזוכט לייז אויפן קערפּער. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרבלוטיקט פון די טיפע ווונדן, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט מיט די לאַנגע נעגל. ווי מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן איז דאָס געווען אַ פּליט פון ווין, וואָס וואַלגערט זיך שוין אַרום אַ לאַנגע צייט אין שווערע באַדינגונגען. ער איז געווען איינזאַם, אָן אַ פאַמיליע. אין לעמבערג האָט ער געליטן הונגער און נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. מיט אייניקע חדשים פריער איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער דעפּרעסיע. די נ.ק.וו.ד. האָט, זעט אויס, געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער ייד באַדראָט די זיכערקייט פון ראַטנפאַרבאַנד און זי האָט באַשלאָסן, אַז אויך אים דאַרף

מען פאַרשיקן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, איידער צו שיקן אים אין אַ היי־לונגס־אַנשטאַלט.

נעבן אים איז געלעגן אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 20—22, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז ער וויל זען סטאַלינען. „ווען סטאַלין ווייסט, אַז איך געפין זיך אין דעם וואַגאָן, וואָלט ער באַשטימט אַהערגעקומען און מיך באַפרייט". דאָס איז געווען אַ פאַרברענטער קאָ־מוניסט, וועלכער איז אַראָפּ פון זינען צוליב דער טיפער אַנטוישונג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע חדשים. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן פאַקט וואָס די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען מאַכן נישט קיין שום אונטערשיד צווישן קאָמוניסטן, וועלכע זענען אָפּגעזעסן לאַנגע יאָרן אין די פּוילישע תּפיסות און געוויינלעכע בשר־ודם׳ס. דער דאָזיקער אומגליקלעכער יונגנטלעכער האָט נישט געלאָזט זאָגן קיין שלעכט וואָרט אויף סטאַלינען. אויף דעם גרונט איז געקומען צו שאַרפע וויכוחים און אַפילו געשלעגן צווישן אים און אַנדערע פּאַסאַזשירן פון דעם איזאָלאַציע־וואַגאָן. דאָ זענען אויך געווען אייניקע דייטשע יידן אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע זענען פיזיש געווען אינגאַנצן איינגעבראָכן. די בלאַסע און אויס־געמאַטערטע פּנימער האָבן דערמאָנט אין דער אײדלקייט פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די היטלעריסטן קיין פּוילן און פון פּוילן אין דער סאָוויעטישער זאָנע. זיי איז שוין געווען אַלץ איינס וווהין מער פירט זיי. זיי האָבן שוין נישט פאַרמאָגט קיין שום ווידערשטאַנד־כוח. די אַפּאַטיע האָט זיי אינגאַנצן באַהערשט. זיי האָבן אַפילו נישט רעאַגירט, ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין וואַגאָן.

אין אַ ווינקל פון וואַגאָן איז געזעסן אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד אין אַ שוואַרצן כאַלאַט און שטיל געמורמלט, אַריינקוקנדיק אין אַ ספרל, הגם עס איז שוין געווען טונקל אין וואַגאָן. דער דאָזיקער ייד האָט גע־שטאַמט פון אַ שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע. ער האָט איבערגעלאָזט די גאַנצע משפּחה און איז אַנטלאָפן פון די דייטשן. אָבער אויך אויף דער זייט גרענעץ האָט ער נישט געפונען קיין רו. זעט אויס, אַז ער האָט שטאַרק געבענקט אַהיים און נישט געקענט זיך צופּאַסן צו דער פרעמדער סביבה און נייעם לעבנס־שטייגער און זיך גייסטיק צוזאַמענגעבראָכן. אין לעמבערג האָט ער קיינעם נישט געהאַט וואָס זאָל אים העלפן מאַ־

טעריעל און טרייסטן מיט אַ גוט וואָרט. יעדע פּאָר מינוט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר און געווענדט דעם בליק צום סופיט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ תשובה פון הימל אויף די האַרבע קשיות, וועלכע ער האָט אין האַרצן געשטעלט.

די אומגליקלעכע מענטשן פון דעם וואַגאָן האָבן אויף אונדז געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. פּלוצים האָבן מיר דערפילט, אַז אונדזער לאַגע איז אַ פיל ערגערע ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. די דאָזיקע מענטשן האָבן פאַר אונדז מיט איינמאָל פאַרגעשטעלט דעם ביטערן גורל פון די יידישע פּליטים, וועלכע וואַלגערן זיך אַרום אויף די וועגן פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע.

מיר האָבן געזוכט פאַר זיך אַ ווינקל אין וואַגאָן דורכצוהאַלטן די 48 שעה, אָבער נישט געפונען. דער סאַניטאַרער מצב אין וואַגאָן איז געווען אַזאַ, אַז עס איז ממש געווען אַ סכנה זיך צו דערנענטערן צו די אומ־גליקלעכע מענטשן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו שאַפן אַ מין איזאָ־לאַציע־פּונקט דורך לייגן אַ ברעט צווישן איין פענצטער און דעם צווייטן און אַזוי אָפּזיצן די גאַנצע נאַכט. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר זענען געזעסןביים אָפענעם פענצטער און אַ גאַנצע נאַכט נישט גע־שלאָפן. אין דער פרי, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינער סטאַציע, איז צו אונדז אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק און אונדז באַפרייט פאַר דער צייט. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע אַמנעסטיע. די ערשטע אַמנעסטיע אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

די שמחה אין אונדזער וואַגאָן איז געווען זייער גרויס, ווען מיר האָבן זיך באַוויזן פרישע און געזונטע. אויך מיר האָבן זיך שטאַרק גע־פרייט אַז מיר זענען אַרויס פון דעם גיהנום. זעט אויס, אַז דער נאַטשאַל־ניק פון צוג האָט מורא געהאַט, אַז מיר זאָלן נישט אַריבערטראָגן דעם שוידערלעכן סאַניטאַרן צושטאַנד פון דעם וואַגאָן אין אַנדערע וואַגאָנען. סוף־כל־סוף איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צוג.

פון אונדזערע פריינט זענען מיר געוווויר געוואָרן, אַז ווען דער צוג איז געשטאַנען נישט ווייט פון מאָסקווע זענען אַ פּאָר צענדליק פּליטים פאַרשוווּנדן און מער נישט צוריקגעקומען. אין גרעסטן טייל זענען דאָס

געווען איינצלנע פּערזאָנען אָן משפחות, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פּאַר־לאָזן דעם פאַרשיקונגס־צוג און זוכן די פרייהייט אין אַנדערע סאָוויעטישע שטעט, אָדער זיך צוריקכאַפּן קיין לעמבערג. עס איז שווער פעסטצושטעלן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן נישט גע־האַט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן. די נ.ק.וו.ד. האָט מן הסתם מודיע געווען זייערע אינסטאַנצן און די אַנטלאָפענע זענען געזוכט געוואָרן אויף אַלע באַן־סטאַציעס און אין אַנדערע ערטער. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ טייל פון זיי איז געלונגען צו בלייבן אין אַנדערע שטעט. פאַר געלט האָט מען געקענט קויפן אַ דאָקומענט און אַפילו הויכע נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן זענען געווען גאַנץ גוטע סוחרים. אין אַ סך פאַלן האָט דעצידירט נאָר דער פּרייז.

פון אונדזער וואַגאָן האָט קיינער נישט געפעלט. אַלע זענען געווען פאַרבונדן מיט משפחות און קיינער האָט זיך נישט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון מאַכן ויברח. קיינער האָט דעריבער נישט געצווייפלט אין דעם, אַז מיר וועלן צוריקקומען, אַפילו ווען מיר וואָלטן פאַרשפּעטיקט דעם צוג.

פון מאָסקווע האָט דער שלעפּ־צוג פאַרשנעלערט זיין טעמפּאָ. לויט אַלע סימנים האָבן די העכסטע נ.ק.וו.ד.־אָרגאַנען שוין געהאַט געענדיקט באַ־שלאָסן וווהין צו שיקן אונדזער עשאַלאָן. דער צוג איז אַוועק אין דער ריכטונג פון אַלעקסאַנדראָ — יאַראָסלאַוו און דאָס האָט באַשטעטיקט אונ־דזער השערה, אַז מען שיקט אונדז אין ווייטן צפון — אין געביט פון אַרכאַנגעלסק. פון יאַראָסלאַוו איז דער צוג געפאָרן אין דער ריכטונג צו וואָלאָגדאָ און דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז מיר פאָרן אַריין אין דעם ריזיקן געביט פון אומענדלעכע וועלדער און טייגעס. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף די גרעסערע סטאַציעס, כדי אונדז צו באַזאָרגן מיט ברויט און „קיפּיאַטאָק" און אונדז דערמעג־לעכן צו באַפרידיקן די ביאָלאָגישע באַדערפענישן.

עובדיה פעלד

„ראַזיעזד טאַרזאַ 890"

נאָך וואַלאַגדאַ הייבן זיך אָן די ווייסע נעכט. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג. מען ווערט ווי פאַרכאַפּט פון די סודות פון דער נאַטור. די ווייסע נעכט זענען אַ מין בין־השמשות. עס שאַפט זיך דער איינדרוק ווי די פינצטערניש וואָלט פאַרשווונדן געוואָרן פון דער וועלט און אויף איר אָרט איז געקומען אַ געדעמפּטע ליכט ווי פון אַ טונקעלן אַבאַזשור. מיר זענען געזעסן ביי דער אָפענער טיר פון וואַגאָן און באַוווּנדערט דעם הימל מיט די שטערן, די פעלדער און די הויכע שלאַנקע ביימער, וואָס האָבן אונדז די גאַנצע צייט באַגלייט.

די ווייסע נעכט דויערן 6—7 וואָכן אין דעם הייסן און קורצן זומער. שפּעטער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די „ווייסע נעכט" ווערן נישט באַוווּנדערט צוליב זייער נאַטור־שיינקייט, נאָר ווערן קודם־כל אויסגע־נוצט צום פאַרגרעסערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט לטובת דעם סאָציאַ־ליסטישן פאָטערלאַנד. אין די ווייסע נעכט קען מען אַרבעטן 24 שעה אָן איבעררייס... און אַזוי איז טאַקע געווען.

נאָך וואַלאַגדאַ האָבן פון אונדזער צוג, וואָס האָט געהאַט ביי 50—60 וואַגאָנען אָנגעהויבן „צו פאַלן שטיקער". יעדע פּאָר שעה האָט זיך אָפּ־געשטעלט דער צוג און אַ פּאָר וואַגאָנען זענען אָפּגעטיילט געוואָרן און אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זייטיקע רעלסן. דאָרט האָבן שוין געוואַרט נ.ק.וו.ד.־מענטשן מיט טראַנספּאָרט־מיטלען, כדי איבערצופירן די פאַר־שיקטע אין די באַשטימטע אַרבעטס־לאַגערן און „פּאָסיאָלקעס" (אַרבעטס־דערפער) אין האַרץ פון די טייגעס. קיינער פון אונדז האָט ביזן לעצטן מאָמענט נישט געוווּסט וווּ עס וועט זיין זיין באַשטימונגס־אָרט. ביי דער פאַנאַנדערטיילונג פון די וואַגאָנען זענען צעשיידט געוואָרן פריינט און אַפילו קרובים, אויב זיי האָבן זיך נישט געפונען אין דעם זעלבן וואַגאָן. קיין שום אינטערווענצן און קיין שום ביטעס האָבן נישט געהאָלפן. נ.ק.וו.ד. פאַררעכנט זיך נישט מיט אַזעלכע נאַרישקייטן ווי מענטשלעכע געפילן, פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען און פאַמיליע־בונדן. דאָס זענען אייגנ־שאַפטן פון „פאַרפוילטן קאַפּיטאַליזם", וואָס האָט נישט מער קיין עקזיס־טענץ־באַרעכטיקונג אין „דער וועלט פון מאָרגן".

דעם 21טן יוני 1940 האָבן זיך אונדזערע וואַגאָנען אָפּגעשטעלט פאַר א נעבעכדיקער באַן־סטאַציע מיטן נאָמען „ראַזיעזד טאַרזא 890". די גאַנצע סטאַציע איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם הילצערנעם באַראַק, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַן אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער שילד מיטן נאָמען פון דער אָרטשאַפט. קיין פּאַסאַזשיר־צוגן האָבן זיך דאָ כמעט נישט אָפּגעשטעלט. נאָר לאַסט־צוגן האָבן זיך דאָ אין די ווינטער־חדשים פאַרהאַלטן אויף זייטיקע רעלסן, כדי אויפצונעמען דאָס האָלץ, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון וואַלד.

אין דרויסן האָט זיך געשטעלט אַ הייסער קאָנטינענטאַלער זומערטאָג. טראָץ דער נאָענטקייט פון וואַלד איז די לופט געווען אַ טרוקענע. די טעמפּעראַטור איז געווען ביי 30 גראַד היץ. ווען די וואַגאָנען האָבן זיך ברייט געעפנט און מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל אַרויסצוטראָגן די זאַכן, האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַן אויסטערליש בילד: ביים ברעג פון וואַלד זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי לאַנגע שליטנס מיט ריזיקע, דיקע פלאַזעס. יעדער שליטן האָט געהאַט אַ לענג פון 8—10 מעטער און 3—4 מעטער די ברייט. יעדער איינער האָט זיך געפרעגט, וואָס טוען דאָ שליטנס אין אַ היץ פון 30 גראַד?

מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז די שליטנס שטייען דאָ פון ווינטער און וואַרטן אויפן צווייטן סעזאָן ביז דער שניי וועט צודעקן די וועגן אין די טייגעס. אָבער דאָס זענען געווען נישט מער ווי השערות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שליטנס האָבן זיך גאַנץ גוט אַריינגעפּאַסט אין דער ווירקלעכקייט פון „ראַזיעזד טאַרזא". עס האָט נישט לאַנג געדויערט און פון וואַלד האָט זיך דערהערט דער רעש פון טראַקטאָר־מאָטאָרן. 4 ריזיקע טראַקטאָרן זענען אַרויס פון דער טיפעניש פון וואַלד און פאַרנומען אַ פּלאַץ פאַר די שליטנס. די טראַקטאָריסטן זענען אַראָפּ פון די מאַשינען און מיט דיקע קייטן פאַרבונדן די שליטנס צו די טראַקטאָרן. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די דאָזיקע אַרבעט האָט מען אונדז באַפוילן אַרויפצולייגן די זאַכן אויף די שליטנס. די טראַקטאָריסטן האָבן געזען אונדזער פאַרוווּנדערונג און צעמישונג און צו אונדז געשמייכלט מיט די אויגן ווי איינער זאָגט: דאָס רעטעניש וועט באַלד אויפגעקלערט ווערן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער סטאַציע ביזן פּאָסיאָלעק איז

10 קילאָמעטער, אָבער קיין וועגן זענען נישטאָ. די גאַנצע טראַסע איז פול מיט זומפּן באַדעקטע מיט דיקע קלעצער, אויף וועלכע עס קענען זיך באַוועגן נאָר טראַקטאָרן און שליטנס. פאַר אַנדערע קאָמוניקאַציע־מיט־לען איז דאָ נישטאָ קיין אָרט. אַזוי האָבן מיר אַריינפּאַראַדירט אין דער טייגע אויפן רוקן פון די ריזיקע שליטנס. אויףביידע זייטן פון זומפּן־וועג זענען געשטאַנען 20 און 30 מעטערדיקעביימער פון אַלע מינים — נאָדל־און בלעטער־ביימער און צווישן זיי דיקע, נידעריקע קוסטן. נישט דער גאַנצער וועג איז געווען אַ זומפּיקער. עס זענען אויך געווען שטיקער פון טרוקענעם באָדן, איבער וועלכן מען האָט געקענט פריי שפּאַצירן. דעמאָלט זענען מיר אַראָפּגעשפּרונגען פון די שליטנס, וועלכע האָבן זיך זייער לאַנגזאַם באַוויגן און מיר זענען געגאַנגען לענגאויס די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס. אייניקע פון אונדז האָבן אויסגענוצט דעם דאָזיקן שפּאַציר און זיך געלאָזט קלויבן שוואַרצע יאַגדעס און ווילדע מאַלינעס. אַנדערע האָבן געפּרוווט צו גיין אויף די דיקע קלעצער, זיך אויסגעגליטשט און מיט די פיס אַריין אין זומפּ. דאָס איז געווען זייער ערשטע „באָד" זינט זיי זענען אַוועק פון לעמבערג.

די רייזע מיט די שליטנס איבער דעם זומפּיקן וועג האָט אַרויסגערופן אַ ביז גאָר געדריקטע שטימונג ביי דער מערהייט פּליטים, ספּעציעל ביי די עלטערע מענטשן. אַלע האָבן פּלוצים דערפילט, אַז מיר זענען אַריין אין אַ נייער וועלט, וואָס גרייט אונדז צו איבעררראַשונגען און לעבנס־שטייגער, וועלכן מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט און צו וועלכן עס וועט זיין אומגעהויער שווער זיך צוצופּאַסן. אין די אויגן פון אַ סך פרויען און מענער האָבן זיך באַוויזן טרערן און פון זייערע הערצער האָבן זיך אַרויסגעריסן טיפע קרעכצן פול מיט צער.

אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט עטלעכע שעה ביז מיר זענען אַרויס פון שמאָלן זומפּן־וועג און אַרויף אויף אַ ברייטע פּאַלאַנע מיט אויסגע־האַקטע ביימער. דאָ איז דער באָדן שוין געווען אַ פעסטער. די גרויסע קלעצער זענען פאַרשוווּנדן און די ריזיקע טראַקטאָרן האָבן זיך גערוקט פאָרויס מיט דער גאַנצער זיכערקייט. אויפן פרייען שטח האָט אויך גע־בלאָזן אַ ווינטל און די לופט איז נישט געווען אַזאַ אַנגעגליטע ווי אין דער טייגע.

די טראַקטאָרן זענען געבליבן שטיין אין האָרץ פון דאָרף און מיר האָבן אָנגעהויבן אָראָפּצונעמען די זאַכן. די שטימונג איז געווען אַ גע־דריקטע. קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט ווי אַלע וואָלטן מיט איינמאָל פאַרלוירן דאָס לשון. יעדער איינער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער אַרומיקער סביבה, וואָס האָט אונדז דערשיטערט מיט איר אָרעמקייט און נעבעכדיקייט. נישט ווייט פון די טראַקטאָרן און שליטנס זענען גע־שטאַנען צאָלרייכע גרעסערע און קלענערע הילצערנע באַראַקן, וואָס האָבן אויסגעזען, אַז אָט־אָט פאַלן זיי ווי קאָרטן־הייזלעך.

איין טראַקטאָר, צו וועלכן עס זענען געווען צוגעבונדן צוויי שליטנס איז געפאָרן ווייטער אין וואַלד אַריין צו אַ קליין דערפל, וואָס מען האָט גערופן דער „5טער פּאָסיאָלאָק". דאָס גאַנצע דערפל איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע מען האָט איינקוואַרטירט ביי 150 פאַרשיקטע פון אונדזער צוג.

אַ שעה שפּעטער האָט מען אונדז צונויפגערופן אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג, כדי אונדז צו באַקענען מיטן רעזשים, וועלכן מיר וועלן זיין אונטערגעוואָרפן אין פּאָסיאָלאָק. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן באַראַק, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער זאַל, וואָס האָט געקענט אַריינעמען ביי 200—250 פּערזאָן. דאָס איז געווען דער אַזוי גערופענער „קראַסני אוגאָלאָק" (דאָס רויטע ווינקל), ווו עס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און פייערונגען אין די אָפיציעלע יום־טוב־טעג פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָ האָט זיך אויך געדאַרפט קאָנצענטרירן דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון די דאָרפס־איינוווינער אין די אָוונטן און פרייע טעג. אָבער אין טאָרזאַ איז נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעך־קולטורעל לעבן און דער „קראַסני אוגאָלאָק" איז אין די 14 מאָנאַטן פון דער פאַרשיקונגס־תקופה געשטאַנען פוסט און ליידיק.

אויף דער ערשטער אינפאָרמאַציע־פאַרזאַמלונג האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו באַקענען דעם נאַטשאַלניק פון אַרבעטס־דאָרף, דעם לייטענאַנט וולאַדימיר דעניסאָוו. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ 35 יאָר מיט אַ בלאַס־קרענקלעך געזיכט, מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן נישט פאַר־מאָגט קיין טראָפּן וואַרעמקייט. אויף זיינע קרומע פיס האָט ער געטראָגן

הויכע שטיוול, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט געזען קיין שיך־פּאַסטע. נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען זיין פרוי וועלכע איז געווען מיט 10—12 יאָר יינגער פון אים. פונקט ווי ער איז געווען אָפּשטויסנדיק, אַזוי איז זי געווען סימפּאַטיש. לאַנגע בלאָנדע האָר האָבן אַראָפּגעהאָנגען אויף איר לייכט זומער־קלייד. זי האָט געהאַט צוויי לאַכנדיקע בלויע אויגן און איר יונג פּנים האָט געשפּרודלט מיט פרישקייט און געזונט.

דעניסאָוו האָט גערעדט שנעל ווי ער וואָלט זיך געאיילט. די פּאַרעם פון זיין רעדן איז געווען אַ באַפעלערישע. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ לאַנגע רשימה פון די פאַרשיקטע און לייענענדיק די נעמען האָט ער גע־מאָלדן ווו ער ווערט איינקוואַרטירט. איינצלנע פּערזאָנען זענען געשיקט געוואָרן אין צוויי גרויסע באַראַקן אין צענטער פון דאָרף. יעדע פאַמיליע האָט באַקומען אַ באַזונדער צימער אין אַ באַראַק. געציילטע משפּחות מיט פיל קינדער האָבן באַקומען צוויי צימערן.

ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז דריי טעג וועלן מיר זיין פריי פון אַר־בעט, כדי זיך איינצואָרדענען אין די באַראַקן. אויפן פערטן טאָג וועט זיך אָנהייבן די נאָרמאַלע אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון די בריגאַדירן — סטאַבילע רוסישע איינוווינער פון טאַרזאַ, אָדער פון די דערבייאיקע דער־פער, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען. אַרויפרוקנדיק דאָס היטל, וואָס איז געווען אויף אים צו גרויס, האָט ער אין אַן אַנטשלאָסענעם טאָן געוואָרנט, אַז קיינער טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס דאָרף אָן אַ דערלויבעניש און די, וועלכע וועלן דאָס טאָן, וועלן באַשטראָפט ווערן אין איינקלאַנג מיט די פאַרשריפטן.

מיר און מיין פרוי און אירע צוויי ברידער האָט מען צוגעטיילט איין צימער אין ערשטן באַראַק אויף דער לינקער זייט פון דאָרף. אין דעם באַראַק זענען געווען 4 צימערן און מען האָט אין זיי איינקוואַרטירט 4 פאַ־מיליעס, וואָס האָבן געציילט פון 2 ביז 4 פּערזאָנען. די צימערן האָבן געהאַט נישט מער ווי 12—14 קוואַדראַט־מעטער. פון דעם האָט כמעט אַ פערטל פון שטח פאַרנומען דער גרויסער אויוון, וועלכן מען האָט באַנוצט אין די האַרבסט־ און ווינטער־חדשים. קיין האָלץ האָט נישט געפעלט און אין ווינטער האָט דער אויוון געברענט 24 שעה אָן איבעררייס.

די צימערן זענען געווען אינגאַנצן ליידיק. דאָס איינציקע „מעבל״־

שטיק איז געווען אַ גרויס, פּרימיטיוו בעט צונויפגעשטעלט פון פּשוטע, נישט־געהובלטע ברעטער, וואָס האָט פאַרנומען מער ווי אַ העלפט פון צי־מער. אויף דעם דאָזיקן בעט האָבן געקענט שלאָפן 4 פּערזאָנען. קיין טיש און בענקלעך זענען נישט געווען. ווען איך האָב געפרעגט איינעם פון די רוסן צי מיר וועלן באַקומען עפּעס אַ שאַנק אַריינצוהענגען די בגדים, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק ווי איך וואָלט אַרויס פון אַ משוגעים־הויז.

עס איז דעריבער נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי זיך אַליין צו באַזאָרגן מיט דעם נויטווענדיקן „מעבל". פון מאַגאַזין האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן פאַרשידענע אַרבעטס־כלים — העק, זעגן, העמערלעך און טשוועקעס. פאַר די באַראַקן זענען געלעגן ברעטער און קלעצער פון פאַר־שידענע גרויסן. פון די מאַטעריאַלן האָט מען צונויפגעשטעלט אַ טיש און צוויי בענק. איבער דער אַריינגאַנגס־טיר האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פּולקע פון אייניקע ברעטער און דאָרט אַרויפגעלייגט די וואַליזעס, שכוואַרג און קאָנסערווירטע שפּייז־פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן מיטגענומען פון לעמ־בערג. די דאָזיקע פּראָדוקטן זענען געווען פאַר אונדז אַ וויכטיקער אָנשפּאַר במשך פון לאַנגע וואָכן.

דער סאַניטאַרער צושטאַנד אין באַראַק איז געווען אַ שרעקלעכער. די ווענט זענען געווען שמוציק און אָפּגעקראַכן. ווער עס זענען געווען די פריערדיקע לאָקאַטאָרן פון די דאָזיקע באַראַקן האָבן מיר נישט געוווּסט. קיינער האָט נישט געוואָלט מיט אונדז רעדן אויף דער טעמע. די אָרטיקע רוסן האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם, וועלכע האָבן דאָ פריער געוווינט. מיר האָבן אויך נישט געוווּסט ווי לאַנג די דאָזיקע באַראַקן זענען געשטאַנען ליידיק.

די ערשטע נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. מיר האָבן נישט צוגע־מאַכט קיין אויג. מיר זענען פּשוט באַלאַגערט געוואָרן דורך אַ מאַסע אויסגעהונגערטע וואַנצן, וועלכע האָבן זיך ממש מחיה געווען מיט די נייע קרבנות. אין דער פרי זענען מיר אויפגעשטאַנען צעביסענע און צעבלו־טיקטע פון דער שווערער נאַכט־שלאַכט. זעט אויס, אַז די וואַנצן־אַרמיי איז אין דער פינצטערניש אַרויס פון די אומצאָליקע לעכער אין די ווענט און פון אויוון, וואָס איז שוין לאַנג נישט געווען איינגעהייצט. מיר האָבן

דעריבער באַשלאָסן צו דערקלערן די וואַנצן אַ קריג אויף טויט און לעבן מיט אַלע מיטלען, וואָס שטייען צו אונדזער דיספּאָזיציע.

ווען איך האָב זיך באַקלאָגט פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר די אַר־בעטס־כלים, האָט ער צו מיר געזאָגט: איך האָב פאַר דיר אַ גוט מיטל קעגן די וואַנצן. אָבער די אַרבעט איז זייער אַ שווערע. וואַנצן פאַרטראָגן נישט דעם ריח פון פערד־דרעק. איר דאַרפט דעריבער נעמען פערד־אָפּ־פאַלעכץ און עס אויסמישן מיט קאַלך און מיט דעם פאַרקלעבן אַלע לעכער און שפּאַרעס. און דערנאָך אויסקאַלעכן דאָס גאַנצע צימער. דעם דאָזיקן פּאַטענט האָבן מיר געוואָלט „פאַרקויפן" אונדזערע שכנים פון באַראַק, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק אים צו קויפן. זיי זענען געווען צו פויל דורכצופירן אַזאַ שטיקל אַרבעט. און אפשר זענען זיי נישט געווען אַזוי פּילבאַר אויף דער וואַנצן־אינוואַזיע ווי מיר. אָבער מיר האָבן די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט.

קודם־כל האָבן מיר איינגעהייצט דעם אויוון און ליקווידירט די גאַנצע וואַנצן־קאָלאָניע, וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט. דאַן זענען מיר אַוועק צו דער פערד־שטאַל און געבראַכט פון דאָרט אַ פּאָר עמער פרישן "שמע־קעדיקן" פערד־אָפּפאַלעכץ. דאָס האָבן מיר אויסגעמישט מיט קאַלך און מיט די הענט אויסגעפּילט אַלע לעכער און שפּאַרעס. דאָס איז געווען אַ נישט אָנגענעמע און מיזאַמע אַרבעט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. פון קאַלך זענען מיר אָפּגעבריס געוואָרן די פינגער ביזן רויען פלייש. דערנאָך האָב איך אַ וואָך צייט נישט געקענט האַלטן אַ קעגנשטאַנד אין דער האַנט ביז די ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט. אָבער אין דער ערשטער מלחמה קעגן די וואַנצן האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון. אין די 14 פאַרשיקונגס־מאָנאַטן אין טאַרזאַ איז אונדזער צימער געווען וואַנצן־ריין. דאָס איז געווען פון די געציילטע צימערן, וואָס זענען געווען פריי פון דער דאָזיקער פּלאָג.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב דערציילט די דאָזיקע „וואַנצן־געשיכטע" אונדזער אַרבעטס־בריגאַדיר, אַלעקסיי טואינאָוו, האָט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל אַ זאָג געגעבן: הלוואי וואָלטן מיר געווען אין אייער לאַגע מיט 10 יאָר צוריק. ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך פאַרשטיי נישט גענוי זיינע ווערטער, האָט ער פאַרגעזעצט. מיט 10 יאָר צוריק האָט מען

אין מיטן ווינטער געבראַכט קיין טאַרזאָ פון אוקראַינע און צענטראַל־רוס־לאַנד ביי 2.000 קולאַקעס (פאַרמעגלעכע פויערים), וועלכע מען האָט פאַר־טריבן פון זייערע דערפער אין גאַנג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע. דאָ איז גאָרנישט געווען. קיין איין באַראַק. נאָר שניי אוןביימער. די נ.ק.וו.ד.־פאָליציי, וואָס האָט זיי דאָ אַהער געבראַכט, האָט זיי געזאָגט: דאָ וועט איר לעבן... דער גרעסטער טייל מענער, פרויען און קינדער זענען אומגעקומען אין די פרעסט. נאָר ביי 300 זענען געבליבן לעבן נאָך דעם שוידערלעכן ווינטער. איך בין איינער פון זיי. איר האָט זיך אויף גאָרנישט צו באַקלאָגן. איר וווינט איצט אין די באַראַקן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין יענעם שרעקלעכן ווינטער און אין פרילינג. מער האָבן מיר וועגן דעם נישט גערעדט.

אין צווייטן טאָג נאָך אונדזער קומען אין אַרבעטס־לאַגער האָט יעדער דערוואַקסענער באַקומען 10 רובל, כדי זיך איינקויפן שפייז־פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך און צו באַצאָלן פאַרן עסן אין דער „סטאָלאָוואַיאַ" (אַ מין פאָלקס־קיך). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע וואָכן, ווי דער עולם האָט געקענט עסן וואַרעם געקעכץ. די „סטאָלאָוואַיאַ" האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון אַרבעטס־לאַגער, אין בעסטן באַראַק, וואָס דאָס דאָרף האָט פאַרמאָגט. דאָס עס־צימער האָט געקענט מיט איין מאָל אויפנעמען 40—50 מענטשן. עס איז דאָרט געווען ריין און יעדער איינער האָט זיך אַליין באַדינט.ביים בופעט זענען געשטאַנען צוויי רוסישע פרויען, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן דאָס עסן די אַרבעטער. דער אויסוואַל פון עסן איז געווען שטאַרק אָרעם במשך פון דער גאַנצער פאַרשיקונגס־תקופה. די פרייזן פאַר די מאָלצייטן זענען געווען מער ווייניק צוגעפּאַסט צו אונדזערע פאַרדינסטן און זענען געווען די זעלבע פאַר אונדז ווי פאַר די רוסן, וועלכע האָבן דאָ געוווינט, אָדער זענען אַהערגעקומען אויף סע־זאָן־אַרבעט אין די ווינטער־חדשים. דער אונטערשיד איז באַשטאַנען נאָר אין דעם וואָס זיי האָבן מער פאַרדינט און האָבן זיך געקענט דערלויבן צו קויפן נאָך אַ זופּ, אָדער נאָך אַ פּאָר בלינטשעס. דאָס איז פּאַקטיש געווען דער טאָג־טעגלעכער מעניו אין טאַרזאָ. וואַסערדיקע זופּן מיט אַ שטיקל קאַרטאָפל, אָדער קרויט, אָדער זופּן מיט אַלטע, אָפט פאַרפוילטע שוואָמען. די בלינטשעס זענען געווען געפילט מיט קאַרטאָפל, אָדער מאָנע־

קאַשע. נאָך אַזאַ מיטאָג האָט מען ערשט געפּילט אַ באַדערפעניש עפּעס צו עסן, כדי צו שטילן דעם הונגער. די, וועלכע האָבן מיט זיך געבראַכט אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, האָבן אַהיימגענומען די זופּן און צו זיי צוגעגעבן אַ ביסל פעטס און אַנדערע פּראָדוקטן, כדי צו פאַרגרעסערן איר נאַרהאַפטיקייט און איר צוגעבן אַ שטיקל טעם.

אַמערגסטן איז געווען, ווען מען האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ „מיאַסנאַי זופּ" (פליישיקער זופּ). דאָס איז געווען שוידערלעך, ווייל דאָס „פלייש" איז געווען פון ערגסטן מין און נישט פריש. עס איז פּשוט געווען אַ סכנה צו עסן אַזאַ זופּ. איך געדענק נישט, ווען מיר האָבן כאָטש איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שטיקל פלייש. קען זיין, אַז די רוסן האָבן יאָ פון צייט צו צייט געזען פאַר זייערע אויגן אַ שטיקל פלייש אין די שעהן, ווען די סטאָלאָוואַיאַ איז געווען אָפן נאָר פאַר זיי.

די צווייטע וויכטיקע אינסטיטוציע איז געווען די „באַניע" (באָד). זי האָט זיך געפונען אין אַ האַלב־איינגעפאַלענעם באַראַק ביים עק פון דאָרף. אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין טאַרזאַ איז די באַניע געווען טעטיק יעדן טאָג. איין טאָג פאַר פרויען און דעם צווייטן פאַר מענער. נאָר די רוסן האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשידן צווישן געשלעכטער. פרויען און מענער האָבן זיך געבאָדן צוזאַמען. אין אָנהייב האָבן מיר אויף דעם געקוקט מיט גרויס דערשטוינונג, אָבער מיט דער צייט האָבן מיר זיך צו דעם צוגעוווינט ווי צו אַ נאָרמאַלער דערשיינונג.

נאָך דעם לאַנגן וועג אין די לאַסט־וואַגאָנען האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו דער באַניע ווי צו אַ גוטן וויין. ווען דער אויוון איז געווען גוט איינגעהייצט, האָט דאָס וואַסער דערגרייכט אַ הויכע טעמפּעראַטור און מען האָט געקענט מאַכן אַ גוטע שוויץ־באָד. דאָס איז געווען פון די ווייניקע פאַרגעניגנס אין טאַרזאַ. די באַניע איז שפּעטער געווען אָפן נאָך דריי מאָל אין וואָך און איז שטענדיק געווען געפּאַקט. זי האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל ביים אויפהאַלטן אַ מינימאַלן סאַניטאַרן צושטאַנד אין די שווערע וווינונגס־באַדינגונגען פון די באַראַקן.

די ערשטע באַגעגעניש מיטן אורוואַלד

אויפן 4טן טאָג האָט מען אונדז געשיקט צו דער אַרבעט. יעדער איינער האָט באַקומען פון מאַגאַזין די נייטיקע אַרבעטס־כּלים: העק, פאַרשידענע זעגן, אייזערנע קלינעס, מאָסן, שניצערס און אַנדערע מכשירים. די מענער זענען איינגעטיילט געוואָרן אין קליינע גרופּן, בראש פון וועלכע עס האָבן זיך געשטעלט רוסישע בריגאַדירן, וועלכע האָבן אונטער זיך געהאַט אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון וואַלד־אַרבעט.

קיינער פון אונדז האָט נישט באַקומען קיין אַרבעטס־קליידער און אויך נישט קיין שיך. יעדער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אין אייגענע, אָפּגענוצטע בגדים, וואָס זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען. ווען מיר זענען געקומען אויפן אָרט האָבן מיר געזען, אַז קיין אַרבעט וועט אונדז נישט פעלן, אַפילו ווען מיר וועלן דאַרפן דאָ בלייבן לאַנגע יאָרן. אויף אַ שטח פון צענדליקער קוואַדראַט־מילאָמעטער זענען געלעגן אומגעוואָרפענע און צעשניטענעביימער פון פאַרשידענע גרויסן, וואָס זענען געווען שוין האַלב־פאַרפוילט. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען דאָ אויף אַן אינטענסיוון אופן געהאַקט דעם וואַלד, נאָר מען האָט נישט באַוויזן אַרויסצופירן דאָס האָלץ. אַרבעט און די עפעקטיווקייט און צוועקמעסיקייט פון דער אַרבעט זענען אין ראַטנפאַרבאַנד צוויי באַזונדערע זאַכן. פון איין זייט איז אַרבעט אַ פאַר־הייליקטער פּרינציפּ און פון דער צווייטער זייט ווערט די אַרבעטס־פּראָ־דוקטיווקייט פון סאָוויעטישן בירגער פאַרשווענדט אויף אַ ביישפּיל־לאָזן אופן.

מיר האָבן נישט געוווסט ווער זענען די אומגליקלעכע פאַרשיקטע, וועלכע האָבן אָוועקגעגעבן זייערע כּוחות פאַר אַ טעלער וואַסערדיקן זופּ, כּדי צו פאַרניכטן די טייגע אָן שום נוצן. וועגן דעם האָט קיינער מיט אונדז נישט געוואָלט רעדן. אָבער קענענדיק אַ ביסל די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז פאַר אונדז האָבן דאָ געלעבט הונדערטער פאַרשיקטע, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַר־בעט, ווייל אין מאָסקווע, אָדער אין אַרכאַנגעלסק האָט די נ.ק.וו.ד. פּלוצים באַשלאָסן אויסצולייזן דעם אַרבעטס־לאַגער און די מענטשן איבערשיקן

אין אַן אַנדערן „פענסיאָן״ ערגעץ אין סיביר, אָדער אין ווייטן צפון, ווו זייער אַנוועזנהייט איז געווען וויכטיקער. דער סאָוויעטישער בירגער דע־צידירט נישט וועגן זיין גורל, דערצו נאָך פאַרשיקטע — שונאים פון פאָטערלאַנד...

ווען מיר האָבן אויסגעדריקט אונדזער דערשטוינונג פאַרן רוסישן ברי־גאַדיר, האָט ער צו אונדז מיט אַן איראָנישן שמייכל געזאָגט: „רעביאַטאַ (חברה) וואָס זאָרגט איר אַזוי. פעלן דען ביימער אין רוסלאַנד״...

אין רוסלאַנד פעלן טאַקע נישט קיין ביימער. די אור־וועלדער ציען זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער. אין אַרכאַנגעלסקער געביט זענען דאָ געדיכטע וועלדער, ווו אַ מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן. די רוסן, וועלכע האָבן מיט אונדז געאַרבעט, האָבן דערציילט, אַז אין אונדזער ראַיאָן געפינען זיך אַ פּאָר הונדערט דערפער מיט פאַרשיקטע און אייניקע פון איין דאָרף ווייסט נישט פון דעם צווייטן.

די צענדליקער טויזנטער קוביק־מעטער האָלץ האָט מען נישט מער געקענט באַנוצן פאַר בוי־צוועקן, אָדער אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען. דער גרעסטער טייל איז געווען באַשטימט אויף ברען־שטאָף פאַר די דער־בייאיקע שטעט. אונדזער אויפגאַבע איז דעריבער געווען אויסצורייניקן דעם וואַלד, כדי צו דערמעגלעכן דעם צוגאַנג צו אַנדערע וואַלד־טיילן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אויסהאַקן אין די האַרבסט־ און ווינטער־חדשים.

דער גרעסטער טייל פון אונדז האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געהאַלטן קיין האַק און זעג אין דער האַנט. אונדזער מייסטער איז געווען אַלעקסיי גלאַדקאָוו, אַ קליין־וווקסיקער רוס אין די פופציקער יאָרן, וועלכער איז אין 1930 פאַרשיקט געוואָרן פון צענטראַל־רוסלאַנד צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קולאַקן. זיין געזיכט איז געווען פול מיט קנייטשן פון די שווערע, אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען און ביטערער אַרבעט אין די ערשטע פאַרשיקונגס־יאָרן. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אַ גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער לאַגע. ער האָט געהאַט מיט אונדז מיטלייד, אָבער אונדזער גורל איז נישט געלעגן אין זיינע הענט. אויך ער איז געווען אַ קרבן פון אַן אכזריותדיקן רעזשים. אויף וויפל ער האָט געקענט פאַרלייכטערן אונדזער לאַגע, האָט ער דאָס געטאָן,

אַז אַנדערע רוסן זאָלן דאָס נישט זען, ספּעציעל דער לאַגער־נאַטשאַלניק, דעניסאָוו.

ער האָט אונדז געלערנט ווי אַזוי צו האַלטן די האַק און די זעג. אויף די כלים האָט ער „געשפּילט" ווי אַ ווירטואָז אויף זיין פידל. הגם ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק האָט ער געהאַט פּיל כוח אין זיינע מוסקולירטע הענט. אָבער בעיקר האָט געאַרבעט זיין קאָפּ, מיט גוטע איינפאַלן, וואָס זענען זייער וויכטיק אין דער וואַלד־אַרבעט.

מיר האָבן געאַרבעט מיט פּרימיטיווע אינסטרומענטן, וואָס זענען שוין דעמאָלט נישט אַנגעוואַנדן געוואָרן אין די מערב־לענדער ביי וואַלד־אַר־בעטן. אומעטום האָט מען זיך שוין דאַן באַנוצט מיט עלעקטרישע זעגן און אַנדערע מאָדערנע כלים. אין די אור־וועלדער פון אַרכאַנגעלסק האָט מען נאָך אויסגענוצט די מענטשלעכע מוסקולן. מען האָט אונדז ערב דער באַפרייאונג דערציילט, אַז עס זענען דאָ רוסישע בריגאַדעס, וועלכע אַרבעטן אין די וועלדער מיט עלעקטרישע זעגן, אָבער מיר האָבן זיי נישט געזען.

די ערשטע באַגעגעניש מיט דער טייגע איז געווען אַ פּיינלעכע. מיר האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין אַ שיינעם יוני־טאָג זאָל דער וואַלד מיט זיינע וואונדערבאַרע ביימער און קוסטעס זיין אַ גיהנום פאַר די באַזוכער. מיליאַרדן קאָמאַרן, פליגן און כלערליי בינען און באַנקעס האָבן באַהערשט דעם דזשונגל. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געקומען אונדז מקבל פּנים זיין. אָבער דאָס איז געווען אַ שוידערלעכער קבלת פּנים. די היץ האָט געברענט און מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רעקלעך, כדי צו אַרבעטן נאָר אין די העמדער. דאָס האָבן אויסגענוצט די קאָמאַרן און האָבן אונדז ממש שיער נישט אויפגעגעסן. די העמדער זענען שנעל פאַרבלוטיקט געוואָרן ווי מיר וואָלטן געווען אויף אַ שלאַכט פעלד.

די זומפּיקע סביבה האָט דאָ געשאַפן אידעאַלע באַדינגונגען פאַר דער פאַרמערונג פון די אינסעקטן. די וואַלד־פאַרוואַלטונגען האָבן קיינמאָל נישט אונטערגענומען די נייטיקע מיטלען, כדי צו פאַרניכטן די אינסעקטן און שאַפן מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען אין דער טייגע.

אין הויפּט־סעזאָן פון זומער איז די אינסעקטן־פּלאָג געווען אַזוי גרויס, אַז במשך פון אייניקע וואָכן האָט מען נישט אַרויסגעלאָזט די אָרעמע

פערד פון דער שטאַל. מיר האָבן געקענט פאַרטרייבן די באַנקעס מיט די הענט, אָדער מיט צווייגן פון די ביימער, אָבער די פערד זענען מאַכטלאָז קעגן דער דאָזיקער נאַטור־דערשיינונג. ווען עס האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ פערד איז אַרייַנגעפאַלן צווישן די דאָזיקע באַנקעס, וואָס זענען געווען אַזוי גרויס ווי צוויי דריטל פון אַ פינגער, האָבן זיך טויזנטער אייַנגעביסן אין האַלדז און אַנדערע טיילן פון קערפּער און ממש אויסגעצויגן דאָס בלוט פון פערד ביז עס איז אַוועקגעפאַלן. אין די טעג האָבן זיך די פערד אינ־סטינקטיוו געהאַלטן ווייט פון דזשונגל און זיך געפּאַשעט נאָר אויף די אָפענע פּלאַנעס, ווו עס האָט געבלאָזן אַ ווינט, וואָס האָט פאַרטריבן די אינסעקטן, אָדער זיי זענען געבליבן אין דער שטאַל.

מיין שכן, דער פּוילישער אָפיציר סטאַשעווסקי, איז געווען אינגאַנצן צעבלוטיקט. נאָכן ערשטן אַרבעטס־טאָג איז ער געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט געזאָגט זיין פרוי, אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד, אויב ער וועט דאַרפן ווייטער אַרבעטן אין אַזעלכע גיהנום־באַדינגונגען. מיר זענען געווען פיל יינגער פאַר אים, האָבן מיר לייכטער פאַרטראָגן די דאָזיקע פּיין.

נאָך אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג זענען מיר אַהיימגעקומען מידע און צעבראָכענע ווי נאָך אַ שווערער שלאַכט. די פּרויען האָבן אונדז נישט דערקענט. די פּנימער זענען געווען צעביסן און צעבלוטיקט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו רופן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג פון אונדזער גרופּע, כדי צו זוכן אַן עצה קעגן דער אינסעקטן־פּלאָג. אין טאַרזאַ זענען נישט געווען קיין שום סאַניטאַרע מיטלען, וואָס זאָלן העלפן פאַרטרייבן די קאָמאַרן, פליגן און כלערליי בינען. עס איז נישט געווען קיין שום פּאַסטע, וואָס זאָל מיט איר ריח דערווייטערן די אינסעקטן. וועגן דעם האָט קיינער נישט געזאָרגט. נאָר אין די בורזשואַזע לענדער פאַרנעמט מען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן ווי זאָרגן פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון בירגער, פון אַרבעטס־מענטש. דער קאָמוניסטישער רעזשים האָט נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע זינלאָזיקייטן. עס זענען דאָ וויכטיקערע ענינים, וואָס זענען נישט געלייזט געוואָרן. אחוץ דעם ווער האָט געזאָגט, אַז פאַרשיקטע זענען מענטשן ?! אפשר דאַרפן זיי טיילן דעם גורל פון די, וועלכע מען האָט דאָ אַהערגעשיקט אין סאַמע ווינטער פון 1930 יאָר און זענען אין גרעסטנ־טייל אומגעקומען מיט אַ שוידערלעכן טויט.

איינעם פון אונדזער גרופּע איז איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. מען דאַרף אָנטאָן אויפן פּנים אַ נעץ פון מאַרלע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך פון די פּליטים האָבן מיט זיך געפירט כלערליי באַנדאַזשן און ברייטע מאַרלע פאַר פאַרשידענע צוועקן. דאָס איז געווען דער איינציקער און בעסטער אויסוועג אין די פאַראַנענע באַדינגונגען.

צומאָרגנס זענען מיר געגאַנגען אין וואַלד אַריין מיט די מאַרלע־מאַס־קעס אויפן פּנים, אויך סטאַשעווסקי האָט געטראָגן אַ סוועטער מיט אַ מאַרלע־מאַסקע. דאָס האָט באַרויִקט זיינע נערוון. ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דער שווערער היץ, אָבער קעגן דעם איז שוין נישט געווען קיין עצה.

אין די ערשטע וואָכן איז די אַרבעט באַשטאַנען אין סאָרטירן די טויזנטער קוביק־מעטער האָלץ, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אין וואַלד. גאַנצעביימער האָט מען געדאַרפט צעשניידן אויף 5—6־מעטערדיקע קלע־צער, זיי אַרויסקוילערן פון וואַלד און אָנלייגן ווי אַ שאַך־ברעט אויף אַ הויך פון צוויי מעטער לענגאויס אַ ברייטער סטעזשקע. די גרויסע צווייגן פון די ביימער האָט מען פריער אָפּגעהאַקט מיט די לאַנגע שאַרפע העק און זיי געלייגט אויף גרויסע הויכע „קושטשעס". זומער האָט מען נישט געטאָרט אונטערצינדן קיין פייער אין וואַלד. נאָר שפּעט אין האַרבסט און ווען עס איז געפאַלן דער שניי האָט מען געמעגט פאַרברענען די צווייגן. אין די פּראַקטיקע טעג האָט מען זיך געקענט אַ ביסל אָנוואַרעמען ביי די ברענענדיקע קוסטעס.

נאָך אייניקע וואָכן האָט מען געקענט פעסטשטעלן, אַז עס איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט אין וואַלד אַרום דעם פּאָסיאָלאָק. לענג־אויס אַלע הויפּט־סטעזשקעס פון וואַלד זענען געשטאַנען צענדליקער „קו־טשעס" מיט האָלץ, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער טייגע. דאָס דאָזיקע האָלץ איז שפּעטער טראַנספּאָרטירט געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע מיט דער הילף פון ריזיקע שליטנס.

צום סוף פון זומער, ווען די פּלאָג מיט באַנקעס און בינען איז פאַרביי, האָט מען זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט די פערד, כדי אַרויסצופירן די קלע־צער פון וואַלד. צו דעם צוועק זענען געווען ספּעציעלע קליינע שליטנס, וואָס נאָר זייערע שפּיצן האָבן אָנגערירט דעם באָדן, כדי זיי זאָלן זיך

קענען לייכט באַוועגן. ווינטער איז פאַרשטענדלעך געווען לייכטער זיך צו באַוועגן מיט די דאָזיקע שליטנס. דעם עק פון קלאָץ, וואָס האָט אין דורכשניט געהאַט די לענג פון 4—5 מעטער האָט מען צוגעבונדן מיט אַ קייט צום שליטן און אַזוי אים צוגעשלעפּט ביזן זאַמל־פּונקט, ווו דאָס האָלץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן אין אַ באַשטימטן סדר.

אָבער די אַרבעט מיט די פערד איז נישט געווען קיין פּשוטע. עס איז געווען אַ רחמנות אויף די דאָזיקע באַשעפענישן אין די פאַרשיקונגס־לאַגערן. זיי האָבן געליטן פון לאַגער־רעזשים פּונקט ווי די מענטשן און אפשר נאָך מער. זייער בעל־הבית איז געווען אַ האַלב־ווילדער פּרימיטי־ווער טאַטאַר, טשואינאַוו, וועלכער האָט זיך אַליין קוים געהאַלטן אויף די פיס. עס זענען געווען פערד, וואָס זענען געווען שוואַך ווי אַ פליג. מיט אַ שטופּ האָט מען זיי געקענט אומוואַרפן. עס איז נישט געווען קיין וווּנדער. זייער הויפּט־שפּייז איז באַשטאַנען פון וואַלד־גראָז און בלעטער. זעלטן ווען זיי האָבן געזען אַ ביסל האָבער. און ווען מען האָט זיי שוין יאָ געגעבן אַ ביסל האָבער איז עס געווען אויף איין צאָן. מען האָט אָפּגעווינט די פערד פון עסן, אָבער קיין אַרבעט האָט מען פון זיי נישט באַקומען.

ווען מען האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין קליינעם שליטן האָט מען קיינמאָל נישט געוווּסט צי עס וועט שלעפּן. ווען מען האָט געפרעגט טשואינאַוון צי ער האָט געגעבן די פערד האָבער, האָט ער געענטפערט: „מנאָגאָ" (אַ סך). מיר האָבן שוין געוווּסט וואָס דאָס באַדייט. יעדן טאָג איז קראַנק געוואָרן אַן אַנדער פערד און די שטאַל איז שטענדיק געווען פול מיט קראַנקע און שוואַכע פערד. פיל פערד זענען קראַנק געוואָרן אויף שקאַרבוט צוליב מאַנגל פון די נויטיקע וויטאַמינען. זיי זענען אַרומ־געגאַנגען מיט די אָפענע וווּנדן און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. טשואינאַוו האָט עפּעס גערעדט וועגן אַ וועטערינאַר, וואָס דאַרף קומען פון אַ גרויסער שטאָט, אָבער מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געזען. עס איז אויך נישט געווען קיין וווּנדער. אין אַ לאַנד, ווו מען קוקט זיך נישט אום אויף אַ ליידנדיקן מענטשן, ווער וועט זיך פאַראינ־טערעסירן מיט אָרעמע פערד.

אָפט האָט פּאַסירט, אַז עס זענען בכלל נישט געווען קיין פערד צו דער אַרבעט. עס האָט ווער אויפגעמאַכט די שטאַל און די פערד, וואָס

זענען נישט געווען צוגעבונדן האָבן אויסגעווײַלט די פרייהייט און אַוועק אין אַ גאַלאָפּ אין די טיפענישן פון דער טײַגע. דאָרט האָבן זיי לכל הפחות נישט געדאַרפט שלעפן די שווערע קלעצער. דעמאָלט איז טשו־איַנאַוו אַרײַן אין אַ ווילדן כעס און געשאָלטן יעדן אין טאַטנס־טאַטן אַרײַן, אויסנוצנדיק דעם גאַנצן רוסישן און טאַטאַרישן זידל־לעקסיקאָן, און אַוועק מיט זײַן פערד אין וואַלד אַרײַן, כדי אויפצוזוכן די פאַרלוירענע סטאַדע פערד. די אַנטלאָפענע פערד האָבן אינסטינקטיוו פון דערווײַטנס דערפילט זייער בעל־הבית און פאַר פּחד זיך צעבריקעט און מיט אַ ווילדן אימפּעט געלאָפן צוריק אין שטאַל אַרײַן. אָבער עס זענען אויך געווען פאַרעקשנטע פערד, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד 2—3 טעג, איידער זיי זענען אַהיימגעקומען. טשואינאַוו האָט מיט זיי דאַן געמאַכט זײַן חשבון, דערלאַנגענדיק זיי ווי עס באַדאַרף צו זײַן מיט זײַן לאַנגער בײַטש. דערבײַ זענען געפלויגן פון זײַן מויל זאַפטיקע רוסישע און טאַטאַרישע קללות ווי פונקען פון אַ גליענדיקן אײַזן.

די, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט די פערד ביים אַרויספירן דאָס האָלץ פון וואַלד האָבן אויסגעצייכנט געקענט יעדעס פערד און האָבן געוווּסט אויף וואָס זיי קענען רעכענען. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז דאָס איינגעשפּאַנטע פערד האָט פשוט דערקלערט אַ „שטרייק" און זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס איז געווען אַ פערדישער פּראָטעסט קעגן דער צו שווערער אַרבעט, וואָס האָט מען פון זיי געפאָדערט, נישט געבנדיק זיי צו עסן. מענטשן קענען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד נישט דערלויבן אויפן לוקסוס צו דערקלערן אַ שטרייק, ווײַל זיי קענען דערפאַר באַצאָלן אַ טייערן פּרײַז, אָבער פערד האָבן פאַר דעם נישט קיין מורא...

איך דערמאָן זיך, אַז אין איינער פון די פערד־בריגאַדעס האָט גע־אַרבעט אַ חסידישער יונגערמאַן, מ. פּ., וועלכער געפינט זיך הײַנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען פעסט געבויט און זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן אַרבעטזאַמקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער צו די פערד האָט ער נישט געהאַט קיין מזל. טשואינאַוו האָט נישט געהאַט צו אים קיין גרויסע סימפּאַטיע און ער האָט אים שטענדיק פאַרוקט די ערגסטע פערד צו דער אַרבעט. מיט אַזעלכע פערד איז די אַרבעט געווען ממש אָן אַפּקומעניש. מען האָט געדאַרפט באמת האָבן אײַזערנע נערוון, כדי

אויסצוהאַלטן די 10 שעה אין די שווערע באַדינגונגען פון טאַרזאַ. אָבער, ווען דאָס פערד האָט דערקלערט אַ „שטיי־שטרייק”, אָדער זיך פשוט אָוועקגעלייגט און זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי מען הערט אים נישט און אויסגערופן צו דער שקאַפע: „טפו, יאָב טוואיו מאַט”...

די דאָזיקע זאַפטיקע רוסישע קללה פון אונדזער פריינט איז שפּעטער אַרומגעגאַנגען אין פּאַסיאָלאַק אַלס וויץ, וועלכן מען האָט נאָכגעמאַכט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ווען מיר האָבן זיך יאָרן שפּעטער געטראָפן אין מינכען, האָבן מיר אים דערמאָנט זיינע „דיאַלאָגן” מיט טשואינאַוּוס פערד.

אין אַ הייסן אויגוסט־טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אין מאַגאַזין זענען אָנגעקומען פאַרשידענע סחורות פאַר די איינוווינער פון אַרבעטס־לאַגער. דאָס איז געווען אַ גרויסע איבעררעשונג פאַר אונדז, ווייל ביז איצט איז אין דעם מאַגאַזין כמעט נישט געווען וואָס צו קויפן. אין דעם „גע־שעפט” האָט יעדער איינער געקענט קויפן זיין טעגלעכע נאָרמע ברויט פון 600 גראַם. דאָס ברויט איז געווען שוואַרץ, נאַס און געהאַט אַ ביטערן טעם. דער בעקער, וואָס האָט אונדז צוגעשטעלט דאָס ברויט, האָט דאָך געמוזט לעבן, האָט ער געגנבעט מעל און דאָס פעלנדיקע מעל געדעקט מיט וואַסער. מיר זענען נישט געווען די איינציקע קרבנות. מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער אין די לאַגערן, תפיסות און אויף דער פרייהייט האָבן געגעסן אַזאַ ברויט און געשוויגן. בעסער שווייגן, איידער צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז מען איז אַ בונטאָווּשטשיק און נישט צופרידן מיט דער ווירקלעכקייט, אַפילו ווען מען נאַרט דיך אָפּ אָן שום סיבה און אָן שום באַרעכטיקונג. אַפילו גערעכטע אָנקלאַגעס זענען געווען געפערלעך אין יענע טעג פון דער גרויזאַמער סטאַליניסטישער תקופה.

זונטיק און אין די יום־טוב־טעג האָט מען אויך געקענט קויפן ווייס ברויט, וואָס איז קוואַליטאַטיוו געווען פיל בעסער, אָבער עס איז געווען אַזוי טייער, אַז מיר האָבן נישט געקענט זיך דערלויבן עס צו קויפן. אַפילו פאַר די רוסן, וועלכע האָבן פאַרדינט פיל מער פאַר אונדז, איז דאָס ווייסע ברויט געווען אַ לוקסוס. ברויט איז געווען דאָס הויפּט־אַרטיקל פון „גע־שעפט”. קיין אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן ווי פלייש, סאַרדינען, אייער, פּוטער, פעטס, מאַרמעלאַדעס האָט מען בכלל נישט געזען ווי זיי וואָלטן פאַר־

שווונדן פון דער וועלט. נאָר אין טאָג פון אַרבעטער־יום־טוב, דעם ערשטן מאַי 1941 האָבן מיר באַקומען 100 גראַם פּוטער. דאָס איז געווען די איינציקע פּוטער־צוטיילונג במשך פון די 14 מאָנאַטן פון פאַרשיקונגס־לאַגער. צוויי אַרטיקלען האָבן קיינמאָל נישט געפעלט אין מאַגאַזין: „ספּיטשקעס״ (שוועבעלעך) און זאַלץ. אַחוץ דעם זענען געווען אַזעלכע אַרטיקלען ווי צעמאַלן טרוקן ברויט, וואָס האָט שוין געשימלט און צעמאַלענע געטריקנטע בארנעס, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקויפט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין טעם און קיינער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו מאַכן פון דעם אַ מאכל, וואָס מען זאָל קענען עסן. יעדע פאַמיליע האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ פּאָר פעקלעך פון די דאָזיקע „דעליקאַטעסן״ אויף אַ שעת הירום, אויב עס וועלן זיך מאַכן טעג און דאָס ברויט וועט נישט אָנקומען צו דער צייט צוליב פאַרשידענע אומדערוואַרטע סיבות. און דאָס האָט טאַקע אייניקע מאָל פּאַסירט, ווייל דאָס ברויט האָט מען יעדן טאָג געבראַכט פון ראַיאָן־שטאָט מיט דער באַן און מיטן זומפּן־וועג.

אין מאַגאַזין האָט מען אויך געקענט קויפן „לאַפּטשעס״, געפלאָכטענע סאַנדאַלן, וועלכע עס האָבן געטראָגן די אָרעמע קאָלכאָזניקעס און אַרבע־טער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו קויפן שטיול (ווילאָ־קעס). די „לאַפּטשעס״ האָט מען אַרומגעוויקלט מיט כלערליי שמאַטעס און אין זיי געאַרבעט אין שניי. זייער פיל מענער און אַ סך פרויען אין טאַרזאַ האָבן געטראָגן די דאָזיקע לאַפּטשעס, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווילאָקעס.

ווען מען האָט אונדז געמאָלדן וועגן אָנקום פון פרישע סחורות אין מאַגאַזין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט געבראַכט אַ געוויסע צאָל ווילאָקעס און „פופייקעס״ (וואַטענע רעקלעך, וואָס זענען זייער פאַר־שפּרייט אין דאַטנפאַרבאַנד, ספּעציעל צווישן די אַרבעטער). אָבער יעדער איינער פון אונדז האָט זיך געוווּנדערט: אין אויגוסט, אין די גרויסע היצן ברענגט מען פילצענע שטיול און פופייקעס? ווו זענען די זומער־סחורות?

מיר זענען נאָך געווען „גרינע״ און נישט געקענט די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט. מיר האָבן נישט געוווסט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרף מען זיך אין זומער באַזאָרגן מיט ווינטער־זאַכן און אין ווינטער מיט זומער־

אַרטיקלען. די, וועלכע האָבן זיך טאַקע אָנגעשטרענגט און אין אויגוסט געקויפט ווילאַקעס און פופייקעס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס חכמים, און די, וועלכע האָבן נישט געקויפט, האָבן פאַרשפּעטיקט די באַן, ווייל אין די ווינטער־חדשים האָט מען געבראַכט אין מאַגאַזין זומער־קליידונג, וואָס קיינער האָט נישט געדאַרפט. און אין טאַרזאַ האָבן זיך די מענטשן אַרומגעדרייט מיט אָפּגעפּרוירענע פּיס.

די צאָל פופייקעס און ווילאַקעס, וואָס מען האָט געבראַכט אין די ווינטער־חדשים איז געווען אַ נישטיקע און איז געווען באַשטימט נאָר פאַר די, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט מיט אויספילן די נאָרמעס. דעריבער דאַרף מען געדענקען, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז צו יעדער צייט געווען אַ נאָרמאַלע לאַגע. די מדינה האָט זיך נאָך נישט געפונען אין אַ קריגס־צושטאַנד, וואָס וואָלט אין אַ געוויסער מאָל אפשר באַרעכטיקט דעם מאַנגל פון וואַרעמע בגדים.

אָנהייב סעפּטעמבער האָט דער נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד., דעניסאָוו צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאַסיאַלאַק־איינוווינער אין „קראַסני אוגאַלאַק", כדי אונדז איבערגעבן אַ פּאָר וויכטיקע ענינים. קיינער האָט פריער נישט געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. קיין גוטע בשורות האָבן מיר נישט דערוואַרט. אויף וואָס קען מען שוין האָפן אין פאַרשיקונגס־פּאַסיאַלאַק ?

ווי שטענדיק, איז דעניסאָוו אויך דאָס מאָל געווען שטרענג־פאָרמעל. זיין בלייך פּנים איז געווען אָנגעצויגן און פאַרכמאַרעט ווי ער וואָלט געטראָגן וועך ווייסט וואָס פאַרא פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יעדע ווײַלע האָט ער נערוועז אַרויפגערוקט דעם דאַשעק פון היטל, וואָס איז אים געווען צו גרויס אויפן שפּיציקן קאָפּ.

צום ערשטן מאָל האָט ער צו אונדז גערעדט ווי צו „ספּעץ־פּערעסע־לענצעס" (ספּעציעלע איבערזידלער). מיר דאַרפן באַטראַכטן טאַרזאַ אַלס אונדזער סטאַבילע היים און זיך דאָ פילן ווי אין אַ סטאַבילן וווינונגס־אָרט און נישט ווי אין אַ דורכגאַנגס־לאַגער. דעריבער דאַרף מען בעסער אַרבעטן, כדי מער צו פאַרדינען און זיך שנעלער צופּאַסן צו די באַדינ־גונגען פון אָרט. אייניקע טעג פאַר דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר געהערט פון די אַרטיקע רוסן אַזעלכע „טרייסט־ווערטער": „זדיעס בודיעטיע זשיט,

אי זדיעס פּאַדאַכניעטיע״ (דאָ וועט איר לעבן און דאָ וועט איר פּגרן). דאָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער דערקלערונג פון דעניסאָוון. צום סוף פון זיינע ווערטער איז געקומען די וויכטיקסטע בשורה. כדי צו פאַר־לייכטערן אונדז דאָס לעבן אויפן אָרט, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען באַשלאָסן צו פאַרקויפן אויף גינסטיקע באַדינגונגען קי און ציגן צו די, וועלכע וועלן דאָס וועלן.

אויפן זאַל האָט געהערשט אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט ממש געהערט דאָס קלאַפּן פון די הערצער. דאָס איז געווען די ערשטע רעאַקציע אויף דעניסאָווס פאָרשלאַג. ער האָט אינסטינקטיוו דערפילט די באַדייטונג פון דער דאָזיקער רעאַקציע. אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויף קיין גרויסן דערפאָלג קען ער נישט רעכענען, ווייל די אָנוועזנדיקע באַ־טראַכטן זיך כלל נישט אַלס „ספּעץ־פּערעסעלענצעס״, נאָר אַלס פאַרשיק־טע מיט כוח, און נישט געוואָלט מסכים זיין מיט זייער איצטיקן אומגע־זעצלעכן סטאַטוס. צום סוף האָט ער געמאָלדן, אַז ביז 10 טעג דאַרף מען געבן אַן ענטפער וועגן פאַרשרייבן זיך צו באַקומען אַ קי, אָדער אַ ציג.

די מעלדונג פון דעניסאָוון האָט אַרויסגערופן אַ הייסן וויכוח צווישן אונדז. דאָס איז געוואָרן די הויפּט־טעמע ביי דער אַרבעט, אין די באַראַקן און ביי יעדער באַגעגעניש צווישן די איינוווינער. דאָס נעמען אַ קי, אָדער ציגן איז געווען אַקטועל נאָר פאַר פּאָר משפּחות, ווייל איינצלנע פּערזאָנען האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט די בהמות. די אַב־סאָלוטע מערהייט האָט געטענהט, אַז מען טאָר נישט אָננעמען דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, ווייל מיט דעם וועלן מיר וויזן דער נ.ק.וו.ד., וואָס שטייט באַשטימט הינטער דעם דאָזיקן כיטרען פּלאַן, אַז מיר זענען גרייט זיך איינצואָרדענען אויף סטאַביל אין די פאַרשיקונגס־ערטער. זיי האָבן אויך אַרויסגערוקט דעם אַרגומענט, אַז אויב עס וועט קומען אַן ענדערונג אין אונדזער סטאַטוס און מען וועט אונדז וועלן באַפרייען, וועלן די, וועלכע וועלן נעמען קי און ציגן אָנטרעפן אויף גרויסע פאָרמעלע שוועריקייטן און וועלן זיך נישט קענען באַפרייען פון דעם פּלאָנטער.

די דאָזיקע אַרגומענטאַציע האָט געזיגט און די אַבסאָלוטע מערהייט האָט פּשוט נעגירט דעניסאָווס פאָרשלאַג. נאָר צוויי פאַמיליעס האָבן גע־האַנדלט אַנדערש. מיין משפּחה און די משפּחה פון דעם בלעכער מ. וו.,

וואָס האָט געהאַט עטלעכע קינדער. מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַ ציג און זיי האָבן גענומען אַ קו. איך האָב גענומען אויף זיך די הויפּט־פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם דאָזיקן גורלדיקן שריט. מיין הויפּט־אַרגו־מענט איז געווען אַ פּשוטער: אין אַלע באַדינגונגען דאַרף זיך דער מענטש שאַפן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. איך האָב אָנגעוויזן דערויף, אַז אויף דער הילף פון אונדזערע פריינט אין לעמבערג קען מען נישט רעכענען אויף אַ לאַנגער טערמין. אויך זיי וועלן מיד ווערן פון שיקן אונדז שפּייז־פּעקלעך אויב די פאַרשיקונג וועט זיך פאַרלענגערן. אַחוץ דעם דאַרף מען ביי די רוסן זיין גרייט אויף איבערראַשונגען. אין איין שיינעם העלן טאָג קען די נ.ק.וו.ד. מעלדן, אַז זי דערלויבט נישט צו שיקן פּעקלעך אין די פאַר־שיקונגס־לאַגערן און דעמאָלט וואָלט זיך אונדזער באַשפּייזונגס־לאַגע קאַ־טאַסטראָפאַל פאַרערגערט.

פון לעמבערג האָבן מיר טאַקע פון צייט צו צייט באַקומען ווערטפולע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן צו דערגענצן די נישטיקע אַרטיקע באַשפּייזונג. נישט יעדער איז געווען אין אַזאַ גליקלעכער לאַגע אין טאַרזאַ. די אַבסאָלוטע מערהייט האָט נישט געהאַט פון וועמען צו באַקומען אַזאַ הילף. אַ דאַנק דעם קאָנטאַקט מיט אונדזערע פריינט אין לעמבערג האָבן מיר אַפילו באַקומען אַ פּעקל פון לובלין און אייניקע בריוו. אויך דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין די באַדינגונגען פון טאַרזאַ.

איך האָב געמוזט שווער אַרבעטן, כדי איבערצייגן מיין פרוי, אַז מיר דאַרפן נעמען אַ ציג, וואָס וועט אונדז יעדן טאָג געבן אַ 2—3 ליטער מילך, אויב מיר וועלן זיך מיט איר ווי געהעריק פאַרנעמען. זי איז פּשוט פּסיכיש געווען ווייט פון פאַרנעמען זיך מיט אַ בהמה, אַפילו ווען דאָס קען פאַרלייכטערן אונדזער עקזיסטענץ. איך האָב אויך קאַטעגאָריש אָפּ־געוואָרפן דעם אַרגומענט, אַז דאָס נעמען אַ ציג קען אין דער צוקונפט זיין אַ שטערונג פאַר דער ענדערונג פון אונדזער סטאַטוס.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך זיך פאַרשריבן צו באַקומען די ציג. אַלע אונדזערע פריינט און באַקאַנטע האָבן באַוווּנדערט אונדזער געוואַגטע דעציזיע. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערראַשונג און אייניקע פון זיי האָבן ביי זיך געטראַכט, אַז דעניסאָוון איז געלונגען אונדז אַריינצו־

ציען אין אַ „בלאָטע”, פון וועלכער מיר וועלן אַזוי לייכט זיך נישט אַרויסבאַקומען.

די ציג, וועלכע מען האָט אונדז געבראַכט צוויי וואָכן שפּעטער איז אַלט געווען ביי דריי יאָר. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז זי דאַרף געבן ביי דריי ליטער מילך אַ טאָג, אָבער מער ווי צוויי ליטער האָט זי קיינמאָל נישט געגעבן. אין די ערשטע טעג האָט מיין פרוי מורא געהאַט צו איר צוצוגיין און זי מעלקן. האָב איך געמאַכט די דאָזיקע אַרבעט צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט. אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט זיך מיין פרוי צו איר צוגעוווינט און דאָס געבן איר עסן און מעלקן איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך. יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן געקענט אין דער קאַווע, אָדער אין דער וואַסערדיקער זופּ אַריינגיסן אַ ביסל מילך, איז געוואַקסן דער פּרעסטיזש פון דער ציג. זי איז געוואָרן אַ וויכטיקער מיט־גליק פון אונדזער משפּחה.

מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „גאולה” (אויסלייזונג) אָבער זי גערופן „גולאַ”, כדי צו פאַרווישן דעם נאַציאָנאַלן זין. זי האָט זיך צו אונדז אַזוי צוגעבונדן, אַז אומעטום איז זי אונדז נאָכגעגאַנגען, ספּעציעל מיין פרוי, וואָס האָט זיך מיט איר טאָג־טעגלעך פאַרנומען. אין די באַ־דינגונגען פון טאַרזאַ איז נישט געווען לייכט צו זאָרגן פאַר דער באַ־שפּייזונג פון דער ציג. דאָס גראָז און די בלעטער פון דיביימער זענען נישט געווען גענוג פאַר איר באַשפּייזונג. זי האָט זיך אויך גענויטיקט אין אַנדערע גרינצייגן און דאָס איז געווען אַ שווער פּראָבלעם אין טאַרזאַ. אונדזערע פריינט האָבן אונדז געגעבן דאָס שאָלעכץ פון קאַרטאָפל און אַנדערע גרינצייג־אָפּפאַלן, וואָס האָבן אַ ביסל באַרייכערט דעם מעניו.

ווען דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט האָבן מיר פאַר „גולאַ” גע־בויט אַ ספּעציעל שטאַלעכל אויסגעבעבעט מיט היי און שטרוי. קעגן די ווינטער־פרעסט איז זי געווען פאַרהאַרטעוועט, פונקט ווי די סטאַבילע איינוווינער פון דעם ראַיאָן.

אין פרילינג 1941 האָט אונדזער „גולאַ” געבוירן אַ צווילינג: אַ „יונג” און אַ „מויד”, ווי מיר האָבן זיי גערופן. די שמחה איז געווען גרויס און די שכנים זענען געקומען אונדז באַגריסן. אַ פּאָר טעג האָט מען זיך געוויצלט וועגן די „אייניקלעך”, וואָס זענען געבוירן געוואָרן ביי דער

משפחה פעלד. די ציגעלעך האָבן מיר אַ פּאָר וואָכן געהאַלטן ביי זיך אין שטוב, ווייל אין דער שטאַל איז געווען פאַר זיי צו קאַלט און זיי האָבן געקענט פאַרפרוירן ווערן. עס איז נישט געווען לייכט צו האַלטן די צוויי „טייוולאָנים" אין שטוב. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן שווערער זיי צו באַהערשן. זיי זענען געשפּרונגען אויפן בעט, אויפן טיש און פון טיש אויף די זייטן פון אויוון. אָבער זיי זענען געווען אַזוי שיין, און גע־ראָטן, אַז מיר האָבן זיי מוחל געווען אַלע קונדייסישע שטיק. כדי זיי אָנצו־זייגן האָבן מיר אַריינגעפירט די מאַמע אין אונדזער „סאַלאָן", ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט פאַרקילן.

ווען אין דרויסן איז געוואָרן וואַרעמער האָבן מיר זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פרישער לופט צוזאַמען מיט „גולאַ". דעמאָלט איז ביי זיי די שמחה געווען אומבאַשרייבלעך. דער „יונג" איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיין שוועסטער און זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלינקייט. פאַרנאַכט איז נישט געווען לייכט אים צו כאַפּן, כדי אים צו פאַרשליסן אין שטאַלעכל. מען האָט געמוזט אָנווענדן פאַרשידענע טריקן, כדי אים אַריינצוגאַרן. די „מויד" איז געווען געלאַסענער און רואיקער און זיך שטענדיק געהאַלטן נאָענט צו דער מאַמע.

צוויי מאָנאַטן שפּעטער האָבן מיר באַשלאָסן די „מויד" צו פאַרקויפן און דעם „יונג" צו שחטן.. דער שוחט איז געווען אונדזער שכן, שלמה האַלצמאַן, וועלכער איז געווען פון פאַך אַ קצב. דער קאָזיאָל האָט געוויגן 8 קילאָ. צום ערשטן מאָל זינט מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן, האָבן מיר געפילט דעם טעם פון פלייש.

די „פּראָגול"־פּראָצעסן

אַ פּאָר טעג פאַר ראש־השנה האָבן מיר אָנגעהויבן צו פילן אַ פאַר־שטאַרקטע אויפמערקזאַמקייט פון דעניסאָוון אויפן 13טן פּאָסיאָלאָק און פון קוזניעצאָוון אויפן דערבייאיקן 5טן פּאָסיאָלאָק. יעדן טאָג פלעגן זיי אייניקע מאָל באַזוכן די באַראַקן און זיך אויספרעגן צי עס זענען נישטאָ

קיין קראַנקע און ווער עס איז נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ספּעציעלע פּאַראַינטערעסירונג איז פאַרבונדן מיט ראש־השנה. די נ.ק.וו.ד. האָט געוואָלט וויסן צי עס זענען דאָ פּערזאָנען, וועלכע פירן אַ שטילע אַגיטאַציע נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אין יום־טוב. די נאַטשאַלניקעס פון דער נ.ק.וו.ד. פוןביידע פּאָסיאָלקעס האָבן באַשטימט באַקומען גענויע אָנווייזונגען פון דער העכערער מאַכט אַרויס־צווויין אַ ספּעציעלע וואַכזאַמקייט לגבי רעליגיעזע עלעמענטן, וועלכע וועלן צורעדן דעם עולם נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אין די הייליקע טעג. עס זענען אַפילו אַרומגעגאַנגען עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז דעניסאָוו און קוזניעצאָוו האָבן פאַר דעם צוועק מאָביליזירט אַ פּאָר מוסרים זיי זאָלן זיי אינפאָרמירן וועגן דער שטימונג צווישן די מענטשן.

אין ערשטן טאָג ראש־השנה האָבן אַלע באַראַקן זוכה געווען צו אַ ביי־יאָר־וויזיט פון די נ.ק.וו.ד.־נאַטשאַלניקעס — דעניסאָוו און קוזניעצאָוו אין באַגלייטונג פון אייניקע אַרטיקע רוסן. זיי זענען נישט געקומען, כדי אונדז צו ווינטשן אַ גוט יאָר, אַז מיר זאָלן וואָס שנעלער באַפרייט ווערן פון פאַרשיקונגס־לאַגער, נאָר כדי פעסטצושטעלן ווער עס איז נישט אַרויס־געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַזעלכע האָט מען געקענט אָנקלאָגן פאַר פאַר־לעצן די סאָוויעטישע אַרבעטס־געזעצן. פאַר אַ נישט בארעכטיקטן נישט־גיין צו דער אַרבעט, האָט דאָס געריכט צום ערשטן מאָל באַשטראָפט מיט 25 פּראָצענט פון געהאַלט, דאָס צווייטע מאָל מיט 4 מאָנאַטן תפיסה און דאָס דריטע מאָל מיט 6 מאָנאַטן.

מיר האָבן געקענט די דאָזיקע געזעצן און דעריבער זיך געהיטן נישט אַריינצופאַלן אין די אכזריותדיקע צוואַנגען פון דער סאָוויעטישער געזעצ־געבונג און אין רעזולטאַט פון דעם אין ספּעציעלע אַרבעטס־לאַגערן מיט שווידערלעכע באַדינגונגען. אַלע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט — רע־ליגיעזע און נישט־רעליגיעזע. פרומע יידן האָבן אין דעם געזען אַן ענין פון פּקוח־הנפש. די געציילטע, וועלכע זענען געבליבן אין די באַראַקן זענען געווען באַפרייט פון אַרטיקן דאָקטאָר שער, אַ „ביעזשעניעץ" (פּליט). ער איז געשטאַנען בראש פון „מעד־פּונקט" (מעדיצינישער פּונקט), וואָס האָט זיך געפונען ביי אונדז אין באַראַק. פאַר דער לאַגער־מאַכט איז ד"ר שער געווען זייער באַקוועם, ווייל זיי אַליין האָבן נישט געהאַט

קיין אייגענעם דאָקטער אין דער סביבה. ער האָט באַדינט די עטלעכע הונדערט איינוווינער פון ביידע פּאַסיאַלקעס.

צו יענער צייט האָט די נ.ק.וו.ד. נאָך נישט געצוווּנגען אַלע פרויען צו גיין צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען דריי מאָנאַטן נאָך אונדזער קומען קיין טאַרזאַ און די אַרטיקע מאַכט האָט פּשוט נישט געהאַט קיין באַשטע־טיקונג פאַר אַלע פרויען. טראָץ דעם האָט די נ.ק.וו.ד. געהאַלטן, אַז מען קען אויסנוצן אייניקע נישט אַרבעטנדיקע פרויען, כדי אַנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף אַלע איינוווינער פון ביידע „פּאַסיאַלקעס" און זיי אַ ביסל באַקענען מיט דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. און אַלס קרבנות זענען טאַקע געפאַלן צוויי יונגע פרויען פון 13טן און 5טן פּאַסיאַלאָק.

אין ערשטן ראש־השנה איז קוזניעצאָוו אין באַגלייטונג פון צוויי רוסן אַריינגעקומען אין דער וווינונג פון מרים זאַלצמאַן. דער מאַן איז פאַר־שטענדלעך געווען ביי דער אַרבעט מיט אַלע אַנדערע מענער. קוזניעצאָוו האָט געפרעגט די יונגע פרוי פאַרוואָס זי איז נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע, ווייל מרים זאַלצמאַן האָט ביז איצט נישט געאַרבעט און זי איז נישט געווען מחוייב צו גיין צו דער אַרבעט אין ראש־השנה. אין אַ שוואַכן רוסיש האָט פרוי זאַלצמאַן אויפגעקלערט דעם ענין, וואָס איז געווען פאַר איר ביז גאָר פּשוט און פאַרשטענדלעך. ווען קוזניעצאָוו האָט פאַרלאָזט די שטוב, האָט ער אַרויסגעזאָגט צוויי ווערטער: „לאַדנאָ, פּאָסמאָטרים..." (גוט, מיר וועלן זען).

אַן ענלעכן וויזיט האָט דעניסאָוו אָפּגעשטאַט אין שטוב פון שרה גרינצווייג פון 13טן פּאַסיאַלאָק. ביידע פרויען האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די דאָזיקע וויזיטן, ווייל זיי זענען געווען פריי פון יעדער־שולד. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום סיבה צו זיין באַאומרואיקט.

אָבער אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געקומען די איבערראַשונג. עס איז אָנגעקומען אַן אַ אָפיציעלער באַשולדיקונגס־אַקט מיט פּונקטן און אונ־טערפּונקטן, לויט וועלכע זיי וועלן געשטעלט ווערן פאַרן געריכט פאַר פאַרלעצן די סאָוויעטישע אַרבעטס־געזעצן. דער פּראָצעס פאַרן פאָלקס־געריכט איז באַשטימט געוואָרן אויף דעצעמבער.

אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער איז אויפן 13טן פּאַסיאַלאָק אַראָפּ־

געקומען דאָס פֿאָלקס־געריכט אין באַשטאַנד פֿון איין ריכטער און צוויי געהילפֿן. מרים איז געבראַכט געוואָרן צום פּראָצעס דורך קאָנוואָיצאָוון. אויפֿן פּראָצעס איז דער הויפּט־מחותן געווען דעניסאָוו, וועלכער האָט פֿון צייט צו צייט איינגערוימט דעם ריכטער אַ סוד אין אויער... דער מאָן פֿון מרים זאַלצמאַן איז נישט געווען אויפֿן פּראָצעס, ווייל מען טאָר נישט סתם פֿאַרלירן אַן אַרבעטס־טאָג. הגם מרים האָט נישט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָט מען איר נישט געגעבן קיין פּאַרטיידיקער. זי האָט אַפֿילו נישט פֿאַרשטאַנען דעם באַשולדיקונגס־אַקט, לויט וועלכן זי האָט פֿאַרלעצט די סאָוויעטישע געזעצן דורך נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין ראש־השנה. אין אַ צעבראָכענעם רוסיש האָט זי געטענהט, אַז זי איז נישט באַגאַנגען קיין שום עבירה און נישט פֿאַרלעצט קיין שום געזעצן, ווייל זי האָט אויך פֿאַר ראש־השנה נישט געאַרבעט, אָבער אירע רייד האָבן נישט געהאַט קיין שום ווירקונג. דער אורטייל איז געווען אַ פּראָוואָקאַטיווער און ברוטאַלער. מרים זאַלצמאַן איז פֿאַראורטיילט געוואָרן אויף זעקס מאָנאַטן אַרבעטס־לאַגער. דאָס איז געווען די האַרבסטע שטראָף פֿאַר אַ „פּראָגול". מיט דעם אורטייל האָט די נ.ק.וו.ד. געוואָלט אַנוואַרפֿן אַ פּחד אויף אַנדערע. און אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס איר געלונגען. אויך שרה גרינצייג איז פֿאַראורטיילט געוואָרן אויף זעקס חדשים לאַגער־תּפֿיסה.

די אכזריות פֿון דער נ.ק.וו.ד. איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אַפֿילו נישט דערלויבט מרים זאַלצמאַן אַהיימגיין, כּדי זי זאָל קענען מיטנעמען אירע זאַכן אין דער תּפֿיסה. אויך איר מאַן האָט מען נישט געלאָזט ברענגען איר די ווינטער־קליידער און זיך מיט איר געזעגענען. אַזוי ווי זי איז געקומען אויפֿן פּראָצעס, אַזוי האָט מען זי אָפּגעפֿירט צו פֿוס צו דער באַן־סטאַנציע און פֿון דאָרט אין דער קאַרגאָפּאָלער תּפֿיסה. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווינטער־מאַנטל און אויף די פֿיס האָט זי געטראָגן שיך אויף אַ הויכן קנאַפּל מיט גומענע באָטן, ווי דאָס איז געווען אין די נאָרמאַלע באַדינגונגען פֿון פּוילן.

אין דער קאַרגאָפּאָלער תּפֿיסה האָט מען זי געהאַלטן 10 טעג, בעת וועלכע זי איז דורכגעגאַנגען צאָלרייכע אויספֿאָרשונגען פֿון לאַנגע שעהן, וואָס האָבן אויסגעשעפּט אירע כּוחות. אויפֿן 11טן טאָג האָט מען זי, אין

באַגלייטונג פון צוויי פּאָליציאַנטן, אָפּגעפירט אין אַזוי גערופענעם „פּערע־סילני פּונקט", וואָס איז אַ מין איבערגאַנגס־תפיסה צום סטאַבילן פאַר־שיקונגס־לאַגער, ווו מען קומט אָפּ דעם אורטייל. ווען מען האָט זי אין אָוונט אַריינגעפירט אין דער אַרעסטאַנטן־צעלע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר איר איז נישטאָ קיין אָרט ווו צו שלאָפן. די צעלע איז געווען אָנ־געפּאַקט מיט הילצערנע פּריטשעס. איין פרוי האָט אויף איר רחמנות גע־קראָגן און איר דערלויבט צו שלאָפן אונטער איר פּריטשע. אָפּילו צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן מזל. די דאָזיקע נאַכט איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע. אין די ווענט זענען געווען גרויסע לעכער, פון וועלכע עס זענען געקראָכן שטשורעס ווי די לייבן. זיי זענען אָפּילו געקראָכן איבער די בעטן און געזוכט רעשטלעך שפּייז. די תפיסה־מאַכט האָט גאָרנישט געטאָן, כדי צו ליקווידירן די דאָזיקע פּלאָג. פאַרקערט, עס האָט אויסגעזען, אַז די נאַטשאַלסטוואָ איז פון דעם צופרידן, ווייל דאָס האָט פאַרגרע־סערט די פּיין פון די ליידנדיקע פרויען.

אין „פּערעסילני פּונקט" האָט מען נישט געאַרבעט, אָבער דער רע־זשים איז געווען אַ שוידערלעכער. די אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען טעגלעך 200 גראַם ברויט און צוויי מאָל אין טאָג אַ טעלער וואַסערדיקע זופּ. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אַרומגעגאַנגען הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע. איינמאָל ווען זי האָט געאַרבעט אין דער קיך ביים שיילן קאַרטאָפל האָט זי זיך אַנטשלאָסן צוגנבענען דריי קאַרטאָפל און זיי אָפּבראָטן אין דער צעלע אויפן פייער. דאָס איז געווען אַ גרויסע ריזיקע, פאַר וועלכער מען האָט געקענט באַצאָלן אַ טייערן פּרייז. אייניקע אַרעסטאַנטקעס האָבן מורא געהאַט, אַז דער היטער וועט אומגעריכט אַריינקומען און זיי כאַפּן אויף דער הייסער מינוט ביים בראָטן קאַרטאָפל. דעמאָלט קען די שטראָף זיין אַ קאָלעקטיווע. מיט אַ שווער האַרץ האָט מרים רעזיגנירט פון איר חלום צו עסן אַ געבראָטענעם קאַרטאָפל. אונטערן פּרעטעקסט, אַז זי דאַרף גיין אין דער אוביקאַציע, איז זי אַרויס פון דער צעלע און אַריינגעוואָרפן די דריי קאַרטאָפל אין דער קאַנאַליזאַציע־רער.

18 טעג האָט מרים זאַלצמאַן פאַרבראַכט אין איבערגאַנגס־לאַגער. אין די 18 טעג האָט זי פאַרלוירן 12 קילאָ.

דער וועג פון „פּערעסילני פּונקט" צום אַרבעטס־לאַגער איז געווען

פול מיט פיזישן פיין און מאָראַלישע באַליידיקונגען. דעם וועג פון 150 קילאָמעטער האָבן 20 פרויען און מענער געמוזט דורכמאַכן צו פוס אונטער דער וואַך פון 4 פּאָליציאַנטן. אויף אַ גרויסן שליטן האָט מען געפירט די זאַכן און שפּייז־פּראָדוקטן. אין דרויסן האָט געקנאַקט אַ פראָסט פון עט־לעכע און דרייסיק גראַד. אויפן פרייען פעלד האָט דער ווינט געשניטן דאָס פּנים ווי מיט מעסערס. די פרויען זענען געווען פאַרצווייפלט. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי נאָך געשלעפּט די פיס, אָבער אויפן צווייטן טאָג זענען זיי שוין געווען אָן כוחות. די רוסישע פרויען האָבן אויף די פיס געטראָגן וואַילאָקעס, אָדער לאַפּטשעס אַרומגעוויקלט מיט וואָלענע שמאַטעס, וואָס האָבן געוואַרעמט די פיס. מרים זאַלצמאַן איז געגאַנגען אין אירע גומענע באָטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגראָבן אין טיפן שניי. די מידקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער און די ווייטיקן צוליב די פאַרפרוירענע פיס אַלץ שמערצלעכער. זי האָט ביטער געוויינט און געשלעפּט די פיס מיט די לעצטע כוחות. אָבער דאָס האָט נישט גערירט די פּאָליציסטן. איינער פון זיי מיט ברוטאַלע גערוכט־שטריכן האָט צו איר געזאָגט אין אַ בייזן טאָן: „ניע קריטשי פאַ יעוורעיסקי״ (שריי נישט אויף יידיש).

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ באַ־שטימטן אָפּרו־פּונקט, ווו מען האָט זיי געגעבן אַ וואַרעמע זופּ מיט „קי־פּיאַטאָק״. אַלע זענען געשלאָפן אויפן הוילן דיל און זיך צוגעדעקט מיט די מאַנטלען. אויפן פערטן טאָג האָט מרים זאַלצמאַן זיך שוין נישט גע־קענט רירן פון אָרט. איינער פון די 4 פּאָליציסטן האָט פון אַ פּעקל, וואָס איז געלעגן אויפן שליטן אַרויסגענומען אַ פּאָר מענערישע אונטערהויזן, צעשניטן זיי און מיט דעם האָט זי אַרומגעוויקלט אירע פאַרפרוירענע פיס. דערנאָך האָט ער זי אַרויפגעזעצט אויפן שליטן, זי צוגעדעקט מיט אַ דיקער בורקע און אַזוי זי געבראַכט אין אַרבעטס־לאַגער.

צו איר איבערראַשונג איז די לאַגע אין אַרבעטס־לאַגער געווען אַ פיל בעסערע ווי זי האָט דערוואַרט. אין די ערשטע טעג איז זי טאַקע שטרעק־לעך פאַרלייזיקט געוואָרן אין דער צעלע צוליב די שווערע סאַניטאַרע באַ־דינגונגען. זעט אויס, אַז די רוסישע אַרעסטאַנטקעס האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער דאָזיקער מכה און נישט אונטערגענומען די נויטיקע קאַמפּס־מיטלען. מרים זאַלצמאַן האָט באַשלאָסן גלייך צו דערקלערן אַ

מלחמה די לייז. זי האָט זיך געוואָנדן צו דער לאַגער־פאַרוואַלטונג מיט אַ קאַטעגאָרישער פאָדערונג דורכצופירן אַ גרינטלעכע דעזינפעקציע. און דאָס איז טאַקע געמאַכט געוואָרן. אַלע קליידער און דאָס פּרימיטיווע בעט־געצייג איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין דעזינפעקציע־צימער און אויך די צעלע איז אויסגערייניקט געוואָרן מיט אַ ספּעציעל כעמיש מיטל. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די סאַניטאַרע לאַגע אין דער צעלע ראַדיקאַל געענדערט.

נאָך אַ פּאָר טעג האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס וועש־נייטאָרין, אין וועלכער דער לאַגער האָט זיך שטאַרק געניטיקט, הגם לויט די פאַר־שריפטן האָט אַ פּראָגול־פאַראורטיילטער געמעגט אַרבעטן נאָר אין דרויסן און נישט אין די וואַרשטאַטן. די באַשפּייזונג איז אין לאַגער געווען אַ פּיל בעסערע ווי אין דער קאַרגאָפּאָלער תפיסה און אַפילו בעסער ווי אויפן 5טן פּאַסיאָלאָק. היות זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַרבעט אַלס נייטאָרין, האָט זי באַקומען אַ פאַרגרעסערטע נאָרמע ברויט — פון 1.200 גראַם אַ טאָג. אין פאַרגלייך צו די 200 גראַם פון „פּערעסילני פּונקט" זענען דאָס געווען אידעאַלע באַדינגונגען. דער נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער האָט איר געבראַכט צו פאַרריכטן זיין פּריוואַטע וועש. ער האָט זיך, זעט אויס, מער פאַרלאָזט אויף אַ פרוי, וועלכע איז געקומען פון אַ פרעמדער מדינה און געהאַט אַ בעסערן געשמאַק ווי די רוסישע פרויען.

אין דעם לאַגער האָט זיך מרים זאַלצמאַן באַגעגנט מיט שרה גרינצייג פון 13טן פּאַסיאָלאָק, און מיטן פאָטער פון איר חברטע, יהושע פריידן, וועלכער האָט באַקומען זעקס מאָנאַטן פאַר נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין אַ פראָסט פון 40 גראַד. זי האָט אים געהאָלפן דורכהאַלטן די שווערע באַדינגונגען דורך באַזאָרגן אים מיט סוכאַרן און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן.

נאָך זעקס מאָנאַטן איז זי באַפרייט געוואָרן פון אַרבעטס־לאַגער. דעם וועג צודיק קיין טאַרזאַ האָט זי דורכגעמאַכט מיט דער באַן. פון דער באַן־סטאַציע איז זי געגאַנגען צופוס 15 קילאָמעטער ביזן 5טן פּאַסיאָלאָק. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז זי דאַרף אָנקומען. אויך נישט איר מאַן. אַלע האָבן זיך מיט איר געפרייט ווי מיט אַ זיגער, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ שלאַכט־פעלד.

מען האַקט דעם וואַלד...

פון דער האַרבסט־צייט האָבן מיר אין טאַרזאַ נישט געהאַט קיין גרויס נחת. די קאָמאַרן, בינען און אַנדערע אינזעקטן זענען טאַקע כמעט אינגאַנצן פאַרשווונדן און מען האָט געקענט אַראָפּנעמען די מאַסקעס פון די פּנימער, אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון די שלאַקס־רעגנס, וואָס האָט אונדז פאַרביטערט דאָס לעבן. די שלאַקס־רעגנס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע טעג מיט קליינע הפסקות. נישט אומזיסט זענען דאָ אַזעלכע אומענדלעכע וועלדער מיט ביימער, וואָס דערגרייכן אַ הויך פון 30—40 מעטער. די ערד איז דאָ פרוכטבאַר און פאַרמאָגט גענוג וואַסער.

צו דער אַרבעט איז מען געגאַנגען אין דער פינצטער און צוריקגע־קומען אין דער פינצטער. די רוסן האָבן נישט גענומען אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז ווען מען איז אָנגעקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען שטאָק־פינצטער און מען האָט נישט געקענט אַרבעטן, ווייל מען האָט פּשוט גאָרנישט געזען. עס איז אויך געווען אַ געפאַר צו אַרבעטן אין דער פינצטערניש. איז מען געשטאַנען און געוואַרט, אַז עס זאָל אָנהייבן טאָגן. דער רוסישער מייסטער, וועלכער האָט מיט אונדז געאַרבעט אין די ערשטע וואָכן, כדי אונדז אַריינפירן אין דעם פאַך פון האָלץ־העקעריי, איז געקומען צו דער אַרבעט, ווען אין וואַלד איז שוין געווען העל. ער איז נישט געווען מחויב צו אַרבעטן 10 שעה ווי די פאַרשיקטע. ער האָט איבער זיך נישט געהאַט קיין שטרענגע קאָנטראָל און האָט פּאַקטיש גע־קענט קומען און גיין, ווען ער האָט געוואָלט. ער האָט געהאַט אונטער זיך אַ פּאָר בריגאַדעס, וועלכע ער האָט געלערנט די תורה פון האַקן וואַלד.

אין וואַלד ליידט מען שטאַרקער פון רעגן ווי אויפן פרייען פעלד, ווייל נאָך דעם, ווי דער רעגן האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט, גיסט זיך פון די ביימער־בלעטער ווי מיט עמערס וואַסער. אַלע זענען געווען דורכגענעצט ביזן לייב. קיינער פון אונדז האָט נישט געהאַט קיין גומענע שטיוול, רעק־לעך אָדער מאַנטלען פון ברעזענטענעם שטאָף, וואָס זאָל כאָטש טיילווייז נישט דורכלאָזן די פייכטקייט. אפילו גלאַדקאָוו האָט אויך נישט געהאַט קיין פּאַסיקע קליידונג פאַר דער וואַלד־אַרבעט אין די ספּעציפישע באַ־

דינגונגען פון אַרכאַנגעלסק. אָבער ווער טראַכט דאָרט וועגן אַזעלכע „קלייניקייטן", בפרט לגבי פאַרשיקטע...

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין די באַראַקן נאָך אַזאַ אַרבעטס־טאָג איז די ערשטע זאַך געווען אויסצוטאָן זיך ווי גאָט האָט אונדז באַ־שאַפן און אַלץ אויפהענגען נעבן אויוון. אָבער די קליידער און די שיך זענען געווען אַזוי נאַס, אַז ביז אין דער פרי האָבן זיי זיך נישט אויס־געטריקנט און צונאַרגנס זענען מיר ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט אין נאַסע בגדים.

ביים שאַפן אַרבעטס־בריגאַדעס זענען די רוסן געווען ליבעראַל. זיי האָבן אונדז נישט אָנגעוואָרפן דעם צוזאַמענשטעל פון מענטשן. עס איז זיי נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד וויפל מענטשן אַרבעטן אין דער אָדער אַנדערער בריגאַדע. עס האָבן געקענט אַרבעטן 6—8 פּערזאָן און אויך 2 פּערזאָן. עס זענען אַפילו געווען „בריגאַדעס" פון 1 מענטש. די רוסן זענען קודם־כל געווען פאַראינטערעסירט מען זאָל אַרבעטן און מען זאָל מאַכן די „נאָרמע". ווי אַזוי יעדער איינער דערגרייכט די נאָרמע האָט זיי נישט אינטערעסירט.

אונדזער בריגאַדע איז אין אָנהייב באַשטאַנען פון 5 און שפּעטער פון 4 מענטשן: מיין פרוי, מיינע 2 שוואָגערס, לייב ראָזענבלאַט און איך. נאָך דעם ווי ראָזענבלאַט איז אַרעסטירט געוואָרן, זענען מיר געבליבן אַ פאַמיליע־בריגאַדע.

לויט אַלע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט און מענטשלעכער באַציאונג האָט מיין פרוי נישט געדאַרפט אַרבעטן. זי האָט צו באַדינען דריי מענער, וועלכע האָבן געאַרבעט. זי האָט געדאַרפט רוימען, וואַשן וועש און אויך פירן אַ שטיקל הויז־ווירטשאַפט אין די נעבעכדיקע לעבנס־באַדינגונגען פון טאַרזאַ. אַנדערע פרויען אין ענלעכע משפחה־באַדינגונגען זענען געווען באַפרייט פון דער אַרבעט, כאָטש אפשר נישט פאָרמעל. דעניסאָוו האָט אין אייניקע פאַלן אָוועקגעקוקט. אָבער צו אונדזער משפחה האָט ער נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר האַלטן נישט פון אים. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין קרייז פון פריינט און באַקאַנטע זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אים פון צייט צו צייט צוגעטראָגן אונדזער מיינונג וועגן אים... אַחוץ דעם האָט דעני־

סאָוו אונדז געהאַלטן פאַר בורזשויען. איינמאָל ווען ער איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דער אויבערשטער פּאָלקע, ווו עס איז געלעגן אונדזער „פּאַרמעגן" און דערזען ביי 15—20 פּאָר שיך.

ער איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער. דאָס האָט ער וואַרשיינלעך נאָך נישט געזען אין זיין לעבן. אַזוי פיל פּאָר שיך אין איין משפחה?... פון גרויס איבערראַשונג האָט ער אויסגערופן: „טשטאָ זדיעס, מאַגאַזין באַטינאָק?!" (צי איז דאָ אַ שיך־מאַגאַזין?!). ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אַ נאָרמאַלער מענטש קען האָבן 4—5 פּאָר שיך... און דערצו נאָך, זענען דאָס געווען עלעגאַנטע שיך פון הויכער קוואַליטעט. מיט דער דאָזיקער שיך־אויסשטעלונג האָבן מיר זיך שטאַרק „קאָמפּראָמי־טירט" אין די אויגן פון פאַרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין טאַרזאַ. און דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, צוליב וועלכער מיין פרוי האָט געמוזט אַרבעטן אַלס 4טער מיטגליד פון דער בריגאַדע.

די אַרבעט צווישן אונדז איז איינגעטיילט געוואָרן פּאָכמעניש. מיין פונקציע איז באַשטאַנען אין אומלייגן דעם בוים. די ערשטע זאַך איז געווען פעסטצושטעלן אין וועלכער ריכטונג דער בוים בייגט זיך. ביי הויכע נאָדל־ביימער ווירקן די העכסטע צווייגן אויף דער ריכטונג פון בוים. די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז זייער וויכטיק, ווייל פון דעם איז אָפּהענגיק דאָס ריכטיקע אונטערזעגן דעם בוים. קודם־כל ווערט דער בוים איינגעהאַקט מיט דער ספּעציעלער האַק נאָענט צום וואָרצל. וואָס טיפער ער ווערט איינגעהאַקט אין דער זייט, אין וועלכער ער איז עטוואָס איינגעבויגן, אַלץ לייכטער איז אים איינצוזעגן און אָוועקצולייגן. נאָך דעם ווי דער בוים איז איינגעהאַקט, טרעט מען צו אים איינזעגן פון דער אַנ־דערער זייט. ביימער, וואָס האָבן געהאַט די דיקייט ביז 40 צענטימעטער ביים פּניאַק האָט איין פּערזאָן געקענט איינזעגן. ביי ביימער פון מער ווי 40 צענטימעטער אין דיאַמעטער האָבן 2 מענטשן געמוזט אַרבעטן מיט אַ לאַנגער זעג. עס זענען געווען אַזעלכע דיקע סאָסנעס, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע לאַנגע זעג.

דאָס איינזעגן אַ בוים פון 30—40 צענטימעטער אין דיאַמעטער האָט געדויערט ביי 15—20 מינוט, אָפּהענגיק פון דער צייט פון עם יאָר און

פון דער קוואַליטעט פון בוים. אַמבעסטן האָבן זיך געזעגט יאַדלעס. די אַרבעט פון „וואַרפן" דיביימער איז געווען זייער אַן אַנשטרענגנדיקע, ווייל מען איז געשטאַנען די גאַנצע צייט איינגעבויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ צום פּניאַק פון בוים. ווען די זעג האָט זיך דערנענטערט צום איינגעהאַקטן אָרט, האָט מען געמוזט זיין ביז גאָר פאָרזיכטיק, ווייל דער בוים האָט זיך געקענט פּלוצים איינברעכן צוליב אַ שטאַרקן ווינט, אָדער אַ שטאַרקער בייגונג אין אַ באַשטימטער ריכטונג. עס זענען געווען פאַלן, ווען די ביימער האָבן זיך איינגעבראָכן און די „סוואַלשטשיקעס" (די אונטערזעגער) זענען פאַרוווּנדעט, אָדער אַפילו דערהרגעט געוואָרן.

מען האָט אויך געמוזט זייער אַכט געבן דערויף, אַז דער בוים זאָל נישט איינגעזעגט ווערן ביזן סוף, ווייל דעמאָלט איז געווען אַ געפאַר, אַז ער וועט פאַלן אין אַ פונקט פאַרקערטער ריכטונג, און צודעקן אונטער זיך די מענטשן. אָפטמאָל איז אויך געשען, אַז אַ בוים האָט זיך „איינגעשפּאַרט" און נישט געוואָלט קאַפּיטולירן פאַר דער זעג און זיך אָפּגעזאָגט צו פאַלן. דעמאָלט האָט מען זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ ספּעציעלער „טעכניק". אויף דער הויך פון אַ 2 מעטער האָט מען אין רוקן פון בוים אויסגעהאַקט אַ גריבל, דאָרט אַריינגעשטעלט אַ פעסטן לאַנגן שטעקן מיט אַ שפּיץ און מיט אַ צווייטן שטעקן, וועלכן מען האָט אַנגעשפּאַרט אויף דער ערד געשטופּט דעם בוים אין דער באַשטימטער ריכטונג. די דאָזיקע פּשוטע טעכניק האָט איינגעבראָכן די עקשנות פון די שטאָלצע ביימער. אָבער מען האָט געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק און זיך צוריקציען אויף עטלעכע מעטער פון אָרט, ווען מען האָט געזען, אַז דער בוים הייבט אָן פאַלן.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַ נייעם שטח האָט מען זיך באַמיט צו וואַרפן קודם־כל הויכע און דיקע ביימער. אַמבאַקוועמסטן איז געווען אויסצוווילן דיקע סאָסנעס, וועלכע מען האָט אונטערגעזעגט מיט דער לאַנגער זעג. דאָס אומוואַרפן אַזאַ בוים האָט אַמאָל געדויערט אייניקע שעה אָפּהענגיק פון וועטער אין וואַלד. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז די זעג איז פאַרקוועטשט געוואָרן און עס איז אוממעגלעך געווען זי צו רירן פון אָרט. אין אַזאַ פאַל האָט מען זיך געמוזט אַרויסהעלפן מיט אייזערנע קלינעס, כדי אַ ביסל אויפצוהייבן דעם בוים און צוזעגן אים ביזן סוף.

אויף די ערשטעביימער, וואָס זענען געפאַלן אויף דער ערד האָט מען געוואָרפן די איבעריקע אין דער לענג און אין דער ברייט. מען האָט זיך באַמיט, אַז וואָס ווייניקער ביימער זאָלן ליגן אויף דער ערד, ווייל זייער באַאַרבעטונג איז געווען אַ קאָמפּליצירטע. עס איז זייער שווער צו צעשניידן אַ בוים, וואָס ליגט אויף דער זייט.

די ספּעציאַליטעט פון מיין עלטערן שוואָגער, יעקב, איז געווען צו צעשניידן דעם בוים לויט זיין קוואַליטאַטיווער באַשטימונג. עס זענען געווען ביימער, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר שיפן, פאַר הייזער־בוי, פאַר שפּיל־אינסטרומענטן, אויף שוועבעלעך אָדער סתם געוויינלעכע ברעטער, און פאַר אַנדערע צוועקן. יעדע באַשטימונג האָט זיך געהאַט אירע מאָסן. די דאָזיקע תורה, וואָס איז נישט געווען שטאַרק קאָמפּליצירט און האָט נאָר געפאָדערט אַ שטיקל אָריענטאַציע און אַ דערפאַרונג פון אַ פּאָר חדשים, האָט אונדז אויסגעלערנט אונדזער מייסטער גלאַדקאָוו. אויך ער איז געווען אַ פאַרשיקטער „קולאַק” פון די דרייסיקער יאָרן. פון דעם גוטמוטיקן און העפלעכן רוס איז געווען זייער שווער צו הערן אַ וואָרט וועגן פּאָליטישע פראַגן. פון דעם איז ער אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער. ווען מען האָט אים געוואָלט אַמאָל פּראָוואָצירן און אַריינציען אין אַ שטיקל וויכוח וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן, אַפילו נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט מיט דער תשובה, אַז „סטאַלין און מאָלאָטאָוו ווייסן בעסער”.

גלאַדקאָוו האָט זיך באַמיט, אַז מיר זאָלן וואָס שנעלער ווערן גוטע פאַכמענער, כדי מיר זאָלן וואָס מער פאַרדינען און זיך צוגעוווינען צו די עקזיסטירנדיקע לעבנס־באַדינגונגען. ער האָט געוווּסט, אַז די „פּאָליאַקן” האָבן אָפּענע קעפּ און ער דאַרף זיך נישט צופיל אָנשטרענגען, כדי זיי אויסצולערנען די תורה פון וואַלד־אַרבעט און האָלץ־סאָרטירונג. אויף דעם געביט האָט זיך אויסגעצייכנט מיין עלטערער שוואָגער.

דער יינגערער שוואָגער אברהם האָט געהערט צו די בעסטע קאָרע־שניצער אין טאַרזאַ. די ביימער, וועלכע מען האָט געהאַקט אין זומער האָט מען אין האַרבסט געמוזט אָפּשיילן מיט אַ ספּעציעל מעסער פון דער קאָרע, כדי זיי זאָלן נישט פאַרפוילט ווערן. די דאָזיקע אַרבעט האָט גע־פאָדערט אַ באַזונדערע פלינקייט און געשיקטלעכקייט, כדי דאָס מעסער

זאָל זיך נישט צו פיל איינשניידן אין בוים, נאָר גלאַטיק „אָפּראַזירן" די קאָרע. אויף דעם געביט איז אברהם געווען אַ „סטאַכאַנאָוויעץ" און קיינער האָט מיט אים נישט געקענט קאָנקורירן. גלאַדקאָוו האָט זייער רעספּעקטירט זיין אַרבעט. אין ווינטער־סעזאָן, ווען מען האָט נישט געקאָרעוועט דיביימער האָט אברהם געשניטן די ביימער צוזאַמען מיט יעקבן.

די אַרבעט פון מיין פרוי איז באַשטאַנען אין פאַרברענען די צווייגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פון די זומער־חדשים און אין די ערשטע האַרבסט־וואָכן. אין די האַרבסט־טעג איז דאָס מאַכן אַ פייער געווען אַן אָפּקומעניש, ווייל אַלץ איז געווען נאַס. מען האָט געמוזט צוערשט ברענגען טרוקן האָלץ, אָנצינדן אַ פייער און דערנאָך לאַנגזאַם אַרויפלייגן די פייכטע צווייגן. אין די ווינטער־מאָנאַטן איז דאָס געגאַנגען פיל לייכטער. די אויסגעטריקנטע צווייגן האָבן געקנאַקט אין פייער און די פונקען האָבן זיך דערהויבן אויף צענדליקער מעטער. ביי אַזאַ פייער האָט מען זיך אויך געקענט אַ ביסל אָנוואַרעמען, ווען די קעלט האָט זיך איינגעביסן אין אַלע אברים.

למען האמת וויל איך זאָגן, אַז מיין בריגאַדע האָט נישט געהערט צו די בעסטע אין טאַרזאַ. זי איז געווען פון די דורכשניטלעכע אַרבעטס־גרופּן. עס האָט אָבער נישט געהאַט קיין זין צו מאַכן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען, ווייל סיי־ווי־סיי האָט מען גאָרנישט געקענט קויפן פאַרן גרעסערן פאַרדינסט. דער מאַגאַזין איז געווען ליידיק. טראָץ די טאָגטעגלעכע פאַרזיכערונגען פון די רוסן, אַז „דאָ וועט איר לעבן און דאָ וועט איר שטאַרבן", האָבן מיר דאָך געלעבט מיט דער גרויסער האָפענונג, אַז נישט אין טאַרזאַ וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזערע יאָרן, און דעריבער דאַרף מען באַהאַלטן אַ ביסל כוחות אויף בעסערע צייטן.

אונדזער שכן שלמה האַלצמאַן איז אַליין געווען די „בריגאַדע". ער איז געווען אַ יונגער, שיינער און פעסט־געבויטער בחור מיט אַ געוואַלטיקער ענערגיע, וועלכע ער האָט נישט געקענט „פאַרברענען". ער האָט נישט געקענט צוזאַמענאַרבעטן מיט אַנדערע, ווייל קיינער האָט זיך נישט געקענט גלייכן מיט זיין טעמפּאָ און נאָכגיין זיינע שריט. די זעג און האַק זענען ביי אים געווען ווי אַ פידל אין די הענט פון אַ ווירטואָז. די ריזיקע יאַדלעס זענען ביי אים געפאַלן מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט.

ער איז געווען דער איינציקער „ביעזשעניעץ", וועלכער האָט זיך געקענט אויסגלייכן מיט די גוטע רוסישע וואַלד־אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג. ער איז טאַקע געווען דער איינציקער צווישן אונדז, וועלכער האָט פאַרדינט דאָפּלט ווי מיר, שלמה האָט אויך געהאַט אַ דאָפּלטן אַפּעטיט. אין דער קיך האָט מען שוין געוווּסט, אַז שלמה האַלצמאַן עסט דאָפּלטע פּאָרציעס זופּן און קאַשעס. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פּראָטעקציע ביי די קעכינס, וועלכע האָבן געוווּסט, אַז ער געהערט צו די בעסטע אַרבעטער אויפן פּאָסיאָלאָק.

שלמה האָלצמאַן איז געווען אַ פּשוטער בחור, כמעט אָן בילדונג, אָבער מיט אַ גאָלדן האַרץ. ער איז שטענדיק געווען גרייט אַנדערע צו העלפן און קיינמאָל נישט אויסגענוצט זיין אַרבעטס־פּרעסטיזש, כדי נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען.

די רוסן קומען...

מיטן ערשטן שניי האָבן זיך אויפן פּאָסיאָלאָק באַוויזן אַ פּאָר צענדליק רוסן פון די דערבייאיקע קאָלכאָזן. די דאָזיקע דערפער האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען. דאָס זענען געווען דערפער, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די אויסגעהאַקטע וועלדער. זייערע איינוווינער זענען באַשטאַנען פון פאַרשיקטע קולאַקעס פון די אייראָפּעאישע רעפּובליקן. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען אוקראַינער.

די קאָלכאָזן, וואָס זענען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן זענען געווען זייער אָרעמע און פּרימיטיווע. אין פאַרגלייך צו אַנדערע קאָלכאָזן האָבן זיי גענאָסן פון אַ קליינער הילף מצד די רעגירונגס־אינסטאַנצן. אין די הויכע פענצטער האָט מען געוווּסט וועער עס זענען די איינוווינער פון די דאָזיקע דערפער און הגם עס איז שוין געווען מער ווי 10 יאָר זינט זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן פון זייערע היים־דערפער האָט מען זיך צו זיי נאָך באַצויגן ווי צו נישט זיכערע עלעמענטן. פון זייערע פּנימער איז נישט

געווען שווער פעסטצושטעלן, אַז דאָס זענען פֿאַרביטערטע און אַנטוישטע מענטשן.

פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אַליין האָבן זיי זיך נישט געקענט מפרנס זיין, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג באָדן און אויך די באַאַרבעטונג פֿון באָדן איז נישט געווען קיין אינטענסיווע. זענען זיי געווען געצווונגען זיך צו פֿאַרנעמען מיט אַנדערע אַרבעטן, כדי צו פֿאַרזיכערן זיך אַ מינימאַלע עקזיסטענץ. אין זומער האָט אַ טייל פֿון זיי זיך פֿאַרנומען מיט ספּלאַוו פֿון האָלץ דורך די טייכן צו באַשטימטע זאַמל־פּונקטן. פֿון דאָרט האָט מען דאָס האָלץ ווייטער אַוועקגעפֿירט מיט די באַנען אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס איז אַ שווערע און מיזאַמע אַרבעט, וואָס פֿאָדערט דערפֿאַרונג און פֿיזישן כוח.

אין די ווינטער־חדשים, וואָס דויערן דאָ מער ווי אַ האַלב יאָר, האָבן זיך די מענער פֿאַרנומען מיט האַקן דעם וואַלד. מען האָט זיי איינקוואַרטירט אין „קראַסני אוגאָלאָק" אין וועלכן מען האָט אויפֿגעשטעלט דאָפּלטע פּריטשעס. דאָס זענען געווען די „האָטעל־באַדינגונגען" פֿון טאַרזאַ. פֿאַר זיי איז דאָס נישט געווען קיין שום איבעראַשונג, ווייל זיי זענען געווען געוווינט צו נאָך ערגערע לעבנס־באַדינגונגען. די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען געווען זייער פּרימיטיווע. די איינציקע סאַניטאַרע אינסטיטוציע, וואָס איז געשטאַנען צו זייער דיספּאָזיציע איז געווען די באַניע, פֿון וועלכער אויך מיר האָבן גענאָסן.

זייער אויסערלעכער אויסזען האָט פֿאַרראַטן זייער לאַגע. זיי זענען געווען אַנגעטאָן אין געלאַטעטע קליידער. זעלטן ווען מען האָט אויף זיי געזען אַ „מענטשלעכן" בגד. די פּופֿייקעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן, זענען באַשטאַנען פֿון פֿאַרשידענע טיילן און פֿאַרבן. אין טאַרזאַ האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט אויף אַזעלכע „מאָדע־אויסשטעלונגען". דאָס איז געווען אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער „לאַנדשאַפֿט" אין פּאַסיאָלאָק. הגם זיי זענען געווען סטאַבילע איינוווינער פֿון דעם ראַיאָן, האָבן נישט אַלע פֿון זיי געהאַט וואַלאַקעס אויף די פֿיס. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט געטראָגן לאַפּטשעס אַרומגעוויקלט מיט כלערליי שמאַטעס. די, וואָס האָבן אַפֿילו יאָ געהאַט וואַלאַקעס, האָבן זיי דאָס געשוינט און נישט אָנגעטאָן

צו דער וואַלד־אַרבעט, ווייל עס איז געווען אַ שאָד צו באַנוצן זיך טאָג־טעגלעך מיט אַזאַ לוקסוס, וועלכן מען קען נישט אַזוי לייכט קויפן.

ביי דער אַרבעט האָבן זיי זיך מיט אונדז נישט אויסגעמישט. זיי האָבן געאַרבעט אין באַזונדערע קליינע בריגאַדעס פון 4—5 פּערזאָן. זיי האָבן אויך געהאַט באַזונדערע וואַלד־פעלדער, אָפּגעזונדערט פון אַר־בעטס־שטחים. מיט דער אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט האָבן מיר זיך נישט געקענט מיט זיי פאַרגלייכן. זיי האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ דערפאַ־רונג פון לאַנגע יאָרן. אַחוץ דעם זענען זיי געווען פאַרהאַרטעוועט אין די שווערע פאַרשיקונגס־באַדינגונגען. און דאָס וויכטיקסטע: זיי האָבן גע־ווּוסט, אַז דאָ לעבן זיי און דאָ שטאַרבן זיי, און דעריבער מוזן זיי אַ סך אַרבעטן, כדי צו עקזיסטירן.

פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך מיט זיי געטראָפן אין דער קיך, ספּעציעל אין די זונטיק־טעג. אָבער די באַציאונגען צווישן אונדז זענען געווען זייער לויזע. זיי האָבן אויסגעמיטן אָנצוהאַלטן מיט אונדז נאָענ־טערע קאָנטאַקטן, מורא האָבנדיק פאַר אַ בייז אויג. זיי האָבן געוווּסט, אַז דעניסאָוו און זיינע מענטשן זענען אומעטום דאָ. זיי האָבן גערעדט מיט אונדזערע מענטשן נאָר וועגן אַרבעטס־ענינים, וועגן פּאָליטיק האָבן זיי קיינמאָל נישט גערעדט. דאָס זענען געווען טיף איבערגעשראָ־קענע מענטשן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען פיל ליידן אין זייער לעבן.

פון צייט צו צייט זענען צווישן אונדז און זיי געשלאָסן געוואָרן „געהיימע טראַנזאַקציעס". מיר האָבן פאַרקויפט עפּעס פון אונדזער גאַר־דעראָבע — אַ סוועטער, אַ פּאָר הויזן, וואַרעמע אונטערוועש, אַ זייגערל און זיי האָבן אונדז געבראַכט קאַרטאָפל און טיילמאָל אויך פעטס. זיי האָבן אויך געטוישט קאַרטאָפל פאַר פּרויען־זאַכן. הגם די לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן זענען געווען פון זייער אייגענער פּראָצע, האָבן זיי זיך שטאַרק געהיטן מיט די דאָזיקע טראַנזאַקציעס, כדי מען זאָל זיי, חלילה, נישט באַשולדיקן אין ספּעקולאַציע. פאַר אונדז זענען די דאָזיקע אויסטויש־טראַנזאַקציעס געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט, ווייל אַ דאַנק זיי האָבן מיר געקענט שטילן דעם הונגער אין די ווינטער־חדשים.

ווינטער זענען די אַרבעטס־באַדינגונגען געווען גאַנץ אַנדערע ווי אין זומער אָדער אין האַרבסט. אויך אין ווינטער איז מען געגאַנגען צו דער

אַרבעט אין דער פינצטער. און צוריקגעקומען אין דער פינצטער, הגם קיינער האָט פון דעם נישט געהאַט קיין שום נוצן. מיט דעם האָט מען אונדז נאָר פאַרביטערט דאָס לעבן און צוגענומען דעם חשק צו אַרבעטן. פונקט ווי דער האַרבסט איז געווען רייך אין רעגן, אַזוי איז דער ווינטער דאָ געווען רייך אין שניי, וועלכער איז דערגאַנגען צו אַנדערהאַלבן מעטער הויך. ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ נייעם וואַלד־שטח האָט מען דעם ערשטן טאָג געפּטרט אויף אויספּלאַסטערן זיך אַ וועג צום נייעם אַרבעטס־פּלאַץ. ביז צו דער ברוסט האָט מען געטאָפּטשעט אין שניי. ביי יעדן בוים האָט מען געמוזט שווער אַרבעטן ביז מען האָט אָוועק־געשאַרט דעם שניי, כדי צוצוקומען צום פּניאָק. כדי מען זאָל קענען אַרבעטן האָט מען געמוזט צוערשט אומוואַרפן די דיקע ביימער פון וואַלד־שטח און שפּעטער אויף זיי אַרויפוואַרפן אַנדערע ביימער, מען זאָל זיי קענען צעשניידן.

אין די ווינטער־מאָנאַטן איז געווען לייכטער צו זעגן די ביימער ווי אין זומער אָדער אין האַרבסט, ווייל זיי זענען געווען טרוקענער. מען האָט אויך נישט געדאַרפט אָפּשיילן די קאָרע. אויך די צווייגן האָבן זיך אין ווינטער לייכטער אָפּגעהאַקט.

קלימאַטיש איז אין די ווינטער־מאָנאַטן געווען פיל בעסער צו אַרבעטן ווי אין זומער און האַרבסט. די לופט איז געווען אַ ריינע און געזונטע. די אַרכאַנגעלסקער געגנט צייכנט זיך אויס מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק מילדן ווינטער. אַ דאַנק די טייגעס זענען דאָ נישטאָ די באַרימטע סיבירער ווינטן, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן די מענטשן אין די ווינטער־מאָנאַטן. די דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור איז דאָ ביי 25 גראַד. אָבער עס זענען געווען טעג, ווען די טעמפּעראַטור האָט דערגרייכט 35 און אויך 40 גראַד. לויט די אַרבעטס־פאַרשריפטן אין טאַרזאַ האָט מען ביז 40 גראַד געמוזט אַרבעטן, ערשט נידעריקער ווי 40 גראַד איז מען געווען באַפרייט פון אַרבעט. במשך פון גאַנצן ווינטער זענען געווען נאָר אייניקע אַזעלכע טעג, פרייע פון אַרבעט.

אָבער אַפילו אין אַזאַ פּראַסטיקן קלימאַט קען מען זיך צופּאַסן צו די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווען מען האָט אַנטשפּרעכנדיקע בגדים, מען באַקומט די נייטיקע קאַלאָריעס און נאָך דער אַרבעט קערט מען זיך

צוריק אין אַ היים מיט מינימאַלע באַקוועמלעכקייטן. דאָס האָט אָבער קיי־נער נישט געהאַט אין טאַרזאַ. נישט מיר און אויך נישט די רוסן, וועלכע האָבן מיט אונדז געאַרבעט.

אין די ווינטער־חדשים האָט מען אונדז נישט געלאָזט עסן מיטאָג אין דער וואַרעמער קיך, נאָר מען האָט געבראַכט די וואַסערדיקע זופּ אין וואַלד אַריין מיט אַ שליטן. אויך די רוסן, וועלכע זענען געקומען אויף סעזאָן־אַרבעט האָט מען נישט דערלויבט אָפּצועסן ווי מענטשן אין דער קיך, ווייל עס איז געווען אַ שאָד די צייט, הגם דער וועג איז געווען אַ קורצער. עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן וואָס פאַראַ טעם עס האָט געהאַט דאָס עסן אויף אַ פראָסט פון 30 גראַד. גלייך ווי מען האָט אויסגעטאָן די הענטשקע האָט מען געפילט ווי דער לעפל ווערט צוגע־פרוירן צו דער האַנט. דאָס עסן איז נישט געפירט געוואָרן אין טערמאָס־כלים, נאָר אין געוויינלעכע אייזערנע טעפּ און ביז דער שליטן מיט דער שקאַפּע איז אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, איז די זופּ שוין געווען קאַלט. אָבער דאָס האָט קיינעם נישט געאַרט. אַזעלכע „קלייניקייטן" האָבן נישט קיין באַדייטונג אין פאָטערלאַנד פון פּראָלעטאַריאַט.

מיר, וועלכע זענען געקומען פון אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָבן נישט געקענט מיט דעם שלום מאַכן. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָבן מיר זיך באַמיט אָפּצושרייען די דאָזיקע גזירה מיט אַרגומענטן פון שכל־הישר. אָבער דאָס האָט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג. אַ גאַנצן ווינ־טער האָט מען אונדז געבראַכט דאָס עסן אין וואַלד אַריין. די רוסן האָבן אונדז פאַרויסגעזאָגט, אַז אונדזערע באַמיאונגען וועלן נישט געבן קיין שום רעזולטאַטן. זיי האָבן בעסער געקענט דעם רעזשים. זיי האָבן זיך אויך ווייניקער איבערגענומען מיט אַזעלכע „נאַרישקייטן". זיי זענען געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז נאָך דעם דאָזיקן „מיטאָג" האָבן זיי זיך אוועק־געלייגט אין שניי און געשלאָפן 20—30 מינוט. מיר אויף זייער אַרט וואָלטן אינצווישנצייט פאַרפרוירן געוואָרן. נישט אומזיסט איז דער „גע־נעראַל־ווינטער" געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכן דעם רוקן פון דער היטלעריסטישער קריגס־מאַשין אין רוסלאַנד.

אין די ווינטער־מאָנאַטן האָבן צאַלרייכע בריגאַדעס, וואָס האָבן גע־ציילט פון 4—8 מענטשן, געאַרבעט ביים אַרויספירן פון וואַלד דאָס האָלץ,

וואָס איז געהאַקט געוואָרן אין זומער, האַרבסט און אין ווינטער. די קליינע שליטנס געשפּאַנט מיט איין פערד, האָבן אַרויסגעפירט די קלעצער פון וואַלד צו באַשטימטע פּונקטן לענגאויס דעם וועג אויף וועלכע עס זענען געפאָרן די ריזיקע שליטנס מיט די טראַקטאָרן, וואָס האָבן געפירט דאָס האָלץ צו דער באַן־סטאַציע.

אין ווינטער איז געווען פיל לייכטער אַרויסצופירן דאָס האָלץ פון וואַלד ווי אין אַנדערע צייטן פון יאָר. אויפן שניי זענען די קלעצער געווען פיל לייכטער. אויך די אויסגעמאַטערטע און פאַרהונגערטע פערד האָבן גע־האַט אַ לייכטערע אַרבעט, ווייל זיי האָבן נישט אַזוי שטאַרק געפילט די שווערע לאַסט.

אַנדערע בריגאַדעס האָבן זיך פאַרנומען מיט סאָרטירן דאָס האָלץ און אַנלייגן עס אויף ספּעציעלע שייטערס. פון די שייטערס האָבן רוסישע בריגאַדעס אַרויפגעלייגט דאָס האָלץ אויף די גרויסע שליטנס.

אויף דער העכער 10־קילאָמעטערדיקער טראַסע, וואָס האָט געפירט פון פּאָסיאָלאָק ביז צו דער באַן־סטאַציע אין טאַרזאַ האָבן געאַרבעט צאָל־רייכע פרויען ביים רייניקן דעם שניי. וואָס ווייניקער שניי עס איז גע־לעגן אויפן וועג, אַלץ מער שליטנס האָט מען געקענט אַנשליסן אין טראַק־טאָר. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, ספּעציעל נאָך די שניי־זאַוויע־רוכעס. די פרויען זענען אין גרעסטן טייל נישט געווען פּאַסיק אָנגעטאָן צו אַזאַ אַרבעט ביי אַזאַ נידעריקער טעמפּעראַטור. די פיס זענען נישט געווען געשיצט קעגן דער דורכדרינגנדיקער ביטערער קעלט. קיין וואַי־לאָקעס האָבן זיי נישט געהאַט. זיי האָבן געטראָגן לעדערנע שיך אַרומ־געוויקלט מיט שמאַטעס, אָדער גומענע שטיול ווי מען האָט געטראָגן אין פּוילן.

אויך מיין פרוי האָט געאַרבעט ביים רייניקן דעם וועג נאָך דעם ווי דעניסאָוו האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט באַפרייען. אין איינעם אַ טאָג, ווען די טעמפּעראַטור האָט דערגרייכט ביז 40 גראַד, האָט מיין פרוי באַשלאָסן, אַז זי וועט נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף די קאָנסעקווענצן. דאָס איז געווען אַ ריזיקאַלישער שריט, ווייל דאָס האָט געשמעקט מיט אַ „פּראָגול" און אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס זענען געווען מיט דעם פאַרבונדן.

דעניסאָוו איז גלייך וועגן דעם געוויר געוואָרן. פאַר אים איז דאָס געווען אַ גאָלדענע געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דער משפחה פעלד. אויף דעם האָט ער שוין לאַנג געוואַרט. דעם זעלבן טאָג האָט ער אָנגע־קלאָגט מיין פרוי פאַר פאַרלעצן די סאָוויעטישע אַרבעטס־געזעצן, הגם ער האָט גוט געוווסט, אַז אין דרויסן האָט געקנאַקט אַ 40־גראַדיקער פראָסט.

צוויי וואָכן שפּעטער איז מיין פרוי אַרויסגערופן געוואָרן אין דער ראַיאָן־שטאָט ניאַנדאָם אויפן פּראָצעס. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז זי וועט מער נישט צוריקקומען, ווייל זי וועט פאַראורטיילט ווערן אויף אייניקע מאָנאַטן תפיסה ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע פרויען. מיר האָבן איר מיטגעגעבן וואַרעמע קליידער און וועש, זייענדיק איבערצייגט, אַז מיר וועלן זי נישט זען אַ לאַנגע צייט. אָבער צו אונדזער גרויסער אי־בערראַשונג איז מיין פרוי נאָך צוויי טעג צוריקגעקומען פון ניאַנדאָם אַ באַפרייטע. עס איז פשוט געשען אַ נס. דאָס פאָלקס־געריכט האָט אָנגע־נומען די פאַרטיידיקונגס־מאָטיוון פון מיין פרוי. איר טענה איז געווען, אַז אין דעם טאָג איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט און אָן וואַילאָקעס וואָלטן אירע פיס באַשטימט פאַרפרוירן געוואָרן און זי וואָלט געבליבן אַן אינוואַליד. אַלס באַוויז, אַז דאָס איז נישט געווען קיין בייזוויליקע און בכוונהדיקע פאַרלעצונג פון די סאָוויעטישע אַרבעטס־געזעצן זאָגט דער פאַקט, וואָס זי איז אַרויס צו דער אַרבעט נאָך דעם ווי דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט. דאָס געריכט האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז מער וועלן זיך אַזעלכע פאַלן נישט איבערחזרן.

דעניסאָוו האָט געקריצט מיט די ציין פאַר כעס, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי שלום מאַכן מיטן פּסק־דין פון געריכט. ביי זיך אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן זיין חשבון. און ער האָט זיך דערוואַרט.

דער באַפרייאונגס־אורטייל האָט דערמוטיקט מיין פרוי צו פאָדערן פון דער פּאָסיאָלאָק־מאַכט וואַילאָקעס צו דער אַרבעט. די דאָזיקע פאָדע־רונג איז געווען אַ פולשטענדיק באַרעכטיקטע און זי איז אויך אַרויסגע־דרונגען פון דעם באַפרייאונגס־אורטייל. אָבער דעניסאָוו האָט זיך פון דעם אָלעמען אויסגעלאַכט און געטענהט, אַז נאָר גוטע אַרבעטער האָבן דאָס

רעכט צו באַקומען וואַילאַקעס און נישט אַזעלכע מאַרקעראַנטן ווי מיין פרוי.

צוזאַמען מיט מיין פרוי האָט ביים רייניקן דעם שניי געאַרבעט די גימנאַזיע־לערערין, פריז. דאָס איז געווען אַ סובטעלע, שוואַכע פרוי פון עטלעכע און פערציק יאָר, פאַר וועלכער די אַרבעט אין דער ווינטער קעלט איז געווען אַן אַפּקומעניש. זי האָט קוים געהאַלטן דעם שווערן בעזעם אין דער האַנט. טראָץ די רעקאָמענדאַציעס פון פאַסיאַלאַק־דאָקטאָר, האָט דעניסאָוו זיך אָפּגעזאָגט זי צו באַפרייען פון דער אַרבעט. איר מאַן, וועלכער איז אויך געווען גימנאַזיע־לערער האָט געאַרבעט ביים אַרויספירן דאָס האָלץ פון וואַלד.

ביידע פרויען האָבן באַשלאָסן נישט צו גיין צו דער אַרבעט, אויב זיי וועלן נישט באַקומען קיין וואַילאַקעס און זיי זענען געבליבן אין די באַראַקן. אויף דעם מאָמענט האָט טאַקע געוואַרט דעניסאָוו. ווי אַ דונער איז ער אַריינגעפאַלן אין אונדזער שטוב און דערנאָך אין דער שטוב פון דער פאַמיליע פריז און אַרעסטירטביידע פרויען. אין דעם זעלבן הויז, אין וועלכן ער האָט געוווינט איז געווען אַ פריי נישט־באַהייצט צימער. אין דעם צימער האָט ער פאַרשלאָסן ביידע פרויען. אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט פון 35 גראַד. דורכן פענצטער, וואָס איז געווען געווענדט צום פאַסיאַלאַק, האָבן מיר געזען ווי ביידע זיצן אויפן טיש און טוליען זיך איינע צו דער צווייטער, כדי זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען. זיי זענען געווען זייער לייכט באַקליידט, ווייל זיי זענען נישט געווען צוגעגרייט צום „וויזיט" אין דער פּריוואַטער תפיסה פון דעניסאָוון.

מיט יעדער שעה האָט זיך די לאַגע פון די פרויען פאַרערגערט, דער מאַן פון דער פרוי פריז האָט געפּרוווט צו אינטערווענירן ביי דעניסאָוון ער זאָל האָבן רחמנות אויף זיין שוואַכער און קראַנקער פרוי, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דעניסאָוו האָט געפאָדערט אַ פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע: ביידע זאָלן אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג, אַז זיי וועלן גיין צו דער אַרבעט און מער נישט מאַכן קיין „שטרייקן". אָבער ביידע האָבן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן אולטימאַטום און באַשלאָסן ווייטער צו זיצן אין דעם קאַלטן צימער ווי לאַנג זיי וועלן נאָר קענען אויסהאַלטן.

אַזוי זענען זיי אָפּגעזעסן אין דער קאַלטער קאַמער אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס אין דער פרי זענען זיי געווען אַזוי צעבראָכן און פאַרפרוירן,

אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם ווידערשטאַנד־כוח. אויף דעם טאָקע האָט גע־רעכנט דעניסאָוו. ער האָט געוווּסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלןביידע פרויען זיך אונטערגעבן. און אַזוי איז טאָקע געשען. ביידע האָבן אונטער־געשריבן אַ פאַרפליכטונג צו גיין צו דער אַרבעט און נישט שטעלן קיין אולטימאַטיווע פאָדערונגען. ביידע האָבן אויף דער אייגענער הויט גע־פילט, אַז אין סטאַליניסטישן גן־עדן זענען נישטאָ קיין שטאַרקע. די דע־ניסאָווס קענען יעדן איינברעכן.

ווי אַזוי מען היילט ציין

אויף אונדזער פּאָסיאַלאָק איז צופעליק געווען אַ צאָן־טעכניקער, וועל־כער האָט אין די באַדינגונגען פון טאַרזאַ געמוזט זיין אויך אַ צאָן־דאָק־טאָר. דאָס איז געווען מ. ג. אַ געבילדעטער, רואיקער און זייער באַהערש־טער מענטש, וועלכער האָט געגאָסן פון אַ ברייטער סימפּאַטיע מצד די איינוווינער פון פּאָסיאַלאָק. אויך די רוסן האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט פאַר זיין ערלעכקייט, אָנשטענדיקייט און אַרבעטזאַמקייט. אָבער קיין פאַרשיקטע דאַרפן נישט קיין צאָן־דאָקטער. איז זיין „ספּעציאַליטעט" געווען אַרויסצופירן די קלעצער פון וואַלד מיט די קליינע שליטנס. אָבער אין דער פרייער צייט, ספּעציעל אין די זונטיק־טעג האָט ער, פון אייגע־נער איניציאַטיוו, אויפגענומען פּאַציענטן נישט נאָר פון פּאָסיאַלאָק, נאָר אויך רוסן פון טאַרזאַ און דער אַרומיקער סביבה.

מ. ג. האָט געהאַט אַזאַ גוטן נאָמען צווישן די רוסן אַלס גוטער אַר־בעטער, אַז ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו זיין „קראַנק" אין יום־כיפור און נישט גיין צו דער אַרבעט. אַ טאָג פריער האָט ער וועגן דעם געמאָלדן דעם ד"ר ש., וועלכער האָט אינפאָר־מירט דעניסאָוון, אַז מ. ג. האָט „הויכע טעמפּעראַטור" און איז באַפרייט פון דער אַרבעט. הגם דעניסאָוו האָט געהאַט אַ געוויסן חשד, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, האָט ער אין דעם פאַל נישט געוואַגט צו רעאַגירן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווי מ. ג. איז נישט אַרויס צו דער אַרבעט.

אויך דער רוסישער מייסטער קאַרילאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט מיט דער בריגאַדע פון מ. ג. האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויסן רעספּעקט. קאַרילאָוו איז געווען פון די געציילטע רוסן, וועלכע האָבן זיך אינטע־רעסירט ווי אַזוי מען האָט געלעבט אין פּוילן, וויפל עס האָט פאַרדינט אַן אַרבעטער און וואָס מען האָט געקענט קויפן. ווען מען האָט אים דער־ציילט, אַז אין פּוילן האָט מען געקענט אַריינגיין אין אַ געשעפט און קויפן מיט איינמאָל אַ פּאָר הונדערט קילאָ מעל, כלערליי קאַשעס, צוקער, פעטסן און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, האָט ער געעפנט אַ פּאָר אויגן ווי ער וואָלט געקומען פון יענער וועלט. ער איז געווען זיכער, אַז מען נאַרט אים אָפּ, אָדער מען מאַכט פון אים חוזק.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו אַזעלכע „פאַנטאַסטישע" שילדערונגען וועגן דער פּוילישער ווירקלעכקייט, האָט ער געזאָגט: „נו, גוט, איך וועל פרעגן מ. ג., אויב ער וועט זאָגן, אַז דאָס איז אמת, וועל איך גלייבן. איז מען געגאַנגען צו מ. ג. און ער האָט דאָס אַלץ טאַקע באַשטעטיקט. אָבער קאַרילאָוו איז פון דעם געווען ביטער אַנטוישט און אויסגערופן: „טי טאַזשע ווריאָש" (אויך דו זאָגסט ליגן).

אין די באַדינגונגען פון טאַרזאַ איז די אַרבעט פון מ. ג. געווען זייער אַ באַגרענעצטע. ווען מען האָט אים מיט זיין פרוי פאַרשיקט פון לעמבערג, האָט ער נישט געקענט מיט זיך מיטנעמען אַלע זיינע אַרבעטס־אינסטרו־מענטן. ער האָט באַוויזן מיטצונעמען בלויז אַ קליינעם טייל. מיט די ווייניקע אינסטרומענטן האָט ער באַדינט זיינע פּאַציענטן.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ יונגער פעלדשער פון אַ יאָר 20—22. מען האָט אים געשיקט פון דער ראַיאָן־שטאָט אונטערזוכן די קראַנקע פון פּאָסיאָלאָק. עס איז זיך נישט שווער פאַרצושטעלן וואָס פאַראַ הילף מען האָט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ „פּראָפעסאָר". איינע פון די קראַנקע, וועלכע ער, דער פעלדשער האָט אונטערזוכט איז געווען די פרוי פון אונדזער פריינט מ. ג.

זי איז געווען אַ שוואַכע, צאַרטע פרוי, וועלכע האָט שטאַרק געליטן פון דער שווערער אַרבעט אין די פּראַסטיקע מאַנאַטן. אין די לעצטע וואָכן האָט זי אָנגעהויבן צו בלוטיקן און דאָס האָט זי נאָך מער אָפּגע־שוואַכט. מיטן באַזוך פון פעלדשער האָט זיך ביי איר געשטאַרקט די

האָפענונג, אַז זי וועט באַפרייט ווערן פון דער אַרבעט, כאָטש אויף אַ געוויסער צייט, ביז דאָס בלוטיקן וועט זיך אָפּשטעלן. די האָפענונג איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען דער פעלדשער האָט זיך געוואַנדן צו איר מאַן ער זאָל אים מאַכן אַ גאָלדענע קאָראָנע אויף אַ געזונטן צאָן. אין רוסלאַנד איז דאָס געווען אַ גאַנצע מציאה, אַ מין אַריסטאָקראַטישער סטאַטוס. אונדזער פריינט האָט גערן אָנגענומען די דאָזיקע אַרבעט, האָפנדיק דערביי, אַז דאָס וועט העלפן זיין פרוי. קיין גאָלד האָט ער נישט געהאַט, האָט ער דעם פעלדשער פאַרגעשלאָגן אַ גאָלד־אימיטאַציע. דעם „דאָקטאָר" איז נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד, אַבי דער צאָן זאָל בלישטשען.

צומאָרגנס איז די „קאָראָנע" געווען פאַרטיק. דער פעלדשער האָט שטאַרק געדאַנקט, אָבער קיין באַפרייאונגס־צייגעניש פאַר דער פרוי האָט ער נישט געגעבן. שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט פאַרלאָזט ניאַנדאָמאַ און איז אַוועק קיין לענינגראַד מיטן גאָלדענעם צאָן.

פון צייט צו צייט האָט מען מ. ג. אַרויסגערופן צו פאַציענטן פון דער באַזע ביי דער באַן־סטאַנציע אין טאַרזאַ. דאָ האָבן געוווינט אַ פּאָר צענד־ליק רוסישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן באַדינט די באַנען, די טראַקטאָרן און האָבן רעגולירט דעם טראַנספּאָרט פון האָלץ. כמעט אַלע האָבן געהאַט פאַרנאַכלעסיקטע ציין, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט זיי צו היילן. מ. ג. האָט מיר דערציילט, אַז כמעט אַלע האָבן געהאַט אָפּגעבראָכענע ציין און די וואָרצלען זענען געבליבן שטעקן. אַרויסרייסן די וואָרצלען איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט געוואַלטיקע ווייטיקן, וואָס נישט יעדער האָט גע־קענט אויסהאַלטן. פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע פאַציענטן איז מ. ג. געווען ממש אַ מלאך, ווייל ער האָט געהאַט מיט זיך אַ קליינעם רעזערוו פון נאַרקאָזע־איינשפּריצונגען. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי באַקומען אַזעלכע איינשפּריצונגען, וואָס האָט זיי אַוועקגענומען דעם ווייטיק ביים אַרויסרייסן די וואָרצלען. איינער פון די דאָזיקע פאַציענטן — קאָזניעצאָוו האָט שפּעטער געהאַט אַ געלעגנהייט אָפּצודאַנקען דער פרוי פון דעם „מלאך".

צוויי מאָנאַטן נאָכן באַזוך פון פעלדשער איז אין פּאָסיאָלאָק געקו־מען אַ קאָמיסיע פון צוויי פּרויען־דאָקטוירים, כדי אונטערזוכן כראָניש

קראַנקע, אַדער אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אַרבעט צוליב געזונטהייטס־סיבות. ביי אַלע אונטערזוכונגען איז געזעסן דעניסאָוו, און געהיטן, אַז די דאָקטוירים זאָלן חלילה נישט אַרויסווייזן קיין צו גרויסע רחמנות און ברייטהאַרציקייט.

די פרוי פון מ. ג., וועלכע האָט ווייטער געליטן פון בלוט־פאַרלוסט, איז אונטערזוכט געוואָרן דורךביידע דאָקטוירים. זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זי ליידט פון ערנסטע האַרץ־שטערונגען און דאַרף דורכגיין אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג אין אַ שפּיטאָל, כדי אָפּצושטעלן דאָס בלוטיקן. ווען זי איז אַרויס פון צימער איז איר נאָכגעגאַנגען דעניסאָוו און צו איר אויסגערופן: „בודיעש ראַבאָטאַט״! (דו וועסט אַרבעטן).

צוויי טעג נאָכן וויזיט פון די דאָקטוירים האָט דעניסאָוו זי געצוווּנגען צו גיין צו דער אַרבעט. צו איר מאַן האָט ער געזאָגט: וואָס טויג דיר אַזאַ צעבראָכענער בעזעם. עס פעלן דען געזונטע רוסישע פרויען?...

אויפן סמך פון דער צייגעניש, וועלכע אונדזער פריינדין האָט באַקומען פון די דאָקטוירים, איז זי אין איינעם פון די פּראַקטיקע יאַנואַר־טעג אָפּגעפאָרן קיין ניאַנדאָמאַ אין שפּיטאָל אַריין. אויף דער באַן־סטאַציע אין טאַרזאַ האָט זי געמוזט שעהן־לאַנג וואַרטן אויפן צוג, וואָס איז אָפּגעגאַנגען שפּעט אין אָוונט. דעם בילעט האָט זי נישט געקענט פריער קויפן, נאָר „5 מינוט פאַרן אָפּפאָר פון צוג״, ווי עס האָט געזאָגט דער סטאַציע־לייטער, וועלכער האָט אויך פאַרקויפט די בילעטן. איר פראַגע: פאַרוואָס מען פאַרקויפט בילעטן 5 מינוט פאַרן אָוועקגיין פון צוג, איז געבליבן אָן אַן ענטפער. זעט אויס, אַז אַזעלכע פאַראָרדענונגען זענען געווען אויף די סטאַציעס פון דער אַרכאַנגעלסקער געגנט, וואָס איז געווען פול מיט פאַרשיקטע.

קיין ניאַנדאָמאַ איז זי אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט. דער וואָקזאַל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף די צוגן. היות אירע בגדים האָבן זיך דראַסטיש אונטערשיידט פון די קליידער, וואָס די רוסישע פרויען האָבן געטראָגן, איז זי צענדליקער מאָל קאָנטראָלירט געוואָרן דורך די נ.ק.וו.ד.־פּאָליציסטן. אויף די פיס האָט זי געטראָגן פּוילישע ווינטער־באָטן אויף אַ הויכן קנאָפּל און די הענט האָט זי געהאַלטן אין אַ פוטערנער מופקע. אין בופעט פון דער סטאַציע האָט מען גאָרנישט

געקענט קויפן, אַפילו נישט קיין טעפּל טיי. אין איין ווינקל האָט מען פאַרקויפט זיסע קוכנס, אָבער ווען עס איז געקומען איר ריי, איז שוין אַלץ געווען אויספאַרקויפט.

אַזוי איז זי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער באַן־סטאַציע.

אין דער פרי איז זי אָוועק אין שפּיטאָל, אין וועלכן זי איז געשיקט געוואָרן דורך די דאָקטוירים. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט און מען קען זי נישט אָננעמען. איז זי אָוועק אין אַ צווייטן שפּיטאָל. די הויפּט־דאָקטאָרין, וועלכע האָט זי אונטערזוכט האָט איר געזאָגט, אַז בלייבן וועט זי נישט קענען, נאָר זי וועט באַקומען אַ „געהעריקע באַהאַנדלונג" און דערנאָך וועט זי דאַרפן גלייך צוריקפאָרן אין פּאָסיאָלאָק. די באַהאַנדלונג איז געווען אַזאַ געלונגענע, אַז זי האָט אויף שטענדיק פאַרלוירן די פעאיקייט צו געבוירן קינדער.

דעם זעלבן טאָג איז זי שפּעט אין אָוונט אָנגעקומען פון ניאַנדאָמאַ קיין טאַרזאַ. אָבער ווי בלייבט מען אין דער קעלט אַ גאַנצע נאַכט ? אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה קען מען דאָך ווערן אַ שטיק אייז ! האָט זי זיך דערמאָנט אין איר מאַנס פּאַציענט פון דער באַזע קוזניעצאָוו. אָבער עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו געפינען דעם ריכטיקן קוזניעצאָוו, ווייל אויף דער באַזע זענען געווען צאָלרייכע רוסישע משפחות מיטן זעלבן נאָמען. צום סוף האָט זי אָנגעטראָפן אויפן ריכטיקן קוזניעצאָוו.

קוזניעצאָוו און זיין פרוי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אונדזער פריינדין און זי אויפגענומען גאַסטפריינדלעך ווי דער שטייגער איז ביי רוסן, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און האַרציקייט. זיי האָבן צו איר רשות געשטעלט ביידע ברייטע בעטן מיט „איין־שטאָקיקע" קישנס און פּוכענע איבערבעטן, ווייל זיי אַליין זענען גראָד דעם זעלבן אָוונט אָפּגע־פאָרן מיט דער באַן קיין ניאַנדאָמאַ אויף אַ פייערונג צו קרובים. מיט איר איז געבליבן קוזניעצאָווס אַלטע מוטער, וואָס האָט מיט אַ שטריק געוויגט אַ קאָריטע־וויגל, וואָס האָט אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט. אין וואַרעמען בעט זענען אויפגעגאַנגען אַלע אירע אברים. זי איז שוין לאַנג נישט געשלאָפן אין אַזאַ „קייזערלעך" בעט.

צומאָרגנס אין דער פרי איז זי געשטאַנען פאַרן פּראָבלעם ווי אַזוי קומט מען קיין טאַרזאַ. נאָך דער באַהאַנדלונג אין שפּיטאָל איז זי נישט

געווען אימשטאַנד צו גיין די 10 קילאָמעטער צו פוס. האָט זי געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט, אַז אַ שליטן, אַדער טראַקטאָר וועט פון דער באַזע פאָרן קיין טאַרזאַ און וועט זי מיטנעמען. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך טאַקע געשאַפן. אַ טראַקטאָר האָט געדאַרפט אָפּפאָרן אויפן פּאַסיאַלאַק, אָבער דער טראַקטאָריסט האָט געוואָרט אויף אַן אינסטרוקציע און געגנוי נישט געוווּסט, ווען ער וועט רירן פון אָרט.

מורא האָבנדיק, אַז דער טראַקטאָר וועט אָוועקפאָרן און זי איבער־לאָזן, האָט זי זיך אויף אים אַרויפגעזעצט און געדולדיק געוואָרט אויפן טראַקטאָריסט. זי האָט אַפילו נישט געפילט, אַז זי ווערט צוגעפרוירן צום אייזן. צום סוף האָט דער טראַקטאָר גערירט פון אָרט. ווען זי איז אָנגעקומען אין פּאַסיאַלאַק האָט זי נישט געקענט שטעלן קיין טריט. מען האָט זי קוים אַריינגעבראַכט אין צימער פון באַראַק. אין אַזאַ פאַל דאַרף די אויפ־טויכונג געמאַכט ווערן בהדרגהדיק, ביי אַ מעסיקער טעמפּעראַטור. אָבער אין שטוב האָט געברענט דער גרויסער אויוון און עס איז געווען הייס. די אויפטויכונג פון די פאַרפרוירענע אברים איז געווען אַ צו שנעלע און דאָס האָט איר פאַראורזאַכט שרעקלעכע ווייטיקן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע טעג. ביז היינט צו טאָג פילט אונדזער פריינדין די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער רייזע פון טאַרזאַ אין פּאַסיאַלאַק.

דער אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה

די איינוווינער פון די אַרבעטס־דערפער און אַרבעטס־לאַגערן אין אַרכאַנגעלסקער קרייז זענען פאַקטיש געווען אָפּגעשניטן פון דער דרויסנ־דיקער וועלט. די נ.ק.וו.ד. איז נישט געווען פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן צו פיל וויסן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. די סאָוועטישע זיכערהייטס־אָרגאַנען האָבן גוט געוווּסט, אַז די „ספּעץ־פּערעסעלענצעס" מאַכן נישט שלום מיט זייער איצטיקער לאַגע און וואַרטן אומגעדולדיק און מיט אַ טיפן גלויבן אויף אַ ווענדונג אין זייער לעבן. פון דער אַנדערער זייט האָט די טענה פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, אַז מיר דאַרפן זיך

צוגעווינען צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען ווי נאָרמאַלע סאָוויעטישע איינוווינער, זיי פאַרפליכטעט אונדז פון צייט צו צייט צוצושטעלן צייטונגען פון מאָסקווע און פון אַרכאַנגעלסק.

פון די דאָזיקע אינפאָרמאַציע־קוועלן האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן די דראַמאַטישע געשעענישן אין אייראָפּע, וועגן די אינטענסיווע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך פון איין זייט און ראַטנפאַרבאַנד — היטלער־דייטשלאַנד פון דער צווייטער זייט. הגם די סאָוויעטישע צייטונגען האָבן זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן די אמתע לאַגע און די געשפּאַנטע באַציאונגען צווישן מאָסקווע און בערלין, האָט מען צווישן די שורות געקענט אַרויסלייענען דעם טיפן אומרו אין די הויכע פענצטער פון קרעמל.

דער אויסברוך פון קריג האָט ביי אונדז אַרויסגערופן געמישטע געפילן. מיר האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קריג, וואָס ווערט געפירט דורך די דייטשן מיט דער גאַנצער אכזריות און אַנטשלאָסנקייט, כדי וואָס שנעלער אָפּצוהאַלטן אַ זיג איבער דער רויטער אַרמיי און דערנאָך דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ ענגלאַנד און אַמעריקע, וועט קאַטאַסטראָפאַל פאַרערגערן די לאַגע פון אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס איז געבליבן אונטער דער מאַכט פון די היטלעריסטן. אין די לעצטע חדשים פאַרן אויסברוך פון קריג זענען אָנגעקומען שלעכטע בשורות פון די פוילישע שטעט, וואָס זענען געווען אַן אָנזאָג פאַר די שפּעטערדיקע איוב־געשעענישן. אָבער אין יענע טעג האָט קיינער נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז עס איז מעגלעך אַ טאָטאַלע פאַרניכטונג פון אייראָפּעאישן יידנטום.

פון דער צווייטער זייט האָבן זיך דערוועקט באַרעכטיקטע האָפענונגען, אַז אויב דער ראַטנפאַרבאַנד איז געצוווּנגען געוואָרן זיך צו שטעלן קעגן די דייטשן צוזאַמען מיט די מערב־מדינות, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז אונדזער לאַגע וועט זיך פריער, אָדער שפּעטער ענדערן צום בעסערן. אָבער דאָס האָבן מיר אַזוי שנעל נישט דערפילט. פאַרקערט, אין די ערשטע טעג נאָכן אויסברוך פון קריג האָט זיך געמערקט אַ שפּאַנונג אויפן פּאַסיאָלאָק. די אַרבעטס־דיסציפּלין איז פאַרשאַרפט געוואָרן. דעניסאָוון האָט מען אָפּטער געזען אין די באַראַקן פון די פאַרשיקטע און אין עס־צימער.

ער האָט געוואָרפן דורכדרינגענדיקע בליקן אויף לינקס און אויף רעכטס ווי ער וואָלט געזוכט געפערלעכע פאַרשווערער. די דאָזיקע אויפפירונג איז געווען פאַר אונדז נישט פאַרשטענדלעך. דער שכל־הישר האָט דיקטירט, אַז דער רעזשים, וואָס האָט אין אונדז ביז איצט געזען אַ געפערלעכן אַנטי־סאָוויעטישן עלעמענט זאָל אונדז איצט באַטראַכטן אַלס פאַרבינ־דעטע קעגן אַ בשותפותדיקן, בלוטיקן שונא, מיט וועלכן מען דאַרף פירן אַ מלחמה אויף טויט און לעבן.

אָבער נישט נאָר אין דער הינזיכט האָט דער סטאַליניסטישער רע־זשים פאַרלוירן דעם שכל־הישר. די טעמפּקייט און זינלאָזיקייט איז געקומען צום אויסדרוק אויף צאַלרייכע געביטן פון מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און דעריבער איז מען נישט איבערראַשט געוואָרן, ווען די באַציאונג צו אונדז מצד די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָט זיך נאָך פאַרערגערט מיטן אַריינמאַרש פון די היטלעריסטישע האָרדעס קיין ראַטנפאַרבאַנד.

אין איינעם פון די לעצטע יוני־טעג 1941 האָט מען אין דער נאַכט אָנגעקלאַפּט ביי אונדז אין טיר. אין דרויסן איז געווען אַ פינצטערע נאַכט און עס האָט שטאַרק גערעגנט. ווען איך האָב געפרעגט ווער עס קלאַפּט, האָב איך געהערט די שאַרפע שטימע פון דעניסאָוון. איך האָב אויפגע־וועקט מיין פרוי און מיינע צוויי שוואָגערס. אַלע זענען מיר געווען איבער־געשראָקן און נישט געוווסט די סיבה פון דעם איבערראַשנדיקן וויזיט פון פאַרהאַסטן נ.ק.וו.ד.־נאַטשאַלניק.

ווען איך האָב געעפנט די טיר האָב איך דערזען דעניסאָוון אין דער געזעלשאַפט פון נאָך איין נ.ק.וו.ד.־אָפיציר אין דער ראַנג פון לייטע־נאַנט, און צווישן זיי אונדזער פריינט לייבל ראָזענבלאַט, וועלכער האָט געוווינט אין איינעם פון די צוויי באַראַקן פאַר איינצלנע פערזאָנען. ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון. ער איז געווען בלאַס ווי די וואַנט. מיר האָבן זיך נאָר אָנגעקוקט און אונדזערע בליקן האָבן שוין געזאָגט אַלץ. די צוויי נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן האָבן אָפילו קיין גוט־אָוונט נישט געזאָגט און זיך נישט אַנטשולדיקט וואָס זיי שטערן אונדז אין מיטן דער נאַכט.

די סיבה פון דעם נאַכט־באַזוך איז אונדז גלייך אויפגעקלערט גע־וואָרן. מיט אַ געדריקטער שטימע האָט אונדז אונדזער פריינט געזאָגט,

אַז ער איז געקומען נעמען זיין וואַליזע מיט די זאַכן, וועלכע ער האָט געהאַלטן ביי אונדז, ווייל מען פירט אים אַוועק פון פּאַסיאַלאַק. איך האָב אים אַראָפּגענומען די וואַליזע, וואָס איז געשטאַנען אויף די פּולקעס, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון די ברעטער און אים דערלאַנגט. דעניסאָוו האָט זיך צוגעקוקט ווי איך נעם אַראָפּ די וואַליזע און אַרויסגעזאָגט נאָר איין וואָרט: „ביסטראָ" (שנעל).

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך פאַרענדיקט דער פיינלעכער וויזיט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער פריינט, לייבל ראָזענבלאַט, איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ נידערטרעכטיקער מסירה. ווען מיר האָבן אַרויסגעקוקט פון פענצטער האָבן מיר פון דער ווייטנס געזען נאָך נ.ק.וו.ד.־יסטן און אייניקע פון אונדזערע מענטשן, וועלכע מיר האָבן נישט געקענט אידענטיפיצירן. ערשט צומאָרגנס זענען מיר געוווירר געוואָרן, אַז צוזאַמען מיט אונדזער פריינט זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָך דריי פּערזאָנען: יעקב באַכראַך, משה טאַשמע און גאַלדוואַג.

אַלע פיר זענען אין דער זעלבער נאַכט אָפּגעפירט געוואָרן קיין ניאַנדאָמאַ, ווו מען האָט זיי במשך פון 10 טעג געפאַרשט ביי טאָג און ביי נאַכט. יעדע פאָר שעה האָבן זיך געטוישט די אָפיצירן, וועלכע האָבן געפירט די אויספאָרשונג מיט פרישע כוחות. זיי האָבן געפרווט אַרויסבאַקומען פון זיי אַ דערקלערונג, אַז זיי זענען זיך מודה אין די פאַרגעוואָרפענע זיי פאַרברעכנס קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים. זיי האָבן דאָס געפרווט דערגרייכן מיט כלערליי טריקן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך מודה זיין, וועט ער גלייך באַפרייט ווערן. ער האָט אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע צינישע אָפערטעס מיט דער טענה, אַז ער איז נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונדזער פריינט און זיינע קאַלעגן האָט פאַרנומען צענדליקער דרוק־זייטן. אַלע זייערע קריטישע באַמערקונגען און וויצן וועגן סאָוויעטישן רעזשים און סטאַלינען, זענען דאָרט געווען פּינקטלעך פאַרשריבן. דאָס האָבן געקענט איבערגעבן נאָר מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געלעבט צוזאַמען אין איין באַראַק און האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייערע רייד און שפּעטער דאָס צוגעטראַגן דעניסאָוון.

אזוי איז אין באַשולדיקונגס־אַקט געווען אָנגעגעבן, אַז ווען איינער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קען נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, ווייל ער האָט נישט קיין שטיוול, האָט זיך אָנגערופן ראָזענבלאַט: שטיוול ווילסטו? און סטאַלין האָט אַ פּאָר שטיוול?...

איינער פון די הויכע נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן, וועלכער האָט געלייענט דעם דאָזיקן טייל פון באַשולדיקונגס־אַקט, האָט צו אים געזאָגט: „ווען דו וואָלסט געווען אַ סאָוויעטישער בירגער, וואָלט מען דיך דערפאַר אויפ־געהאָנגען אויף דער צונג". דערביי זענען געפאַלן אַזעלכע קאָמפּלימענטן ווי „יעווריעיסקאַיאַ מאָרדאַ", „סאָבאַטשי קאַפּיטאַליסט" (היטישער קאַפּי־טאַליסט), „ווראַג סאָוויעטסקאַוואַ נאַראָדאַ" (שונא פון סאָוויעטישן פאָלק). דער זעלבער אָפיציר האָט אים געמאָלדן, אַז ער און זיינע חברים וועלן געמשפּט ווערן לויטן פּאַראַגראַף 58/10 וועגן פאַרברעכנס קעגן דער מדינה און פאָלק, וואָס ווערן אויסגעפירט דורך אָרגאַניזירטע גרופּן. אָבער דער פּראָצעס איז נישט פאָרגעקומען. אין ראַטנפאַרבאַנד קען מען יאָרן־לאַנג האַלטן אומשולדיקע מענטשן אין תפיסות און אַרבעטס־לאַגערן אָן אַ משפט און אָן אַן אורטייל.

די אויספאָרשער האָבן אויך געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער האָט אַריינ־געשטעלט די וואַליזע דווקא צו דער „בורזשואַזער" משפחה פעלד. זיי האָבן געמאַכט אומגעהויערע באַמיאונגען אַרויסצובאַקומען פון אים וואָס מיר זאָגן וועגן סאָוויעטישן רעזשים און וועגן די סאָוויעטישע פירער. אָבער אונדזער פריינט האָט זיך געהאַלטן שטאַלץ און ווירדיק און זיך נישט געלאָזט אַריינכאַפּן אין די נעץ פון פאַלשע הבטחות פון די אויס־פאָרשער.

אויפן 11טן טאָג האָט מען אַלע פיר „פאַרברעכער" אָפּגעשיקט אין דער קאַרגאַפּאָליער תפיסה, וואָס איז געווען באַרימט פון איר שטרענגן און אכזריותדיקן רעזשים. די אַרעסטאַנטן האָבן דאָ נישט געאַרבעט, אָבער די סאַניטאַרע באַדינגונגען און די באַשפּייזונג זענען געווען אויף אַזאַ ניוואָ, אַז נאָר ביז גאָר שטאַרקע אָרגאַניזמען האָבן געקענט אויסהאַלטן. די ערשטע וואָכן האָט מען זיי געהאַלטן אין איין צעלע מיט די גרעסטע פאַרברעכער. די דאָזיקע געפערלעכע פאַרברעכער האָבן אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אויף די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, אַז זיי האָבן פּשוט מורא געהאַט

אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט. צוליב יעדער קלייניקייט זענען אויסגעבראָכן וויסטע געשלעגן צווישן די קרימינאַליסטן און די היטער האָבן געמוזט אינטערווענירן מיט געווער אין דער האַנט.

אין דער צעלע זענען געווען ביי 25—30 אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען געשלאָפן אויף 2־שטאָקיקע פּריטשעס. אין איין עק איז געשטאַנען אַ גרויס פּעסל, אין וועלכן אַלע האָבן משתין געווען. פון די שלעכטע ריחות האָט מען באַקומען אַ שווערן קאָפּ־ווייטיק. יעדן טאָג האָט מען די אַרעס־טאַנטן אַרויסגעלאָזט אויפן הויף אויף 15 מינוט. אין די פּאָר מינוטן האָבן די לונגען איינגעזאַפּט פרישע לופט אויף 24 שעה.

צום סוף פון דער אויספאָרשונג איז געקומען די גרעסטע איבעראַ־שונג. די נ.ק.וו.ד. האָט געבראַכט צוויי מוסרים צו באַשטעטיקן דעם באַ־שולדיקונגס־אַקט. דאָס זענען געווען זייערע שכנים אין באַראַק: מאַצנער און קראַמער. ביידע זענען געווען אין דינסט פון דער נ.ק.וו.ד.

די דאָזיקע מסירה האָט יאַרן שפּעטער געהאַט אַ דראַמאַטישן המשך אין איינעם פון די אויטאָבוסן אין תל־אביב. אונדזער פריינט ראָזענבלאַט האָט אין אויטאָבוס דערקענט מאַצנערן. אין דעם אויגנבליק האָבן פּאַר אים אויפגעלעבט אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען, וואָס האָבן שיער נישט גורם געווען זיין טויט. ער איז צוגעלאָפן צום מוסר און אים אָנגע־הויבן שלאָגן מיט אַלע כוחות. פון די אויסרופן און אָפּגעהאַקטע ווערטער פון ראָזענבלאַטן האָט דער עולם אין אויטאָבוס פאַרשטאַנען, אַז די האַנדלונג פון דעם אַנגרייפער איז אין דעם פאַל אַ באַרעכטיקטע. פון מאַצנערס פּנים האָט גערונען דאָס בלוט, אָבער קיינער פון די פּאַסאַזשירן האָט זיך נישט אַריינגעמישט. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נאָענטסטער סטאַציע, האָט זיך דער פאַרבלוטיקטער מאַצנער אַרויסגעריסן פון אויטאָבוס און איז אַנטלאָפן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך ביידע מער נישט געזען.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 300 גראַם שוואַרץ, קלעפּיק ברויט און צוויי וואַסערדיקע זופּן — מיטאָג־צייט און אין אָוונט. אַ גאַנצן טאָג איז מען אַרומגעגאַנגען הונגעריק. ווען מען האָט שפּעטער אָפּגעטיילט די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון די פאַרברעכער, האָט זיך דערוועקט די

האָפענונג, אַז די לעבנס־באַדינגונגען וועלן זיך פאַרבעסערן, אָבער די דאָזיקע האָפענונג האָט זיך נישט באַשטעטיקט. די אַרעסטאַנטן זענען געפאַלן פון די כוחות. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז אַ סך אַרעס־טאַנטן האָבן פשוט נישט געהאַט קיין כוח אַרויסצוגיין אויפן טעגלעכן שפּאַציר און זיי זענען געבליבן ליגן אויף דער פּריטשע.

אין איינעם אַ טאָג האָט אונדזער פריינט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט. ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. ער איז געווען איינגעאַנצן געשוואָלן און געוויגן נישט מער ווי 35 קילאָ. ער האָט זיך געמאָלדן צום תפיסה־קאָמענדאַנט מיטן תירוץ, אַז ער האָט אים איי־בערצוגעבן אַ וויכטיקן ענין.

אין צימער פון תפיסה־קאָמענדאַנט זענען נישט געווען קיין אַנדערע פּערזאָנען. ווען דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעקוקט ווי אַזוי עס זעט אויס דער פּאָליטישער אַרעסטאַנט ראָזענבלאַט האָט ער אין ערשטן מאָמענט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק און זיך געמאַכט עפּעס זוכן אויפן טיש. אַפילו אים איז נישט געווען אָנגענעם צו קוקן אויף אַ שאָטן פון אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אונטער זיין אויפזיכט און מאַכט.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט אים געפרעגט נאָך וואָס ער איז צו אים געקומען, האָט אים ראָזענבלאַט פאָרגעשלאָגן אַ פּשוטע מענטשלעכע טראַנזאַקציע, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט אין די הונגער־באַדינגונגען פון דער תפיסה. אַזוי ווי צווישן זיינע זאַכן, וואָס געפינען זיך אונטער דער קאָנטראָל פון תפיסה־קאָמענדאַנט זענען פאַראַן אַ פּאָר גאָלדענע זייגערלעך, וויל ער איין זייגערל אים געבן אַלס מתנה פאַר אַ פּאָר קילאָ ברויט. דער קאָמענדאַנט איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם דאָזיקן אָנבאָט. אין ערשטן מאָמענט האָט ער אָנגעקוקט ראָזענבלאַטן מיט אַ בליק ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַר אים אַנטשולדיקן און מיט אַ ווייכער שטימע געזאָגט: „ניין, דאָס וועט נישט גיין, איך וועל נישט מאַכן אַזעלכע געשעפטן. איך נעם נישט קיין מתנות פאַר ברויט. אַלע אַרעסטאַנטן זענען אויף גלייכע רעכט".

נאָכן אָפּזיצן 10 מאָנאַטן אין דער קאַרגאָפּאָליער תפיסה איז אונדזער פריינט ראָזענבלאַט באַפרייט געוואָרן. ער איז געווען פון די לעצטע

„ביעזשענצעס" (פּליטים), וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען. אין טאָג ווען ער איז אַרויס פון דער תּפיסה האָט ער צוריקבאַקומען אַלע זיינע זאַכן. עס האָט גאָרנישט געפעלט, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו שלעפּן די וואַליזע.

גלייך ווי ער איז אָנגעקומען צום שטאָט־מאַרק האָט ער פאַרקויפט אַ זייגערל פאַר אַ פּאָר קילאָ ברויט און אַ פּאָר פּושקעס פליייש. ער איז געווען אַזוי הונגעריק, אַז מיט איינמאָל האָט ער אויפגעגעסן אַ גאַנץ ברויט מיט אַ פּושקע פליייש. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז זיינע איינגעדאַרטע און איינגעטריקנטע קישקעס זענען נישט אימשטאַנד אויפצונעמען אויף איינמאָל אַזאַ קוואַנטום עסן. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער סעודה, האָט ער דערפילט, אַז עס איז אים שווער צו גיין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אים אַרויסגעקראָכן אַ טייל פון דער גראָבער קישקע, דאָס האָט אים פאַרשאַפט גרויסע ווייטיקן.

אין אַזאַ צושטאַנד איז ער אָנגעקומען קיין טשקאַלאָוו. דריי טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט פון איין שפּיטאָל צום צווייטן ביז אַ יידישע קראַנקן־שוועסטער האָט אויף רחמנות געהאַט און אים געשאַפן אַן אָרט און קוואַרטיר. נאָך דער אָפּעראַציע האָט די דאָזיקע קראַנקן־שוועסטער געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען ער זאָל געזונט ווערן און קומען צו די כּוחות. זי האָט אים באַזאָרגט מיטן בעסטן עסן, וואָס איז נאָר געווען אין שפּיטאָל. דאָס שפּיטאָל האָט געהאַט גענוג שפּייז־פּראָדוקטן, ווייל אַהער האָט מען געבראַכט שווער פאַרוווּנדעטע פון פראָנט. אונדזער פריינט האָט דאָ געהאַט אַזאַ גוטע פלעגע, אַז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָט ער צוגענומען העכער 20 קילאָ.

די קראַנקן־שוועסטער און אירע עלטערן האָבן שפּעטער געמאַכט באַמיאונגען, אַז ראַזענבלאַט זאָל בלייבן אין טשקאַלאָוו, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו באַזעצן זיך אין דער דאָזיקער שטאָט, הגם ער האָט געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו דער קראַנקן־שוועסטער און איר משפּחה. אים האָט געצויגן צו זיינע פריינט פון וועלכע ער איז אָוועקגעריסן געוואָרן אין טאַרזאַ. אין טשקאַלאָוו איז ער געוואויר געוואָרן,

אַז מיר האָבן זיך רעגיסטרירט צו פאָרן אין קליינעם טאַדזשיקישן שטעטל אורא־טיובע, האָט ער באַשלאָסן אונדז דאָרט אויפצווזוכן. און ער איז טאַקע צו אונדז געקומען.

מיר פאַרזייען קאַרטאָפל...

אַ פּאָר וואָכן נאָכן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה האָט זיך פאַרערגערט אונדזער, אויך ביז איצט, אָרעמע באַשפייזונג. די ברויט־נאָרמע איז געוואָרן קלענער און די זופּן אין דער קיך שיטערער. דאָס ווייסע ברויט, וואָס מען האָט פריער געקענט קויפן אין די זונטיק־טעג אין מאַגאַזין, איז כמעט אינגאַנצן פאַרשווונדן, און אַפילו אַ ביסל זאַלץ איז געווען שווער צו באַקומען.

די נישטיקע זאַפּאַסן פון פעטס, צוקער און מאַרמעלאַדע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונדזערע לעמבערגער פריינט האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן. די זעלבע לאַגע איז אויך געווען ביי אַנדערע. דער קריג האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע קאָנטאַקטן מיט פריינט און נאָענטע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס איז מיט זיי געשען נאָכן אויסברוך פון קריג. איינס איז געוואָרן פאַר אונדז קלאָר: מיר קענען מער נישט רעכענען אויף דער הילף, וואָס איז ביז איצט געקומען פון דרויסן.

די רוסן, וועלכע האָבן געלעבט אין טאַרזאַ און האָבן גוט געקענט די סאָוויעטישעווירקלעכקייט האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עס דערנענטערן זיך זייער שווערע צייטן פאַר די „ספּעץ־פּערעסעלענצעס״. אין דער מלחמה־זאַוויערוכע קען מען דערוויַל פאַרגעסן אין די פאָר הונדערט טויזנט פאַרשיקטע אין די טייגעס פון אַרכאַנגעלסק. זיי זענען דעריבער געקומען צו אונדז מיט אַן עצה, אַז מיר זאָלן זיך צוגרייטן צום שווערן ווינטער און פאַרזייען קאַרטאָפל, וואָס וועלן אונדז פאַרזיכערן קעגן הונגער. איך ווייס נישט צי די דאָזיקע איניציאַטיוו איז געקומען פון זיי אַליין, אָדער זיי האָבן באַקומען אַזעלכע אָנווייזונגען פון דער העכערער מאַכט.

אָבער פּונקט ווי עס איז געווען מיט די ציגן און קי, אַזוי איז אויך

געווען מיטן דאָזיקן פאָרשלאָג. נישט אַלע האָבן אָנגענומען די דאָזיקע עצה. דער גרעסטער טייל איז געבליבן גלייכגילטיק און אַפּאַטיש. אַ טייל האָט אויך נישט געהאַט דעם פיזישן כוח זיך צו נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט. וועגן באַפרייען אונדז פון דער וואַלד־אַרבעט האָט קיינער נישט געקלערט. נאָך אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג איז נישט געווען ווען צו פאַרנעמען זיך מיט באַאַרבעטן דעם באָדן פאַר זייען קאַרטאָפל. איז געבליבן נאָר דער פרייער זונטיק.

דאָס פאַרזייען קאַרטאָפל איז נישט געווען אין טאַרזאַ אַ פּשוטער ענין, ווייל קיין פרייע פעלדער זענען נישט געווען. עס זענען געווען נאָר שטחים נאָך אויסגעהאַקטע ביימער. האָט מען געמוזט צוערשט אַרויסרייסן די פּניאַקעס מיט די וואָרצלען. און דאָס קען מען נישט טאָן מיט פּרימיטיווע אַרבעטס־מכשירים. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז 2—3 טראַקטאָרן וועלן אין די זונטיק־טעג אונדז געגעבן ווערן צום אַרויסרייסן די פּניאַקעס. מיר האָבן אונטערגעגראָבן די וואָרצלען, דורכגעצויגן אַ דיקע קייט און דער טראַקטאָר האָט פּאַוואָליע אַרויסגעריסן דעם פּניאַק מיט די הויפּט־וואָרצלען. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז די קייט האָט זיך איבערגעריסן, ווייל דער פּניאַק האָט זיך פאַרעקשנט און בשום אופן נישט געוואָלט אַרויס פון דער מוטער־ערד. דאָס האָט פּאַסירט מיט די דיקע סאָסנע־פּניאַקעס. אין אַזאַ פאַל האָט מען צו דער „אָפּעראַציע" איינגעשפּאַנט צוויי טראַקטאָרן.

נאָך דעם ווי די טראַקטאָרן האָבן אַרויסגעריסן און באַזייטיקט די פּניאַקעס, האָבן מיר געדאַרפט באַאַרבעטן דעם באָדן. וואָלט די דאָזיקע אַרבעט געמאַכט אַ טראַקטאָר מיט אַן אַקער־אייזן, וואָס וואָלט זיך אַריינגעשניטן אין דער בתולה־ערד אויף אַ טיף פון 30—40 צענטימעטער, וואָלט די באַאַרבעטונג פון באָדן געווען אַ פיל בעסערע. אָבער דאָס האָבן זיי נישט געטאָן, הגם די רוסן האָבן זייער גוט געוווסט, אַז דער זומער אין אַרכאַנגעלסקער געביט איז אַ קורצער און יעדער פאַרלוירענער טאָג פאַרקלענערט די שאַנסן פון אַ גוטער גערעטעניש. מען וואָלט געקענט אויסנוצן אויך פערד צו דער דאָזיקער אַרבעט, זענען אָבער נישט געווען די נייטיקע אַקער־אייזנס.

איז דעריבער געבליבן דער איינציקער אויסוועג — צו באַארבעטן די ערד מיט לאָפּאַטעס. מײַן משפּחה איז אין דער הינזיכט געווען אין אַ בעסערער לאַגע, ווײַל מיר זענען געווען דרײַ מענער. מיר האָבן דעריבער געקענט באַארבעטן אַ גרעסער שטיק פעלד. צום סוף איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען מיר האָבן אונטער דער אויפזיכט פון די אַרטיקע רוסן פאַרזעצט די קאַרטאָפל־זוימען אין דער ערד און דערוואַרט מיט האָפענונג אַ גוטע געראַטעניש.

די זונטיק־טעג פון זומער 1941 זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן צו זאַמלען שוואָמען, יאַגדעס, מאַלינעס און אַנדערע וואַלד־פּרוכטן. די אַרכאַנגעלסקער וועלדער זענען זייער רײַך אין כלערליי מינים יאַגדעס און מאַלינעס מיט אַן אייגנאַרטיקן טעם. וואָס ערגער עס איז געוואָרן די באַשפּייזונגס־לאַגע אין פּאָסיאָלאָק, אַלץ מער האָבן מיר געמוזט אָנקומען צו אונדזער נאַטירלעכן שפּייכלער — דעם וואַלד. באַלד אין דער פרי האָבן זיך צענדליקער פּאָסיאָלאָק־איינוווינער געלאָזט מיט די טעפּ און וויאַדרעס אין וואַלד אַרײַן. עס איז געווען גענוג צו דערווײַטערן זיך פון פּאָסיאָלאָק אויף אַ קילאָמעטער־צוויי, כדי אַרײַנצוקומען אין גן־עדן פון די שוואָמען, יאַגדעס און מאַלינעס. צום סוף פון זומער, ווען די קאַמאַרן און בינען זענען פאַרשוווּנדן און דער וועטער איז געווען אַ שיינער, איז אָנגענעם געווען צו שפּאַצירן אין וואַלד און אויפזאַמלען זײַנע פּרוכטן. מען האָט אָבער געמוזט זײַן זייער פאָרזיכטיק נישט צו פאַרקריכן צו טיף אין דזשונגל. מען האָט זיך שטענדיק געמוזט האַלטן מיט אַ גרופּע און זיך מאַכן סימנים, כדי נישט צו פאַרלירן דעם וועג צוריק. מען האָט אונדז געוואָרנט, אַז אין דער צײַט פון יאַגדעס־סעזאָן וואַנדערן אין וואַלד ריזיקע בערן, וועלכע אַטאַקירן מענטשן. די אַרטיקע רוסן האָבן אויסגענוצט דעם דאָזיקן סעזאָן פאַר יאַגד אויף בערן און אייניקע פון זיי האָבן געהאַט גרויסן דערפאָלג. זיי האָבן שוין געוווּסט, ווו עס באַהאַלטן זיך אויס די בערן אין אונדזער סביבה און האָבן זיי אַטאַקירט מיט ביקסן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. די רוסן האָבן שטאַרק ליב געהאַט דאָס זיסלעכע בערן־פלייש און דאָס פעטס האָבן זיי באַהאַלטן אויף די ווינטער־מאָנאַטן. אונדזער מייסטער גלאַדקאָוו האָט איין מאָל דערשאָסן אַ בער, וואָס האָט געוווּגן אַ פּאָר הונדערט קילאָ.

ער האָט געמוזט זייער שווער אַרבעטן ביז ער האָט אים אויף אַ שליטן געבראַכט פון דער טייגע אין פּאָסיאָלאָק.

אין אונדזערע וועלדער זענען אויך געווען גרויסע הירשן מיט הער־נער־קרוינען אויף די קעפּ. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאַרבאָטן די יאַגד, כדי זיי נישט צו פאַרניכטן. די הירשן האָבן אויסגעמיטן מענטשן, פּילנדיק, זעט אויס, אינסטינקטיוו, אַז קיין גוטס קענען זיי פון די דאָזיקע באַגעגענישן נישט דערוואַרטן. די רוסן האָבן געהאַט גרויס חשק צו כאַפּן אַ פּאָר הירשן, ווייל זייער פלייש איז געשמאַק, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צו קומען אין קאָנפליקט מיט די מאַכט־אָרגאַנען.

די וואַלד־פּרוכטן האָבן אונדז במשך פון לאַנגע וואָכן ממש געראַ־טעוועט פון הונגער. אין די זונטיק־טעג האָבן מען געקענט אויפקלייבן אַזוי פיל שוואָמען, יאַגדעס, מאַלינעס און בערעלעך, אַז עס זאָל געננוג זיין פאַר אַ גאַנצער וואָך. אַחוץ דעם וואָס די יאַגדעס האָבן אין אַ גרויסער מאָס געשטילט דעם הונגער, זענען זיי געווען דער וויכטיקסטער וויטאַמינען־צושטייער פאַר די איינוווינער פון פּאָסיאָלאָק. אין סעזאָן פון די יאַגדעס האָט זיך פאַרקלענערט די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן געליטן פון שקאָרבוט צוליב מאַנגל אין וויטאַמינען.

אייניקע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער, האָבן זיך אין דעם יאַגדעס־סעזאָן מפרנס געווען פון פאַרקויפן די וואַלד־פּרוכטן צו די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין כוח, אָדער געדולד צו קלייבן די יאַגדעס אין וואַלד. די פּרייזן זענען געווען צוגעפּאַסטע, אין הסכם מיט די מעגלעכקייטן און פאַרדינסטן פון די פאַרשיקטע. נישט יעדער אָבער, נישט געקוקט דערויף, האָט זיך געקענט דערלויבן אויף דעם לוקסוס. צענדליקער איינוווינער פון פּאָסיאָלאָק האָבן נישט געהאַט קיין שום געלט־רעזערוון, אָדער ווערטפולע זאַכן און האָבן געלעבט נאָר פון דעם וואָס זיי האָבן פאַרדינט פון דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט.

אין איינעם פון די לעצטע אויגוסט־טעג איז דער פּאָסיאָלאָק דער־שיטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז מ. צ. האָט זיך אויפגעהאַנגען. דאָס איז געווען אַן איידעלער אינטעליגענטער עסטרייכישער ייִד, וועלכער האָט זיך שוין אַרומגעוואַלגערט אין דער וועלט זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. פון איין לאַנד איז ער אַנטלאָפן אין צווייטן ביז ער איז

אַנגעקומען קיין לעמבערג פון וואַנען ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע פּליטים פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַרזאַ. זיין פרוי איז געשטאָרבן פון אַ שווערער דיזענטעריע אין פּוילן. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. ער איז געווען אין אָנפאַנג פון די זעכציקער יאָרן, אָבער אין רעזולטאַט פון דעם נע־ונד־לעבן און די שווערסטע באַדינגונגען האָט ער זיך פיזיש אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן.

הגם דעניסאָוו האָט פאַר זיך געזען אַ צעבראָכענעם מענטש האָט ער אים נישט געוואָלט באַפרייען פון דער אַרבעט און אים געשיקט אין וואַלד אַריין צו פאַרשידענע אַרבעטן. ווען די רוסישע מייסטערס האָבן געזען, אַז זיי האָבן נישט פון אים קיין שום נוצן, ווייל ער איז פשוט נישט מסוגל אויסצופירן אַ פיזישע אַרבעט, האָט מען אים געשיקט צו רייניקן די באַראַקן. אָבער אויך צו דער אַרבעט האָבן נישט געסטייעט זיינע כוחות. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געדריקטער שטימונג און אָנגעהויבן אויסמיידן מענטשן. אייניקע זיינע פריינט פון באַראַק, וועלכע האָבן אים געהאָלפן מיט שפייז־פּראָדוקטן און געלט האָבן זיך באַמיט ביי דעניסאָוון מען זאָל אים איבערפירן אין אַן עלטערן־הויז אין ניאַנדאָם, אָדער אין אַן אַנדערער שטאָט. מען האָט אים דערלאַנגט אייניקע שריפטלעכע ביטעס, אָבער אַלע באַמיאונגען האָבן נישט געגעבן דעם קלענסטן רעזולטאַט. קען זיין, אַז דעניסאָוו האָט אפילו די ביטעס נישט איבערגעשיקט צו די העכערע אינסטאַנצן. אַלנפאַלס קיין ענטפער איז נישט געקומען און מ. צ. האָט געמוזט מיט די לעצטע כוחות אַרבעטן, כדי אויפצוהאַלטן די נעבעכדיקע עקזיסטענץ.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער, זעט אויס, באַשלאָסן, אַז דאָס לעבן האָט נישט מער פאַר אים קיין שום זין און עס איז נישט מער כדאי צו קעמפן פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ אין די אכזריותדיקע באַדינגונגען. און אפשר האָט ער געפילט, אַז זיינע פיזישע כוחות דערנענטערן זיך צום סוף. איז בעסער דעם סוף צוצואיילן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיט זיין טראַגישן טויט האָט ער אויך געוואָלט אויסשרייען זיין פּראָטעסט קעגן דעם רעזשים פון וועלכן ער האָט דערוואַרט אַ מער מענטשלעכע באַציאונג.

דער זעלבסטמאָרד פון מ. צ. האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער אין

13טן און 5טן פּאָסיאָלאָק. דער טראַגישער טויט איז געווען די ערשטע וואָרענונג פאַר אַלע. מיט איינמאָל האָבן אַלע דערפילט, אַז אונדזער לאַגע הייבט זיך אָן דראַסטיש צו פאַרערגערן, דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט מ. צ. קען אין דער נאָענטסטער צייט אויך געשען מיט אַנדערע. פּלוצים האָבן אַלע מורא באַקומען פאַרן זיך דערנענטערנדיקן ווינטער. ווער ווייסט צי מיר וועלן קענען דורכהאַלטן נאָך אַ ווינטער, אויב די באַשפּייזונג וועט זיך נישט פאַרבעסערן — האָבן געזאָגט עלטערע מענטשן.

די פּעסימיסטישע שטימונג האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער, ווען מיר האָבן געוואָלט אָראָפּנעמען די ערשטע קאַרטאָפל פון אונדזערע פעלדער. יעדן זונטיק האָבן מיר געאַרבעט עטלעכע שעהביים אויפקאָפּען די בייטן און אַרומנעמען די קוסטן מיט ערד. צו אונדזער גרויסער אַנטוישונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אינגאַנצן נישט געהאַט קיין גערעטעניש. די זעלבע קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן פאַרזעצט האָבן מיר געפונען אין דער ערד, נאָר פאַרפוילט, אָדער צעבליט. אונדזער ווייטיק איז געווען אומבאַשרייבלעך. מיר האָבן פאַרלוירן די לעצטע האָפענונג צו באַזאָרגן זיך מיטן יסודותדיקן שפּייז־פּראָדוקט, וואָס דאַרף אונדז שיצן קעגן אַ זיכערן הונגער אין די וויג־טער־מאָנאַטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַנשטאָט אונדז צו געבן קאַרטאָפל, וואָס זענען צוגעפּאַסט צום ספּעציפישן קלימאַט פון אַרכאַנ־געלסק, ווו אַלץ וואַקסט שנעלער ווי אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד, האָט מען אונדז געגעבן קאַרטאָפל־זוימען פון אוקראַינע, וועמענס רייף־צייט איז אַ פיל לענגערע און וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט צו די קלי־מאַטישע באַדינגונגען פון ווייטן צפון. מיר האָבן אַפילו נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן. און אַפילו ווען מיר וואָלטן יאָ געהאַט, וואָלט דאָס נישט געגעבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס זעלבע איז אויך געשען אין אַנדערע פּאָסיאָלקעס פון אַרכאַנגעלסקער געביט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז געווען אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, אָדער סתם איינער פון די טויזנטער פּאַראַדאָקסן פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט אין דער סטאַליניסטישער תקופה.

עובדיה פעלד

די באַפרייאונג

אָבער דווקא ווען שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט אונדזער הימל און דער יאוש האָט אָנגעהויבן זיך אַריינרייסן אין אונדזערע הערצער, איז געקומען די ראַדיקאַלע ווענדונג אין אונדזער לאַגע. די דאָזיקע ווענדונג איז געקומען גאַנץ אומדערוואַרט ווי אַ דונער אין אַ שיינעם העלן טאָג. קיינער פון אונדז האָט נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דעם, אַז אונדזער באַפרייאונג דערנענטערט זיך מיט שנעלע שריט.

פון די צייטונגען, וועלכע מיר האָבן פון צייט צו צייט באַקומען זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן גרויסע נצחונות אויף אַלע פראָנטן און אַז די רויטע אַרמיי ציט זיך צוריק פון אַלע פראָנט־אָפשניטן, ליידנדיק געוואַלטיקע פאַרלוסטן. די סאָוויעטישע פרעסע האָט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן די שווערע מפלות אין דער ערשטער תקופה פון דער מלחמה, אין דער צייט, ווען הונדערטער טויזנטער זעלנער האָבן זיך צוריקגעצויגן אונטער די קלעפּ פון די דייטשן און צוזאַמען מיט זיי זענען עוואַקואירט געוואָרן מיליאָנען ציווילע בירגער פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד קיין סיביר און אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן.

פון די צייטונגען זענען מיר אויך געוווּיר געוואָרן וועגן דער ווענדונג אין די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי אין לאָנדאָן.ביידע רעגירונגען האָבן אָנגעקניפּט נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען און אויסגעטוישט אַמ־באַסאַדאָרן. דאָס האָט געוועקט האָפענונג, אַז אונדזער לאַגע וועט זיך ענדערן צום גוטן. אָבער קענענדיק שוין אַ ביסל דעם סאָוויעטישן רעזשים האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז ביז עס וועט קומען די ישועה, קענען מיר דערוויל אויסציען די פיס.

אָבער דאָס מאָל איז אונדזער פעסימיזם נישט געווען קיין באַרעכ־טיקטער. אונטערן דרוק פון מעכטיקע אויסלענדישע פאַקטאָרן, אין וועלכע דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, כדי צו באַקומען פון זיי הילף, האָט דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט פון מאָסקווע געאַרבעט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט צו לייזן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן די פראַגע פון די פּוילישע „ספּעץ־פּערעסעלענצעס".

דאָס איז געווען דעם 14טן סעפּטעמבער 1941. מיר האָבן ווי נאָרמאַל געאַרבעט אין וואַלד ביים האַקן האָלץ. אויך דעם טאָג זענען מיר אַרויס צו דער אַרבעט, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען האַלב־פינצטער. אַרום 2 אַזייגער נאָך מיטאָג האָט זיך פּלוצים באַוויזן אונדזער מייסטער גלאַד־קאָוו. ער איז נישט געגאַנגען לאַנגזאַם ווי עס איז געווען זיין שטייגער, נאָר ממש געלאָפן. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, אָבער אינסטינקטיוו האָבן מיר דערפילט, אַז עפּעס וויכטיקס איז געשען. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדז אַ פאַרסאָפּעטער האָט ער צו אונדז אויסגערופן: „רעביאַטאַ, ווי סוואָבאָדניע!" (חברה, איר זענט באַ־פרייט). אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעאַגירן, עס איז אונדז פּשוט געווען שווער צו גלייבן, אַז עס איז געקומען דער טאָג פון דער באַפרייאונג. מיר האָבן געוווּסט, אַז גלאַדקאָוו וועט זיך נישט דערלויבן צו מאַכן מיט אונדז אַ שפּאַס אין אַזאַ וויכטיקן ענין. אונדזער פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צו אונדז זענען צוגעקומען פריינט און באַקאַנטע פון אַנדערע בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַרבעט נישט ווייט פון אונדז. די וויוואַט־אויסרופן האָבן ווייט אָפּגעהילכט אין וואַלד. נאָך 14 חדשים ליידן און פּיין האָט אונדז צום ערשטן מאָל באַהערשט דאָס געפיל פון פרייד. מיר האָבן דערלעבט דעם מאָמענט פון דער גרויסער בשורה וועגן אונדזער באַפרייאונג.

גלאַדקאָוו האָט אונדז געהייסן איבעררייסן די אַרבעט און אַוועקלייגן די אַרבעטס־כלים אין אַ זייט. מיר האָבן אַפילו נישט געדאַרפט אַהיימ־נעמען די כלים, כדי זיי אָפּגעבן אין אָרדענונג. גלאַדקאָוו האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין אַלץ דערליידיקן, ער וועט שוין צונויפנעמען די העק מיט זעגן און זיי אָפּגעבן אין מאַגאַזין. „איר זענט באַפרייט פון דער דאָזיקער אַרבעט" — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. מיר האָבן געפילט, אַז ער לעבט טיף איבער צוזאַמען מיט אונדז דעם דאָזיקן מאָ־מענט. און אפשר איז ער אונדז אַפילו מקנא געווען? מיר האָבן אים געווונטשן, אַז ער זאָל אויך דערלעבן צו געזעגענען זיך מיט טאַרזאַ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין פּאָסיאָלאָק האָט דאָס קליינע דערפל געזידט ווי אַ הייסער קעסל. מען האָט זיך האַרציק באַגריסט און געקושט און קעגנזייטיק זיך געווונטשן אַ גליקלעכע צוקונפט. איינער איז געלאָפן

צום צווייטן אַנזאָגן די גוטע בשורה, הגם אַלע האָבן שוין געוווּסט וועגן דער באַפרייאונג. אָבער אויף אַזאַ אופן האָט מען אויסגעדריקט די פרייד, וואָס האָט אונדז אַלע באַהערשט. אין דעם אָוונט איז קיינער נישט געזעסן אין די באַראַקן, נאָר אין דרויסן און קאָמענטירט אויף פאַרשידענע אופנים די באַדייטונג פונעם באַפרייאונגס־אַקט.

צומאָרגנס האָט דעניסאָוו צונויפגערופן אַלע איינוווינער פון פּאָסיאָ־לאָק אין גרויסן באַראַק פון די איינצלנע און אונדז אָפיציעל געמאָלדן וועגן אונדזער באַפרייאונג. דאָס איז שוין נישט געווען דער זעלבער דעניסאָוו. ער האָט געוווּסט, אַז פון היינט אָן האָט ער צו טאָן מיט מענטשן פון אַן אַנדערן סטאַטוס. דאָס זענען נישט מער די „ספּעץ־פּערעסעלענצעס", איבער וועלכע ער האָט זיך געקענט איזדיעקעווען. ווי ענג זיין מוח איז נישט געווען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איצט צו טאָן מיט פרעמדע בירגער, וועלכע האָבן פּלוצים באַקומען אַ טאַטן, וואָס זאָרגט פאַר זיי.

דעניסאָוו האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז דאָס פאַרלאָזן דעם פּאָסיאָלאָק וועט דויערן 10 ביז 14 טעג און יעדער איינער קען זיך אויסוויילן פריי זיין וווין־אָרט אין ראַטנפאַרבאַנד און לויט דעם וועלן אַרויסגעגעבן ווערן די פערזענלעכע דאָקומענטן (אודאָסטוואָרעניע) און די באַן־אויסווייזן. ביז מען וועט פאַרלאָזן דעם פּאָסיאָלאָק איז קיינער נישט מחויב צו אַרבעטן אין וואַלד. דאָס אַליין האָט אַנגעוויזן אויף דער גרויסער ווענדונג אין אונדזער לעבן. דעניסאָוו האָט מיט איינמאָל פאַרלוירן די שליטה איבער אונדז.

גלייך נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זיך יעדער איינער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיטן נייעם פּראָבלעם פון אויסוויילן דאָס נייע וווין־אָרט אין דער ריזיקער מדינה. דער שכל־הישר האָט דיקטירט, אַז דאָס נייע וווין־אָרט דאַרף זיין וואָס ווייטער פון פראָנט. דאָס אייראָפּעאישע רוסלאַנד איז נישט געווען אַקטועל, ווייל די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען גאַנץ אוקראַינע און גרויסע טיילן פון דער רוסישער רעפּובליק. עס זענען דעריבער געקומען אין באַטראַכט סיביר, דער ווייטער מזרח און די מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקן.

נאָך אַרכאַנגעלסק האָט קיינער נישט געהאַט קיין חשק אַריינצופאַלן אין די סיבירער שטעט מיט זייער אומדערטרעגלעכן קלימאַט און שווערער

באַשפּייזונגס־לאַגע. דער אויסוואַל איז דעריבער געפאַלן אויף די אַזיאַטישע רעפּובליקן: אוזבעקיסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, קירגיזיע אָדער טורקמעניע. אונדזערע צוויי פאַסיאַלקעס האָבן באַשלאָסן צו „אָקופּירן" צוויי רעפּובליקן: אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקיסטאַן. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט, ווייל מען האָט געדאַרפט געניי אָנגעבן די אָרטשאַפט.

אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס האָט שפּעטער געהאַט אַ גורלדיקע השפּעה אויפן לעבן פון די פּליטים אין די נייע וווין־ערטער. נישט אין איין פאַל האָט דער אויסוואַל פון נייעם וווין־אָרט דעצידירט וועגן טויט און לעבן פון די פּליטים.

אין דער באַשיידענער ביבליאָטעק פון „קראַסני אוגאָלאָק" זענען געווען אייניקע אַטלאַסן און געאָגראַפיע־ביכער. מיר האָבן אָנגעהויבן צו שטודירן די קלימאַטישע, דעמאָגראַפישע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען פון די פאַרשידענע ראַיאָנען פון ביידע רעפּובליקן. מיר האָבן געזוכט אַ נישט גרויסן שטאָטישן צענטער, וואָס זאָל זיך געפינען אין האַרץ פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן ראַיאָן מיט אַ מעסיקן קלימאַט. באַוווסטזיניק האָבן מיר געפּסלט בוימוואָל־ראַיאָנען פון אוזבעקיסטאַן און טאַזשיקיסטאַן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זייער הייסן קלימאַט. צום סוף איז די אַנטשיידונג געפאַלן אויפן קליינעם שטעטל אוראַ־טיובע אין לענינאַבאַדער קרייז פון דער טאַדזשיקישער רעפּובליק. זייער ווייניק איינוווינער פון ביידע פאַסיאַלקעס האָבן אויסגעוויילט דאָס דאָזיקע שטעטל. דער גרעסטער טייל האָט אויסגעוויילט שטעט אין דער אוזבעקישער רעפּובליק, אָדער אין לענינאַבאַד.

מיט יעדן טאָג איז אויפן פאַסיאַלאָק געשטיגן דער רייזע־פיבער. מיר האָבן שוין געוואָלט זיין אַ קילאָמעטער ווייטער פון טאַרזאַ. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז אויף דער פרייהייט דערוואַרט אונדז נישט קיין לייכט לעבן, אָבער יעדער איינער האָט געהאָפט, אַז מיטן פאַרלאָזן דעם פאַסיאַלאָק מאַכט מען אַ שריט פאָרויס, וואָס דערנענטערט אונדז צו אַ בעסערן מאָרגן. קיינער פון אונדז האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז הינטער די פראָנט־ליניעס האָט זיך אָנגעהויבן דער שוידערלעכער פּראָצעס פון פאַרניכטן מיליאָנען יידן.

אַ טאָג פאַרן פאַרלאָזן טאַרזאַ האָבן מיר זיך נאָך באַזאָרגט מיט אַ פּאָר

קילאָ צעמאָלענע, טרוקענע באַרנעס און געטריקנט ברויט. דאָס זענען געווען די איינציקע פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט געקענט קויפן אין טאַרזאָ. מיט דעם האָבן מיר זיך געוואָלט פאַרזיכערן קעגן הונגער אין די ערשטע טעג פון אונדזער לאַנגער רייזע פון קאַלטן צפון אין וואַרע־מען דרום.

צומאַרגנס אין דער פרי, דעם 1טן אָקטאָבער האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג. אַלע פערד מיט די קליינע שליטנס זענען מאָביליזירט געוואָרן, כדי צו ברענגען אונדזערע זאַכן צו דער באַן־סטאַציע. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיק, אומפאַרגעסלעך בילד. אין אַ קילן האַרבסט־טאָג האָבן זיך הונדערטער „ספּעץ־פּערעסעלענצעס" געזעגנט מיטן וואַלד, אין וועלכן זיי האָבן פאַרבראַכט העכער 14 מאָנאַטן. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט די רוסן, וועלכע האָבן מיט אונדז מיטגעאַרבעט אין די שווערע באַדינגונגען. פיל פון זיי האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן און נישט איינער פון זיי האָט אונדז מקנא געווען. ד' מייסטערס — גלאַדקאָוו, טואינאָוו, קאַרילאָוו און אַנדערע האָבן אונדז באַגלייט גאַנצע 10 קילאָ־מעטער ביז צו דער באַן־סטאַציע. מיין משפּחה האָט געהאַט אַן ערן־באַ־גלייטערין: אונדזער ציג „גאולה". זי האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז זי פאַרלירט אירע באַלעבאַטים. זי איז נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועג און טרויעריק געמעקעט ביז די נייע רוסישע באַלעבאַסטע האָט זי אָנגענומען ביי דער שטריק און זי צוריקגעשלעפּט אין פּאָסיאָלאָק.

אויפן וועג קיין אוראַ־טיובע

פון טאַרזאָ זענען מיר געפאָרן נישט ווי „ספּעץ־פּערעסעלענצעס" אין לאַסט־וואַגאָנען, נאָר אין פּאַסאַזשיר־צוגן ווי אַלע סאָוויעטישע בירגער. מיר זענען געפאָרן קיין וואָלאָגדאַ, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער באַן־קנופּ און פון דאָרט דורך קיראָוו, מאָלאָטאָוו קיין סווערדלאָווסק. דאָס איבערזעצן זיך פון איין צוג אין צווייטן איז געווען אַן אָפּקומעניש. אַלע סטאַציעס זענען געווען באַלאַגערט מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן און זענען געפאָרן אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן.

צו זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן צענדליקער טויזנטער בירגער, וואָס האָבן זיך עוואַקואירט פון זייערע היים־שטעט צו וועלכע עס האָט זיך דערנענ־טערט דער פראָנט.

אויף אַלע סטאַנציעס האָט געהערשט אַ וויסטער באַלאַגאַן. קיינער האָט געװוּסט, ווען עס קומען און ווען עס גייען אָפּ די צוגן. קיין שום פאַר־פּלאַן איז נישט געבליבן אין קראַפט. צו די קאַסעס, וווּ מען האָט געקויפט די בילעטן, אָדער באַקומען אומזיסטע באַן־צייגענישן זענען געווען קילאָמעטער־לאַנגע רייען. משפחות מיט אייניקע מיטגלידער האָבן זיך געטוישט אין די רייען, כדי צו באַקומען בילעטן. איינצלנע פער־זאָנען זענען געפאַלן פון די כוחות, איידער זיי האָבן זיך צוגעקריגן צו דער קאַסע. אומעטום זענען אויסגעבראָכן געשלעגן אין די לאַנגע רייען און די באַן־פּאָליציי האָט געמוזט אינטערווענירן.

אין די דאָזיקע כאַאָס־באַדינגונגען זענען אויף אַלע גרויסע סטאַנציעס דערשינען „מאַכערס", וועלכע האָבן פאַר אַן אָפּצאָל באַזאָרגט באַן־בילעטן אַן אַ ריי און אויך אַ פּלאַץ אין צוג. די דאָזיקע מאַכערס האָבן געהאָט ברייטע פלייצעס אין דער באַן־פּאָליציי, ווו זיי האָבן געהאָט זייערע שותפים. דאָס אַריינבאַקומען זיך אין צוג אַריין איז געווען שווערער ווי קריעת ים־סוף. מען האָט געדאַרפט זיין אַ אַקראָבאַט, כדי אַריינצו־קריכן דורכן פענצטער, אָדער פון דאַך זיך אַראָפּלאָזן אויף דער פאַר־בינדונגס־טיר און דורך איר אַריין אין וואַגאָן. היות מיר זענען געווען 4 פערזאָנען האָט איינער געקענט העלפן דעם צווייטן דורך איינטיילן די „ארבעטס־פונקציעס".

די באַן־סטאַנציעס זענען געווען אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר גנבים פון אַלע מינים. מענטשן זענען געפאַלן פון די כוחות און זענען איינגעשלאָפן ווי די הינער. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט האָבן זיי דערזען, אַז זיי זענען געבליבן „נקי". מען האָט זיי צוגענומען דאָס לעצטע העמד און אַפילו דעם רובל, וועלכן זיי האָבן געהאַט טיף באַהאַלטן.

אונדזער באַגאַזש איז נישט געווען קיין קליינער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז צוויי וועלן אים היטן, איינער וועט דערליידיקן פאַרשידענע ענינים און דער פערטער וועט שלאָפן. אַ דאַנק דעם האָבן די גנבים נישט געהאַט אויף אונדז קיין שליטה און מיר זענען בשלום אַנגעקומען קיין אורא־טיובע.

אין סוויערדלאָווסק איז די פאַרשטאָפּונג געווען אַזוי גרויס, אַז במשך פון איייניקע טעג האָט מען זיך נישט געקענט אַרויסבאַקומען פון דער שטאָט. מיט שפּייז־פּראָדוקטן איז אין סוויערדלאָווסק געווען לייכטער ווי אין אַנדערע שטעט, ווייל די סאָוויעטישע רעגירונג האָט, זעט אויס, זיך שוין אַנגעהויבן גרייטן איבערצופירן דעם אַפּאַראַט אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט און דעריבער האָט זי דאָ איבערגעפירט ריזיקע שפּייז־טראַנספּאָרטן. אין סוויערדלאָווסק האָבן מיר זיך באַפרייט פון די גע־טריקנטע בארנעס און פון דעם ברויט־פּראָשעק פון טאַרזאַ, וואָס מיר האָבן מיטגענומען אויף אַ „שוואַרצער שעה״.

אין דער שטאָט האָבן מיר אָבער אויך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דער־שיינונג, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט די סאָוויעטישעווירקלעכקייט און דעם כאַראַקטער פון דעם רעזשים. שפּאַצירנדיק איבער איינער פון די הויפּט־גאַסן האָבן מיר געזען בריייטע, שיינע שוי־פענצטער מיט כלערליי פלייש־ און ווורשט־מוסטערן. ווען מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין געשעפט, כדי צו קויפן ווורשט, האָבן אונדז די פאַרקויפערס אָנגע־קוקט מיט אַזעלכע בליקן ווי מיר וואָלטן געקומען פון אַ צווייטער פּלאַ־נעט. זיי האָבן גלייך דערזען, אַז מיר זענען „גרינע״. ווען מיין פרוי האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף די פלייש־פּראָדוקטן אין אויסשטעלונגס־פענצטער, האָט זיך אויפן פּנים פון דער פאַרקויפערין באַוויזן אַ סאַר־קאַסטישער שמייכל ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „איר וועט נאָך געוווירן ווערן אַ סך זאַכן״. דאָס פלייש־געשעפט איז געווען פּוסט און דער רייכער אויסוואַל אין שוי־פענצטער איז געווען פון האָלץ.

אין טשקאַלאָוו האָבן מיר ווידער געמוזט וואַרטן אַ פּאָר טעג ביז עס איז אונדז געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין אַ צוג, וואָס איז געפאָרן קיין טאַשקענט. דורך קאַזאַכסטאַן האָט זיך דער צוג געשלעפּט עטלעכע טעג. דאָ האָבן מיר דערפילט אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער. אויף אַלע סטאַ־ציעס האָט מען געקענט קויפן ריזיקע קאַווענעס, מעלאָנען און אַנדערע פּרוכטן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען מיר האָבן דערפילט דעם טעם פון אַזעלכע פּרוכטן זינט מיר האָבן זיך געפונען אין ראַטנפאַרבאַנד. די קאַזאַכן האָבן אויך פאַרקויפט געטריקנטע מעלאָנען, וואָס זענען געווען זיס ווי צוקער און זייער נאַרהאַפט. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל אויך

געגעסן אַ „מענטשלעכע" פליישיקע מאָלצייט — רייז מיט פלייש, אָדער אַ זופ מיט רייז. אין נאַוואָקאַזאַלינסק ביים אוראַלער ים האָט מען געקענט קויפן געטריקנטע פיש. אין פאַרגלייך צו דער הונגער־באַשפּייזונג פון טאַרזאַ איז דאָ געווען אַ גן־עדן. מיר האָבן געוווּסט, אַז קאַזאַכסטאַן געהערט נישט צו די רייכסטע אַזיאַטישע רעפּובליקן וואָס שייך דער שפע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. מיר האָבן דעריבער געקענט האָפן, אַז אין אוזבעקיסטאַן און אין טאַדזשיקיסטאַן וועט די באַשפּייזונג זיין נאָך אַ בעסערע.

אין טאַשקענט, דער „שטאָט פון ברויט", האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אַ האַלבן טאָג. מיר זענען שוין געווען שטאַרק מיד פון דער רייזע איבער די ריזיקע שטחים, און מיר האָבן געוואָלט וואָס שנעלער אָנקומען אויפן נייעם סטאַבילן וווין־אָרט. אין טאַשקענט האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו די ווייסע וואַרעמע „לעפּיאָשקעס" (פּלעצלעך), וואָס פלעגן אין פאַראַנזשעס האָבן פאַרקויפט אויף די גאַסן. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל פאַרזוכט אין אַ „טשייכאַנאַ" (טיי־הויז) גרינע טיי מיט ראַזשינקעס און פיטעס. שפּעטער איז דאָס געוואָרן אונדזער הויפּט־מעניו במשך פון יאָרן.

פון טאַשקענט האָבן מיר געדאַרפט פאָרן קיין לעניאַבאַד, כדי דאָרט צו באַקומען די דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין אוראַ־טיובע. אָבער קיין דירעקטע באַן־פאַרבינדונג צווישן טאַשקענט און לעניאַבאַד, וואָס איז אַ מרחק פון 80 קילאָמעטער איז נישט געווען. דער וועג פירט דורך דעם גרויסן באַן־קנופּ אין אורסאַטעווסק. פון דאָרט קען מען פאָרן מיט אַן אויטאָבוס לענגאויס אַ שמאָלן און שלעכטן וועג פון 40 קילאָמעטער ביז אוראַ־טיובע.

אורסאַטעווסק האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דאָס שטעטל, וואָס האָט אין 1941 געציילט אַ פּאָר טויזנט איינוווינער איז געלעגן אַרום דער באַן־סטאַציע, לענגאויס אומצאָליקע באַן־רעלסן. כמעט אַלע הייזער זענען געווען איינשטאָקיקע און זענען געשטאַנען נאַקעט, אָןביימער און אָן אַ ביסל גרינס. גלייך ווי מיר זענען אַראָפּ פון צוג, וואָס האָט אונדז געבראַכט קיין טאַשקענט, האָט אונדז מקבל פּנים געווען אַ זאַמד־ווינט, וואָס האָט געצוווּנגען צו האַלטן די אויגן פאַרמאַכט, אָדער פאַרשטעלן דאָס פּנים מיט די הענט. דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער לעבן

האָבן מיר זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ דערשיינונג. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ „סדום-קלימאַט“, אין וועלכן מיר וועלן בשום אופֿן נישט קענען לעבן. מיר האָבן געמיינט, אַז אַזוי איז אויך אין לעגינאַבאַד און אין אַנדערע ערטער. מיין עלטערער שוואָגער איז געווען אַזוי פֿאַרצווייפֿלט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין בעסער צוריק-צופֿאָרן קיין טאַרזאַ, איידער דאָ צו בלייבן.

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „סדום-קלימאַט“ באַגרע-נעצט זיך נאָר צו אורסאַטעווסק. די דאָזיקע אָרטשאַפֿט ליגט אין אַ קריי-טאַל, אין וועלכן עס בלאָזן אַ גאַנץ יאָר שטאַרקע ווינטן, וואָס ברענגען מיט זיך דעם זאַמד און שטויב פֿון די דערבייאיקע מדבר-שטחים. כמעט אַ גאַנץ יאָר איז דאָס שטעטל פֿאַרנעפּלט פֿון זאַמד און שטויב, וואָס טראָגט זיך אין דער לופֿט. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז טראָץ דעם וואָס אורסאַטעווסק איז איינער פֿון די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע-קנופּן אין מיטל-אַזיע, ליגט אַ קללה אויף דער שטאָט, פֿון וועלכער מען אַנטלויפֿט פֿון אַ מגיפֿה.

באַלד אויפֿן האַלבן וועג קיין לעגינאַבאַד האָבן מיר דערפֿילט אַ ראַ-דיקאַלע ענדערונג אין די קלימאַטישע באַדינגונגען. עס איז נישט געבליבן קיין סימן פֿון די זאַמד-ווינטן און דעם שטויב-נעפּל. די לופֿט איז געווען ריין און ציכטיק. אין דרויסן איז געווען אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט ווי אין די האַרבסט-מאָנאַטן אין גאַנץ מיטל-אַזיע. דאָס איז די שענסטע צייט פֿון יאָר אין דער דאָזיקער געגנט. אויף ביידע זייטן פֿון באַן-וועג האָבן זיך געצויגן ריזיקע פֿעלדער מיט ביינוול. קוקורודזע און גערטנער מיט כלערליי פּרוכטן. נאָך די טייגעס פֿון צפֿון, איז דאָס געווען אַ גן-עדן-לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אונדזערע אויגן.

נישט ווייט פֿון לעגינאַבאַד געפֿינען זיך גאָלד-גרובנס, וואָס האָבן פֿאַרוואַנדלט די דאָזיקע שטאָט אין אַ צענטער פֿון גאָלד-האַנדל. אין צענ-טער פֿון דער שטאָט איז געווען אַ מלוכהש געשעפֿט, וואָס האָט געקויפֿט גאָלד פֿאַר אַ הויכן פּרייז. דאָס געשעפֿט האָט אויך אַרויסגעגעבן ספּעציעלע טאַלאָנען, פֿאַר וועלכע מען האָט געקענט קויפֿן פֿאַרשידענע סחורות און שפּייז-פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט נישט באַקומען אין די געוויינלעכע געשעפֿטן. אין לעגינאַבאַד האָבן מיר געמאַכט די ערשטע גאָלד-טראַנזאַק-

ציע, ווייל מיר זענען געבליבן אָן געלט. איך דערמאָן זיך, אַז מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט ביי 30 גראַם גאָלד פון קייטעלעך, רינגלעך און אַנ־דערע קליינינקייטן און דערפאַר באַקומען קנאַפּע טויזנט רובל. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַן ערנסטע סומע. אַ טייל פון די רובלס האָבן מיר אויסגעטוישט אויף די ספּעציעלע טאַלאָנען, פאַר וועלכע מיר האָבן גע־קענט קויפן שפּייז־פּראָדוקטן און אַנדערע אַרטיקלען.

קיין לעגינאַבאַד זענען שוין געהאַט אָנגעקומען הונדערטער פּליטים פון פאַרשידענע פאַרשיקונגס־לאַגערן. די, וועלכע האָבן געהאַט צוויי־זונגען קיין לעגינאַבאַד האָבן אָן שום שוועריקייטן באַקומען די דערלויי־בעניש פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויך געהאָלפן מיט אַ וווינונג, אָבער דער גרעסטער טייל האָט זיך אַליין באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָס איז כמעט אין אַלע פאַלן באַשטאַנען פון איין צימער, וואָס מען האָט געדונגען ביי אַן אָרטיקער פאַמיליע.

לעגינאַבאַד איז אונדז געפעלן געוואָרן און מיר האָבן געמאַכט באַ־מיאונגען מען זאָל אונדז דערלויבן זיך דאָ צו באַזעצן, הגם אויפן דאָקו־מענט האָט פיגורירט אוראַ־טיובע. אין די פּאָר טעג, וואָס מיר האָבן געוויילט אין לעגינאַבאַד האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ הילפס־פּונקט פון דער פּוילישער רעגירונג און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די פּוילישע פּליטים נישט נאָר אין דער ערשטער תקופה נאָך דער באַפרייאונג פון די לאַגערן, נאָר אויך במשך פון אַ לאַנגער צייט, ביז די דאָזיקע פּונקטן זענען ליקווידירט געוואָרן דורך דער סאָ־וויעטישער רעגירונג.

אָבער אונדזערע באַמיאונגען צו בלייבן אין לעגינאַבאַד האָבן נישט געגעבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אַלע אונדזערע ביטעס זענען אָפּגע־וואָרפן געוואָרן מיט דער טענה, אַז עס איז נישטאָ מער קיין אָרט אין לעגינאַבאַד פאַר די ניי־אָנגעקומענע פּליטים. אויפן אויער האָט מען אונדז איינגערוימט אַ סוד, אַז „פּאָ בלאַטו״ (פאַר כאַבאַר) קען מען באַקומען אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין לעגינאַבאַד, אָבער צו דעם זענען מיר נישט געווען גרייט. לעגינאַבאַד איז נישט ווערט געווען אַ צו הויכן פּרייז. און

מיר האָבן שפּעטער נישט באַדויערט אונדזער באַשלוס צו באַזעצן זיך אין אורא־טיובע.

די ערשטע טעג אין אוראַ־טיובע

דער וועג פון לענינאַבאַד קיין אוראַ־טיובע פירט באַרג־אַרויף. לע־נינאַבאַד ליגט אין אַ פלאַך־לאַנד און אוראַ־טיובע אויף אַ הויך פון 500—600 מעטער. דער שאָסיי, וואָס האָט פאַרבונדן ביידע שטעט איז געווען פון דער דריטער קאַטעגאָריע מיט גריבער און לעכער. דעם שאָסיי האָט מען כסדר פאַראַכטן, אָבער קיינמאָל נישט אויף אַ יסודותדיקן אופן. מען האָט געלייגט „לאַטעס" און די „לאַטעס" האָבן געהאַלטן אַ קורצע צייט. די שאָפערן האָבן זיך פאַרשאָלטן די יאָרן, ווען זיי האָבן געדאַרפט פאָרן מיט דעם שאָסיי. צענדליקער אויטאָס האָבן דאָ געבראָכן די אַקסן צוליב די גריבער און לעכער.

צווישן לענינאַבאַד און אוראַ־טיובע זענען אויך געווען אייניקע גרויסע וואַדיס, וועלכע זענען אין די הייסע רעגנלאָזע זומער־מאָנאַטן געווען אָן וואַסער און אין די ווינטער־חדשים זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע, אָפט שטורמישע טייכן. אין דעם סעזאָן האָט מען געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק אויף דעם שאָסיי. עס זענען געווען טעג, ווען מען האָט בכלל נישט געקענט פאָרן פון אוראַ־טיובע קיין לענינאַ־באַד, ווייל די וואַדיס זענען געווען פאַרגאָסן און קיין בריקן זענען נישט געווען.

אוראַ־טיובע איז געווען אַ שטעטל מיט 20—25 טויזנט איינוווינער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין די ווייניקע אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען, פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון, טראַנספּאָרט־ און קליינע אַרבעטס־וואַרשטאַטן. דאָ איז געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע אונטערנעמונג פאַר סאָרטירן און רייניקן געטריקנטע ווייטרויבן, וועלכע מען האָט אַהער געבראַכט פון די קאָלכאָזן פון דער גאַנצער געגנט, אַ ווײַן־קעלער, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר פּראָדוצירט כלערליי וויינען פון אַ מיטלמעסיקער קוואַליטעט, אייניקע קליינע גאַרבערייען, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף

די רווישטאָפּן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון די דערבייאיקע קאַלכאָזן און קאָלכאָזניקעס. די אַרבעט אין די דאָזיקע גאַרבערייען איז געווען זייער אַ פּרימיטיווע. זיי האָבן כמעט נישט פאַרמאָגט קיין מאַשינען־אויס־שטאַטונג. די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט די הענט און פּרימי־טיווע כלים.

דאָס שטעטל האָט נישט געהאַט מער ווי 2—3 אַספאַלטירטע גאַסן. די איבעריקע גאַסן און געסעלעך זענען אין זומער געווען שטויביקע און אין ווינטער זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלעבעדיקער בלאָטע.

אורא־טיובע און די דערבייאיקע דערפער זענען נישט געווען עלעק־טריפיצירט, טראָץ דעם וואָס עס איז שוין געווען 25 יאָר נאָך דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע. די גאַסן זענען געווען זייער שוואַך באַלויכטן און אין שטוב איז מען געזעסן ביי נאַפט־לאָמפּן, אויב עס האָט נישט פאַרפעלט קיין נאַפט. אויסער אייניקע מלוכהשע און מוניציפּאַלע בנינים, וואָס זענען געווען געבויט מיט ציגל, איז דאָס גאַנצע שטעטל באַשטאַנען פון איין־ און צווייִשטאָקיקע הייזלעך פון האָלץ אָדער ליים, אַרומגעצוימט מיט הויכע פּלויטן, כדי דער שכן זאָל חלילה נישט אַריינקוקן...

די לאַנדשאַפט אין אורא־טיובע איז אַ פּרעכטיקע. דאָס שטעטל שטייט אין צענטער פון צענדליקער דערפער מיט רייכע תבואה־פעלדער און כלערליי פּרוכטן־ביימער. אורא־טיובע האָט אַ טרוקענעם, מעסיקן, קאָנטינענטאַלן קלימאַט. דער זומער איז אַ הייסער, אָבער מען שוויצט נישט. נאָך מיטאָג בלאָזט אַ קילער אָנגענעמער ווינט פון די בערג. אין ווינטער איז אָפט געפאַלן אַ שניי, אָבער קיין אריכת־ימים האָט ער נישט געהאַט. באַלד ווי עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע זומען־שטראַלן איז ער פאַרשוווּנדן ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען.

אויף דער דרום־זייט פון שטעטל האָט זיך אַ גאַנץ יאָר אַנטפּלעקט דאָס פּרעכטיקע בילד פון די מעכטיקע פּאַמיר־בערג ביי דער אַפגאַניס־טאַנישער גרענעץ. עס האָט אויסגעזען, אַז די בערג געפינען זיך אַ פּאָר קילאָמעטער פון שטעטל, אָבער פאַקטיש זענען זיי דערווייטערט אויף אַ מרחק פון 200 קילאָמעטער. די ריזיקע פּאַמיר־בערג דערגרייכן אַ הויך פון 7.000 מעטער און זענען אַ גאַנץ יאָר באַדעקט מיט שניי. פון אורא־טיובע האָט מען געזען די „זילבערנע פּיראַמידן", וואָס האָבן זיך גע־

שפּיגלט אין די זון־שטראַלן. פון דאַנען האָט מען אין די זומער־מאָנאַטן געקענט פאָרן מיט אַ פּיל קירצערן וועג דורך די בערג קיין סטאַלינאַ־באַד — די הויפּטשטאָט פון טאַדזשיקיסטאַן. אַ פּאָר טויזנט קאַלכאָזניקעס האָבן מיט פּרימיטיווע כלים געאַרבעט ביים בויען דעם שאָסיי. אָבער אין די ווינטער־מאָנאַטן האָט מען פון דעם וועג נישט געהאַט קיין שום נוצן, ווייל ער איז פאַרשיט געוואָרן מיט שניי, וועלכן עס איז אוממעגלעך געווען צו באַזייטיקן אָן מאָדערנע מאַשינען, וואָס זענען דאָ נישט געווען.

אורא־טיובע האָט געהאַט אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען צו ווערן אַ קוראָרט פאַר די איינוווינער פון די הייסע ראַיאָנען. אָבער קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איניציאַטיוו דערצו. די טאַדזשיקן זענען אין די יאָרן נאָך געווען צו ווייניק אַנטוויקלט, כדי פילן די באַדערפעניש פון אַן אָפּרו־שטאָט, פון וועלכער טויזנטער פון זיי וואָלטן זיך געקענט מפרנס זיין. אויך די רוסן, וועלכע האָבן דאָ געלעבט, זענען אין גרעסטנטייל געווען מענטשן מיט באַגרענעצטע האָריזאָנטן און נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַראינטערעסירונג פאַר ענינים, וואָס פאָדערן אַ ביסל פאַנטאַזיע.

אין גאַנצן שטעטל איז נישט געווען קיין וואַסער־לייטונג. אָבער כמעט אין יעדן הויז איז געווען אַ ברונעם. אין דער געגנט האָט נישט געפעלט קיין וואַסער־קוואַלן. אַחוץ דעם האָט זיך פון די בערג גע־שלענגלט אַ טייכל, וואָס האָט צעטיילט דאָס שטעטל אויף צוויי חלקים. דאָס דאָזיקע טייכל האָט צוגעשטעלט וואַסער נישט נאָר פאַר די שטאָט־איינוווינער, נאָר אויך פאַר צאָלרייכע קאָלכאָזן פון דער סביבה, וואָס האָבן געהאַט באַשטימטע טעג אין חודש, ווען זיי האָבן באַקומען זייער וואַסער־קאָנטינגענט. דאָס וואַסער אין טייכל איז געווען קרישטאָל־ריין און אייז־קאַלט, אַפילו אין דער גרעסטער היץ. אייניקע מאָל האָבן מיר געפּרוווט זיך צו באָדן אין אַ קליינעם שווים־באַסיין, וואָס האָט אויך געדינט פאַר באַוואַסערונגס־צוועקן און מיר זענען ממש געפרוירן געוואָרן. מער ווי אַ פּאָר מינוט האָט מען נישט געקענט זיין אין וואַסער, הגם אין דרויסן האָט געברענט די זון.

אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער קומען פון לענינאַבאַד האָבן מיר געוווינט אין אַ „טשייכאַנאַ". די אַנגעשטעלטע פון דער „טשייכאַנאַ" האָבן

זיך צו אונדז זייער פריינטלעך באַצויגן. מיר זענען געווען די ערשטע „פּאַליאַקן", וועלכע זענען געקומען אין דעם שטעטל. ביז איצט האָבן זיי געהאַט צו טאָן מיט רוסן, טאַטאַרן און אַ ביסל רוסישע יידן, אָבער נישט מיט „פּאַליאַקן", וועגן וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ פאַרנעפּלטן באַגריף. אַפילו די מער געבילדעטע טאַדזשיקן האָבן אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן געהערט, אַז „פּאַלשאַ כאַראָשי קישלאַק" (אַז פּוילן איז אַ גוט דאָרף). מער האָבן זיי וועגן פּוילן נישט געוווסט. אין דער ערשטער תקופה האָבן זיי אַפילו נישט געוווסט, אַז מיר זענען יידן פון פּוילן. אויף אַזוי ווייט איז נישט געגאַנגען זייער בילדונג און אינטעליגענץ. מיט דער צייט האָבן די רוסן זיי באַוווסטזיניק געמאַכט, אַז פּונקט ווי עס זענען דאָ רוסישע יידן, זענען אויך פאַראַן פּוילישע יידן. איך קען אָבער נישט זאָגן, אַז די טאַדזשיקן האָבן זיך באַצויגן צו אונדז אַנדערש ווי צו אַלע אייראָפּייער, וועלכע זענען דורך זיי באַצייכנט געוואָרן אַלס „רוסן". און קיין גרויסע סימפּאַטיע האָבן זיי פאַר די רוסן נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן זיי באַטראַכט אַלס הערשער און פאַקטישע באַלעבאַטים איבער זייער היימלאַנד.

אין אורא־טיובע איז נישט געווען קיין צוטיילונג פון וווינונגען דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג ווי אין אַנדערע סאָוויעטישע שטעט. מען האָט געקענט דינגען אַ צימער, אָדער צוויי אויף אַ פּריוואַטן אופן. פאַר אַ פּאָר רובל האָט מען אונדז צוגעשטעלט אַדרעסן, וווּ מען קען דינגען אַ וווינונג און מיר האָבן צום סוף אויסגעוויילט איין צימער פאַר מיר און דער פרוי און איין צימער פאַר מיינע צוויי שוואָגערס.

די צימערן זענען געווען זייער פּרימיטיוו. אַלע מיט ליימענע פּאָדלגעס, וואָס זענען געווען צוגעדעקט מיט אַלטע אויסגעריבענע טעפּיכער. קיין מעבל איז אינגאַנצן נישט געווען. טאַדזשיקן אָנערקענען נישט די צוועקמעסיקייט פון בעטן און טישן. אַפילו די געבילדעטע צווישן זיי שלאָפן נישט אין בעטן, נאָר אויף דער ערד, אויסגעבעט מיט וואַטענע קאָלדרעס. אין יעדער שטוב איז געווען אַ „באַרג" פון קאָלדרעס אָנגעלייגט ביי דער וואַנט, אָדער אין גרויסע קופערס. אין די מער פאַרמעגלעכע הייזער זענען אויך די ווענט געווען באַהאָנגען מיט לייכטע טעפּיכער, אָדער געהאַפטענע לייוונטן אין פאַרשידענע פאַרבן. נאָר אין דעם

פּאַרמאַכטן הויף מיט אַ קליין גערטנדל איז געשטאַנען אַ מין ברייט בעט אויף ;וועלכן עס זענען געזעסן די מענער נאָך דער אַרבעט, געטרונקען טיי און געגעסן לעפּיאָשקעס מיט ראַזשינקעס.

אַזאַ בעט האָבן מיר באַקומען אין צימער פון אונדזערע באַלעבאַטים און אַ טישל האָבן מיר געקויפט אויפן מאַרק. דאָס איז געווען אונדזערווירטשאַפט אין אורא־טיובע אין דער ערשטער צייט. די מאַלצייטן און טיי האָט מען געקאָכט אין דרויסן אויף אַ פּרימיטיוער ליימענער קיך, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי לעכער: אַ קליין לאָך פאַרן טיי־קאָכער פון מעש און אַ גרעסער לאָך פאַר שוואַרצע אייזערנע טעפּ מיט הילצערנע דעקלעך. מען האָט אויך געקענט אַרויפשטעלן די שווערע רוסישע טעפּ מיט די מעטאַלענע דעקלעך. פאַר קלענערע מאַלצייטן האָט מען זיך אויך באַנוצט מיט נאַפט־מאַשינקעס, וואָס יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק זענען זיי קאַליע געוואָרן צוליבן נישט ריינעם נאַפט.

אין אורא־טיובע זענען געווען צוויי מערק: אַ קליינער מאַרק אין צענטער פון דער שטאָט און אַ גרויסער מאַרק אין דרום־טייל, וואָס איז געווען טעטיק יעדן פרייטיק. אויפן קליינעם מאַרק האָט מען געקענט באַקומען אַלע שפּייז־פּראָדוקטן פון טאַדזשיקיסטאַן און אוזבעקיסטאַן. שעפּסן־פלייש, רינדער־ און חזיר־פלייש האָבן נאָר רוסן פאַרקויפט. טאַדזשיקן, וועלכע זענען מוזולמענער האָבן נישט געוואָגט צו האַנדלען מיט חזיר־פלייש. דאָ האָט מען אויך געקענט קויפן גרינצייג און פרוכטן, פרישע און געטריקנטע. טאַדזשיקן און אוזבעקן זענען פלייש־עסערס און האָבן נישט ליב קיין מילך־פּראָדוקטן. קיין פּוטער האָט מען כמעט נישט געזען. אייראָפּייער, וועלכע האָבן געוואָלט פּוטער האָבן געקויפט סמעטענע „פּיאַלעס" (שיסעלעך) און אַליין אויסגעקלאַפּט די פּוטער. די סמעטענע איז געווען פון זייער נידעריקער קוואַליטעט און ווייט נישט היגיענישׁ. די טאַדזשיקישע פרויען, וועלכע האָבן פאַרקויפט די מילך־פּראָדוקטן האָבן זיך זעלטן געוואַשן און בכלל געהאַט אַ קליינע פאַר־שטענדעניש פאַר היגיענע און זויבערקייט. אָבער ווער עס האָט געוואָלט עסן פּוטער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו קויפן די דאָ־זיקע „סמעטענע". דאָס זעלבע איז געווען מיט מילך. אָבער מיט מילך איז געווען אַ האַלבע צרה, ווייל מען האָט זי געקענט איבערקאָכן.

נאָך טאַרזאַ און אין פאַרגלייך צום אַרכאַנגעלסקער געביט, איז דאָ געווען אַ גן־עדן. די פּליטים, וועלכע האָבן זיך מיט איינמאָל צוגעכאַפּט צום פעטן שעפּסן־פלייש און צו די כלערליי פּרוכטן, ספּעציעל וויינ־טרויבן און מעלאָנען האָבן באַקומען מאָגן־קראַנקהייטן מיט וועלכע זיי האָבן זיך געמאַטערט אַ לאַנגע צייט. די מעדיצינישע באַהאַנדלונג איז אין אורא־טיובע געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אורא־טיובע איז נאָך נישט געווען איינגעפירט קיין קאַרטן־סיסטעם און דער פאַרקויף פון שפּייז־פּראָדוקטן, איינשליסלעך מעל און ברויט איז געווען פריי. אַ קילאָ מעל האָט גע־קאָסט 1 רובל און אַ קילאָ פלייש — 2 ביז 3 רובל. אין די באַדינגונגען פון ראַטנפאַרבאַנד, אַפילו אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, איז דאָס געווען כמעט אומזיסט. אין אַנדערע טיילן פון ראַטנפאַרבאַנד האָט מען שוין דאַן די דאָזיקע פּראָדוקטן נישט געקענט באַקומען אין פרייען פאַר־קויף און אַפילו אויפן שוואַרצן מאַרק איז נישט געווען לייכט זיי צו קויפן, און אַ קילאָ ברויט האָט געקאָסט פון 50 ביז 80 רובל.

דער גרויסער מאַרק, וואָס איז זיך צונויפגעקומען איין מאָל אין דער וואָך, איז געווען אַן אמתער יריד. טויזנטער קאָלכאָזניקעס זענען דאָ אָהערגעקומען פון נאָענטע און ווייטע קאָלכאָזן. זיי האָבן דאָ פאַרקויפט די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די קאָל־כאָזן פאַר זייער אַרבעט און אויך פּראָדוקטן פון דער אייגענער קליינער ווירטשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פערטל ביז אַ האַלבן העקטאַר ערד. די קאָלכאָזן האָבן פאַרקויפט תבואה, מעל, קאַרטאָפל און אַנדערע פּראָדוקטן און פאַר דעם געלט איינגעקויפט אַנדערע נייטיקע סחורות, אָדער דאָס געלט שפּעטער געגעבן די קאָלכאָזניקעס אַלס אַוואַנס פאַר זייערע פאַרדינסטן.

אויף דעם מאַרק איז אויך אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל מיט קעמ־לען, שעפּסן, אייזלען און פערד. אורא־טיובע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע ראַסע־שעפּסן, וואָס זענען געווען גוט אויסגעפּאַשעט און האָבן געהאַט אַזוי פיל פעטס וויפל פלייש. אין אונטערשטן טייל פון שעפּס, וועלכן די טאַדזשיקן רופן „קורדיוק", איז געווען קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע פעטס. איך האָב געזען שעפּסן, וואָס זענען קוים געשטאַנען אויף

די פֿאַדערשטע פּיס, ווייל דער „קורדיוק" איז געווען אַזוי שווער, אַז צוליב דעם האָט דער שעפּס פֿאַרלוירן די גלייכגעוויכט. אַזאַ שעפּס איז מער געלעגן ווי געשטאַנען. אין טאַדזשיקיסטאַן האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין ציגן, אָבער זיי זענען נישט געווען אַזוי „פּריווילעגירט" ווי די שעפּסן. דער טאַדזשיק האָט זיך באַרימט מיט דער צאָל שעפּסן, אָבער נישט מיט דער צאָל ציגן. זיי זענען אויך נישט געווען קיין גרויסע אָנ־הענגער פֿון ציגן־פֿלייש. דאָס האָבן זיי געגעבן צו עסן די פֿרויען און קינדער און אַליין האָבן זיי געגעסן שעפּסן־פֿלייש.

אויף דעם מאַרק האָט מען אויך געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט כּלערליי טעפּיכער, קאָלדרעס, זײַדענע כאַלאַטן, אויסגעהאַפּטענע היטעלעך, פֿרויען־קליידער פֿון ביליקע און טײַערע שטאָפֿן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פֿון טאַשקענט, סטאַלינאַבאַד און אַנדערע גרויסע שטעט.

אַ באַזונדערע אָפּטיילונג איז געווען פֿאַר לעדער־סחורות, פֿעלן און שוכוואַרג. די קאַלכאָזניקעס פֿון די בערג־דערפֿער האָבן געקויפֿט הויכע, פֿעסטע שטיוול, פּרימיטיוו צונויפֿגעשטעלט ווי מיט הונדערטער יאָרן צו־ריק. די שטיוול האָבן געפּאַסט צו די שווערע וואַלענע בורקעס, וואָס זענען געשטריקט געוואָרן פֿון דיקן פֿאַדעם. אין די ווייטע קאָלכאָזן האָבן די פֿרויען אַליין געשטריקט די דאָזיקע בורקעס פֿאַר זייערע מענער אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן. די דאָזיקע בורקעס, אונטער וועלכע זיי האָבן נאָך געטראָגן וואַטענע כאַלאַטן, האָבן זיי געשיצט קעגן די שטאַרקע ווינטן און פֿרעסט.

די מער פֿאַרגעשריטענע און מער געבילדעטע האָבן געטראָגן שיך, אָדער שטיוול פֿון אַ גוטער ווייכער ציגן־לעדער. אין די ווינטער־מאָנאַטן האָט דער גרעסטער טייל געטראָגן שטיוול מיט ווייכע זוילן אָן קאַלאָשן. די טאַדזשיקן האָבן ספּעציעל ליב געהאַט טיפֿע קאַלאָשן, וואָס האָבן זיי געשיצט קעגן שניי און בלאָטע. קומענדיק אַהיים האָבן זיי אין פֿאַדער־צימער אויסגעטאָן די קאַלאָשן און געבליבן אין די לײַכטע שטיוול. אויך געסט טוען אויס די שיך אין קאָרידאָר און טוען אָן ספּעצ־יעלע שטעק־שיך, כּדי נישט צו פֿאַרשמוצן די טעפּיכער.

די דאָזיקע מערק און דער פֿרײַער האַנדל מיט כּלערליי סחורות האָט אָפּט געשאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז דאָ הערשט אַ גאַנץ אַנדערער רעזשים.

אין פיל הינזיכטן אונטערשיידט זיך מיטל־אַזיע פון אַנדערע סאָוויעטישע רעפּובליקן. און דאָס איז אויף אַ בולטן אופן געקומען צום אויסדרוק אין די מער אָפּגעשטאַנענע רעפּובליקן ווי טאַדזשיקיסטאַן און קירגיזיע.

25 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן די איינוווינער פון טאַדזשיקיסטאַן נאָך געלעבט אין דער אַלטער וועלט, מיט אַלטע באַגריפן און לויט דער דורות־לאַנגער טראַדיציע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך צו דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און ווירקלעכקייט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געלעבט לויטן אַלטן שטייגער און פּשוט געפּייפט אויף די רעוואָלוציאָנערע באַשטימונגען פון דער פּאַרטיי און אַנדערע אינסטאַנצן.

דער גרעסטער טייל פון זיי, ספּעציעל דער עלטערער דור האָט פיינט געהאַט דעם קאָמוניסטישן רעזשים, וואָס האָט זיי צוגענומען די רעליגיעזע פרייהייט און באַגרענעצט זייער איניציאַטיוו. זיי האָבן נישט פאַרגעסן די מאַסאַקרעס, וואָס עס האָט דאָ דורכגעפירט דער מאַרשאַל בודיאָני און אַנדערע גדולים, כדי דורכצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע און אויפצווינגען דעם קאָמוניסטישן רעזשים. הונדערטער טויזנטער טאַדזשיקן, אוזבעקן, קירגיזן און אַנדערע זענען פיזיש ליקווידירט געוואָרן אין די מאַסן־„טשיסטקעס" און אונטערדריקונגס־אַקציעס. עס איז נישט געווען קיין איין פאַמיליע אין טאַדזשיקיסטאַן, וואָס האָט נישט פאַרלוירן נאָענטע אין די בלוטיקע קאַמפּס־יאָרן צווישן קאָמוניסטישן רעזשים מיט דער אַבסאָלוטער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

אין דער מלחמה האָבן געזיגט די סטאַליניסטישע סאַטראַפּן, פּונקט ווי זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין אייראָפּעאישן טייל פון רוסלאַנד, איבער די טויטע קערפּער פון מיליאָנען פרידלעכע בירגער. אָבער טראָץ דעם איז די טאַדזשיקן און אוזבעקן און אַנדערע געלונגען אין אַ גרויסער מאָס אויפצוהאַלטן אָן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען אַ פאַרזעצונג פון זייער פאַרגאַנגענהייט. אין די הויכע פענצטער אין מאָסקווע האָט מען וועגן דעם געווי געוווסט, אָבער מען האָט באַוווסטזיניק אָוועקגעקוקט מיט דער איבערצייגונג, אַז די צייט וועט לייזן די פּראָבלעמען, וועלכע דאָס מעסער פון דער רעוואָלוציע האָט נישט באַוויזן צו לייזן.

טאַדזשיקן, אַפילו די יונגע צווישן זיי, זענען געבליבן גלייביקע מו־

זולמענער, הגם דער רעזשים האָט מיט ברוטאַלע מיטלען געפּרוווט אויס־צוואָרצלען דעם רעליגיעזן גלויבן און פאַרניכטן די רעליגיעזע אינסטי־טוציעס. אין אורא־טיובע און אין די דערבייאיקע צאַלרייכע קאַלכאָזן האָב איך נישט געזען קיין איין מעטשעט. אַלע מעטשעטן זענען מיט כוח פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַגאַזינען, תבואה־שפּייכלערס, שולן, אָדער זע־נען פּשוט צעשטערט געוואָרן. צווישן זיי זענען געווען אָריגינעלע מע־טשעטן פון גרויסן אַרכיטעקטאָנישן און קונסט־ווערט. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שטערונג פאַר זייער פאַרניכטונג.

אַלטע און יונגע טאַדזשיקן האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן רעס־פּעקט צו די מוזולמענישע גייסטלעכע אין די שטעט און דערפער. די גייסטלעכע האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף אַלע שמחות און פאַמי־ליע־צערעמאָניעס. זיי זענען געווען די ערשטע, וועלכע מען האָט מכבד געווען מיטן נאַציאָנאַלן מאכל, דעם „פּלאָוו", אויף אַלע סעודות, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן.

אויך אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט האָבן זיך די טאַדזשיקן און אוז־בעקן אויסגעצייכנט מיט זייער פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער זעלבשטענ־דיקייט. אין אורא־טיובע זענען געווען צענדליקער פּריוואַטע װאַרשטאַטן פון איינצלנע פּערזאָנען. זיי האָבן נישט געוואָלט ווערן מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוון. צווישן זיי זענען געווען שוסטער, שניידער, זייגערמאַ־כער, שמידן, פריזירער און אַנדערע. אויף די מערק זענען געווען פּראָ־פעסיאָנעלע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט זייערע סטאַבילע פאַרקויף־שטעלן. זיי האָבן געמאַכט די בעסטע געשעפטן און האָבן פאַרדינט צענפאַך מער ווי פאַבריק־אַרבעטער, אָדער באַאַמטע, וועלכע האָבן געלעבט פון זייער באַשיידענעם געהאַלט. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן וועגן דעם גוט געוווסט, אָבער נישט אונטערגענומען קעגן די פּערזאָנען קיין שום סאַנקציעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס צווישן די סוחרים זענען געווען נישט נאָר עלטערע מענטשן, נאָר אויך יונגע.

די דאָזיקע זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייכטערט דאָס לעבן פון די שטאָט־איינוווינער, ספּעציעל פון די אייראָפּעאישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין זייערע באַדי־נונגען. אין די רוסישע שטעט האָט מען, צום ביישפּיל, נישט געקענט

אָנקומען צו אַ שוסטער, שניידער, זייגערמאַכער, אָדער שלאָסער. דאַקעגן אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן איז אין דער הינזיכט געווען פיל לייכטער, הגם דער פּאַכמענישער ניוואָ פון די באַלמעלאָכעס איז געווען אַ פיל נידע־ריקערער ווי אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד.

איך ווער אַ לערער

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך פּראָוויזאָריש איינגעאָרדנט אין אוראַ־טיובע אין אַ געדונגענעם צימער ביי אַ טאַדזשיקישער פאַמיליע, האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ באַשעפטיקונג. אין דער בעסטער לאַגע איז געווען מיין עלטערער שוואָגער. ער האָט געהאַט אַ פאַך, וואָס איז זייער גאַנגבאַר אין ראַטנפאַרבאַנד — בוכהאַלטער. אָפט האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז ווען נישט די בוכהאַלטער וואָלט דער ראַטנ־פאַרבאַנד אונטערגעגאַנגען. די בוכהאַלטער בילדן אַ ריזיקע אַרמיי פון באַאַמטע, וועלכע האַלטן אויף מיט פאַרשידענע מיטלען דעם געוואַלדיקן ווירטשאַפטלעכן בלאָף און די עקאָנאָמישע פיקציעס פון סאָציאַליסטישן פאַטערלאַנד. זיי מאַכן פון שוואַרץ ווייס און די שווידערלעכע דעפיציטן און דורכפאַלן פאַרוואַנדלען זיי אין דערפאָלגן און איבערשוסן. אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט איז די בוכהאַלטעריע־אַקראַבאַטיק נישט אַזוי גרויס ווי אין ראַטנפאַרבאַנד. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס דער „גלאַוובוך" (הויפּט־בוכהאַלטער) אין יעדער אונטערנעמונג שפּילט אַ געוואַלטיקע ראָל, אין פיל פאַלן אַ סך אַ גרעסערע ווי דער דירעקטאָר, אָדער הויפּט־אינזשיניער, ווייל פון אים איז אָפּהענגיק די „קאָסמעטיק־אַרבעט" ביים צונויפשטעלן דעם יערלעכן בילאַנס פון דער אונטערנעמונג.

דער הויפּט־בוכהאַלטער קען זיך אָן עצה געבן אָן דעם דירעקטאָר און אָן דעם הויפּט־אינזשיניער, אָדער טעכניקער, אָבער דער הויפּט־די־רעקטאָר איז שטענדיק אָפּהענגיק פון הויפּט־בוכהאַלטער, וועלכער האַלט די האַנט אויפן פּולס פון דער פאַבריק און קען דעם בילאַנס „מאַלן" אין פאַרשידענע פאַרבן. פון אים איז אין דער גרעסטער מאָס אָפּהענגיק צי דער פּלאַן וועט זיין אויסגעפירט אָדער נישט.

נאָך אַ פּאָר טעג האָט מיין עלטערער שוואָגער באַקומען אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דעם גרויסן „קישמיש־זאַוואָד" (פאַבריק פאַר רייניקן און קאָנסערווירן ראָזשינקעס). דער יינגערער שוואָגער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער זעלבער פאַבריק אַלס געוויינלעכער אַרבעטער. דאָס פאַך, וואָס ער האָט דערוואָרבן ביי דער וואַלד־אַרבעט אין טאַרזאַ איז דאָ געווען נוצלאָז.

אויך איך האָב נישט געהאַט קיין פאַך, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען. האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן מיין בילדונג. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס זענען נייטיק לערער פאַר פרעמדע שפּראַכן: דייטש און ענגליש. די ענגלישע שפּראַך האָב איך דאַן ווייניק געקענט. אָבער דייטש האָב איך געלערנט אין דער גימנאַזיע און אויף דער זשורנאַליסטישער הויך־שול, האָב איך געטראַכט, אַז פאַר אַ שול אין טאַדזשיקיסטאַן וועלן מיינע קענטענישן פון דער דייטשער שפּראַך זיין פולשטענדיק גענוג.

ווען איך האָב זיך געוואָנדן צו דער שול־אָפּטיילונג ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָט מען מיך אינפאָרמירט, אַז אין די שולן אין דער שטאָט זענען אַלע לערער־פּאָסטנס באַזעצט מיט אָרטיקע לערער, אָדער מיט פּליטים־לערער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די רוסישע געביטן, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. אָבער אין די שולן פון די דערבייאיקע קאָלכאָזן, וואָס זענען ווייט פון דער שטאָט ביי 15—20 קילאָמעטער זענען פאַראַן פּלעצער. צו מיין מזל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דווקא אין די מיטל־שולן אין אורא־טיובע־ראַיאָן לערנט מען דייטש.

אָבער פאַר אַ פּליט פון פּוילן איז אַפילו אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף נישט געווען לייכט צו באַקומען אַן אַרבעט אין אַ שול. קודם־כל האָב איך געדאַרפט אויספילן אַ קילאָמעטער־לאַנגן פאָרמוליאַר מיט צענדליקער פראַגן ווי דאָס איז אָנגענומען אין ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב זיך געמוזט האַלטן ביי דער ווערסיע, אַז מיינע זיידעס און דער פאָטער זענען געווען האַרעפּאַשניקעס און חלילה נישט קיין סוחרים, אָדער, רחמנא ליצלן, פאַבריקאַנטן. די זעלבע ווערסיע האָב איך אויך אָנגעגעבן דעניסאָוון אין טאַרזאַ און דאָס האָט אויך אפשר אָפּגעשוואַכט זיין אַגרעסיוקייט לגבי מיר. אין טאַרזאַ האָב איך אָנגעגעבן, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ שמיד.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו האַלטן זיך ביים דאַזיקן שקר. אָבער איך בין נישט געווען דער איינציקער. כמעט אַלע האָבן זיך „פּראָלעטאַריזירט" אויף אַזאַ אופן. אַפילו אויף דעם געביט מוז מען זיין אַ ליגנער און פעלשער אין ראַטנפאַרבאַנד. אין פּוילן איז דווקא אַ טייל פון דער יוגנט פון פאַרמעגלעכע היימען געווען גענייגט צום קאָמוניזם און הונדערטער פון זיי זענען געזעסן אין די תפיסות. אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי געמוזט די רייכע טאַטעס פאַרוואַנדלען אין נעבעכדיקע פּראָלעטאַריער, ווייל נאָר צוליב דער בורזשואַזער אָפּשטאַמונג האָבן זיי געקענט ליידן געבערענטע צרות. דעו סטאַליניסטישער רעזשים האָט פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז דענקנדיקע מענטשן קענען אויך ווערן קאָמוניסטן און דאָס האָט אַבסאָלוט נישט צו טאָן מיט זייער מאַטעריעלער לאַגע און סאָציאַלער אָפּשטאַמונג.

הגם מען האָט מיר דאָס נישט געזאָגט, האָב איך געוווּסט, אַז די דאַזיקע אַנקעטע און אַלע אַנדערע דאָקומענטן, איינשליסלעך דעם אוניווערסיטעט-אינדעקס, וועלכן איך האָב באַוויזן מיטצונעמען פון דער היים, וועלן גענוי דורכשטודירט ווערן דורך דער אָרטיקער ענקאַוועדע. דער דאַזיקער חשש האָט זיך באַשטעטיקט, ווייל אויף אַ תשובה האָב איך געוואַרט עטלעכע וואָכן, אָבער צום סוף איז דער ענטפער געווען אַ פּאָזיטיווער.

דער ראַיאָן-אינספּעקטאָר האָט מיר פאַרגעשלאָגן צו ווערן לערער אין דער פּאָלקס-שול אין קאַלכאָז א. ב. פון טשאַפּאַיעוו, 15 קילאָמעטער פון אוראַ-טיובע אויפן וועג קיין אורסאַטעווסק. היות קיין בעסערע פאָרשלאָגן האָב איך נישט געהאַט, האָב איך אים אָקצעפּטירט. פון מאַטערילן שטאַנדפּונקט איז דער אָנגענומענער געהאַלט געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק הויכער — 700 רובל אַ מאָנאַט. סוף 1941 איז דאָס געווען אַן ערנסטע סומע אין די באַדינגונגען פון אוראַ-טיובע. אין דער צייט האָט מען אין אוראַ-טיובע געקענט קויפן פאַר דעם געלט ביי 700 קילאָ מעל. עס איז קלאָר, אַז אין פאַרגלייך צו אַנדערע לענדער איז דאָס געווען אַ ביז גאָר נידעריקער געהאַלט. אָבער נאָך טאַרזאַ איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע און אַ באַדייטנדיקע העכערונג פון לעבנס-סטאַנדאַרט.

טשאַפּאַיעוו איז געווען איינער פון די גרעסטע און רייכסטע קאָל

כּאַזן אין אורא־טיובע־ראַיאָן. דאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסע פּאַלקס־שול, אין וועלכער עס האָבן אויך געלערנט די קינדער פון די שכנותדיקע קאַלכאָזן. די קלאַסן זענען געווען געמישטע פאַר יינגלעך און מיידלעך. אָבער אין די עלטערע קלאַסן זענען כמעט נישט געווען קיין שום קאָנ־טאַקטן צווישן יינגלעך און מיידלעך. די מיידלעך האָבן זיך געשעמט צו רעדן מיט די יינגלעך. אַפילו בעת די לעקציעס זענען די מיידלעך אין די הויכע קלאַסן געזעסן מיט האַלב־צוגעדעקטע פּנימער. די לערער האָבן קעגן דעם נישט געהאַט קיין עצה, ווייל זיי האָבן גוט געקענט די אַט־מאָספער, וואָס האָט געהערשט אין די היימען פון די קינדער. אַ מיידל פון 14—15 יאָר האָט נישט געוואַגט צו רעדן, אָדער זיך טרעפן מיט אַ חבר פון דער שול. דאָס וואָלט באַדייט אויסגעלאָסנקייט. סיי די מיידלעך און סיי די יינגלעך האָבן דאָס אויסגעמיטן. דער סאָוויעטישער דערצי־אונגס־סיסטעם האָט נאָך נישט באַוויזן צו ליקווידירן די אָפּגעשטאַנענ־קייט, און די מוזולמענישע טראַדיציע איז אָפּגעהיט געוואָרן אין די שטעט און ספּעציעל אין די דערפער פון די אַזיאַטישע רעפובליקן. דער לערער־פּערסאָנאַל מיטן דירעקטאָר בראש איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן — 25 ביז 35 יאָר. דאָס זענען געווען לערער, וועלכע זענען דערצויגן גע־וואָרן אין קאָמוניסטישן רעזשים און זענען דורכגעגאַנגען צאָלרייכע קורסן געווידמעט נישט נאָר בילדונגס־פּראָבלעמען, נאָר אויך אידעאָלאָגיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע פראַגן. דער שול־דירעקטאָר איז, פאַרשטענדלעך, גע־ווען אַ פּאַרטיי־מיטגליד און צוליב דעם אַליין האָבן זיך די לערער באַ־צויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט און ממש מורא געהאַט פאַר זיין בליק. כמעט אַלע לערער זענען געווען טאַדזשיקן. נאָר רוסיש האָבן געלערנט יונגע רוסישע לערערינס, וועלכע האָבן געוווינט אייניקע יאָר אין טאַ־דזשיקיסטאַן און האָבן שוין אַ ביסל באַהערשט די טאַדזשיקישע שפּראַך. איך בין געווען דער איינציקער „אויסלענדער”.

צו לערנען טאַדזשיקישע קינדער דייטש מיט דער הילף פון דער רו־סישער שפּראַך איז נישט קיין לייכטע „פּרנסה”. נאָך טאַרזאַ בין איך ווייט נישט געווען קיין קענער פון דער רוסישער שפּראַך. אָבער פאַר די יונגע טאַדזשיקן זענען דאָס געווען צוויי פרעמדע שפּראַכן. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט נאָר טאַדזשיקיש און די רוסישע שפּראַך האָבן זיי באַ־

נוצט נאָר בעת די לעקציעס. זיי האָבן גערעדט רוסיש, נאָר דאַן ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. זייערע עלטערן האָבן כמעט אינגאַנצן נישט געקענט קיין רוסיש, זיי האָבן גערעדט אין סטיל „מאַיאַ טוואיאַ סקאַזאַל...״ און זייער שפּראַך־אוצר איז באַשטאַנען פון אַ 200—300 ווערטער.

איך האָב זיך פון פאַרויס אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון דעם, אַז קיין „געטעס און שילערס״ וועלן פון די דייטשע לעקציעס נישט אויסוואַקסן. די דייטשע שפּראַך איז זיי זייער שווער אַריינגעקראָכן אין קאָפּ אַריין. פאַר זיי איז דאָס געווען אַן אָפּקומעניש קעגן וועלכן זיי האָבן נישט קיין עצה. איך האָב זיך באַמיט זיי צו פאַראינטערעסירן מיט פאַרשידענע דער־ציילונגען און שילדערונגען פון אַנדערע לענדער און שטעט. דאָס האָט זיי דווקא אינטערעסירט. אָבער די גרעסטע שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס איך האָב יעדעס וואָרט געמוזט איבערזעצן אין רוסיש און אויך דאַן האָבן זיי נישט אַלץ פאַרשטאַנען. די גרעסטע הנאה האָבן זיי געהאַט פון די דייטשע ווערטער, וואָס זענען געווען מיאוסע ווערטער אין דער טאַדזשיקישער שפּראַך.

איך בין געקומען צום אויספיר, אַז כדי איינצוהאַלטן מיין אויטאָריטעט אַלס לערער מוז איך אַ ביסל באַהערשן די טאַדזשיקישע שפּראַך, וואָס איז כמעט ווי פערסיש. טאַדזשיקיסטאַן איז במשך פון הונדערטער יאָרן געווען באַהערשט דורך שבטים, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען פון פער־סיע. די דאָזיקע שבטים לעבן אויך אין אַפגאַניסטאַן און דעריבער רעדן ביי 2 מיליאָן אַפגאַניסטאַנער טאַדזשיקיש.

מיטן מאָמענט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן אַ ביסל טאַדזשי־קיש איז שטאַרק געוואַקסן מיין אויטאָריטעט אין די אויגן פון די שילער און פון די אַרטיקע לערער. זיי זענען נישט געווען געוווינט צו דעם, אַז אַ „רוס״ זאָל זיך לערנען טאַדזשיקיש, כדי זיך צו באַנוצן מיט דער דאָזיקער שפּראַך אין קאָנטאַקט מיט דער אַרטיקער באַפעלקערונג. פאַר־קערט, זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי דאַרפן מאַכן אָנשטרענגונגען צו באַ־הערשן רוסיש און זיך אַסימילירן צו דער רוסישער קולטור.

דאָס באַהערשן די פאָלקס־שפּראַך האָט מיך אָוועקגעשטעלט אין אַ פיל בעסערער לאַגע כלפּי דעם לערער־פּערסאָנאַל און די שילער. מען

האָט מיך מער נישט געקענט „פאַרקויפן‟ אין דער טאַדזשיקישער שפּראַך. די שילער האָבן פּלוצעם דערפילט, אַז זיי מוזן זיך היטן פון אַ שלעכט וואָרט, ווייל איך קען נאָך דאָס פאַרשטיין און אַרויסציען די געהעריקע קאָנסעקווענצן. די סימפּאַטיע מצד די שילער צו מיר איז אַזוי געוואַקסן, אַז זיי האָבן מיך גערופן אויף טאַדזשיקיש „מאַאַלים‟ (לערער) און נישט אויף רוסיש.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אַ ביסל צוגעוווינט צו דער לערער־אַרבעט האָב איך באַשלאָסן זיך איבערציען אין קאַלכאַז, נישט אויפ־געבנדיק די דירה אין אוראַ־טיובע. דער קאַלכאָז האָט געשטעלט צו מיין רשות אַ דירה פון צוויי צימערן. אין זעלבן הויז האָט זיך אויך געפונען די אַמבולאַטאָריע, וואָס האָט באַדינט די באַפעלקערונג פון די נאָענטע פיר קאַלכאָזן.

דער איבערגאַנג פון שטאָט אין קאַלכאַז איז נישט געווען קיין לייכ־טער. אין אוראַ־טיובע האָבן מיר געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פריינט, מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעהאַלטן נאָענטע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין די אָוונטן און אין די פרייע אַרבעטס־טעג. אין טשאַפּאַיעוו־קאַלכאָז זענען מיר געווען אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון אַן אייראָפּעאישער סביבה. אָבער קיין אַנדערער ברירה איז נישט געווען. עס איז געווען אוממעגלעך יעדן טאָג צו פאָרן מיט אַ ראָווער אַהין און צוריק 30 קילאָמעטער. קיין רעגולערע קאָמוניקאַציע איז אין דעם ראַיאָן בכלל נישט געווען. די מאָ־טאָריזירטע קאָמוניקאַציע אין דעם ראַיאָן האָט זיך געשטיצט נאָר אויף „טרעמפּן‟ מיט לאַסט־אויטאָס. דאָס איז געווען די זייטיקע פרנסה פון די שאָפערן אין אַ גרויסן טייל פון טאַדזשיקיסטאַן.

ווי אַזוי מאַכט מען אַ פּלאָוו...

כל זמן דאָס וועטער איז געווען שיין האָט מען געקענט גיין צו פוס, אָדער פאָרן מיטן ראָווער, הגם דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. פון אוראַ־טיובע אין קאַלכאָז אַריין איז מען געפאָרן באַרג־אַראָפּ און מיטן

ווינט, ווייל דאָס שטעטעלע איז געלעגן אַ פּאָר הונדערט מעטער העכער ווי די קאַלכאָזן אויפן וועג קיין אורסאַטעווסק. דאַקעגן צוריק איז מען געפאָרן קעגן ווינט און באַרג־אַרויף און נישט איינמאָל בין איך געווען געצוווּנגען צו גיין צו פוס און דעם ראָווער פירן אין שטאָט אַריין. אַחוץ דעם זענען די ראָווערן געווען פון אַזאַ „הויכער" קוואַליטעט, אַז יעדעס מאָל איז געשען אַן אַנדערער „פּאַנטשער" און איך האָב געמוזט דעם ראָווער פירן, אָדער גאָר טראָגן אויף זיך.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס און שפּעטער די שנייען, זענען געווען טעג, ווען מען האָט זיך בכלל נישט געקענט רירן פון אָרט. די ליימיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון קאָלכאָז ביזן הויפּט־שאָסיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלעפּעדיקער מאַסע און דער גאַנצער פאַרקער איז פאַראַליזירט געוואָרן אויף לאַנגע טעג. אַפילו מיט ליידיקע וואָגנס איז געווען שווער זיך צו באַוועגן, ווייל די קאָלוזשעס זענען דערגאַנגען ביז אַ האַלבן מעטער טיף. אין דער הינזיכט איז טשאַפּאַיעוו נישט געווען קיין אויסנאַם. אין דער גאַנצער געגנט איז נישט געווען קיין איין קאָלכאָז, וואָס זאָל האָבן אינערלעכע אַספאַל־טירטע וועגן, אָדער זיין פאַרבונדן מיט גוטע וועגן מיטן דערבייאיקן הויפּט־שאָסיי.

די ווינטער־מאָנאַטן אין אורא־טיובע־ראַיאָן זענען נישט געווען קיין אָנגענעמע. עס האָט אָפט גערעגנט און געשנייט, אָבער דער שניי האָט נישט געהאַט קיין אריכת־ימים. באַלד ווי עס האָט זיך נאָר באַוויזן די זון איז ער צעגאַנגען און פאַרוואַנדלט די גאַנצע געגנט אין איין גרויסער קאָלוזשע־בלאָטע. די קעלט איז נישט געווען קיין גרויסע, אָבער אַ דורכ־דרינגענדיקע. מען האָט זי געפילט אין אַלע ביינער. אַחוץ דעם זענען די הייזער בכלל נישט געווען געבויט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צוגעגרייט פאַר שווערע ווינטער־מאָנאַטן.

אויף וויפל איך געדענק איז דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די אַמבולאַטאָריע און ווו מען האָט אונדז צוגעטיילט צוויי צי־מערן, געווען דער איינציקער בנין אין דאָרף, וואָס האָט געהאַט פענצטער מיט שויבן. מיר האָבן געבראַכט פון אורא־טיובע אַן אייזן אייוועלע צו באַהייצן די וווינונג. קיין קוילן זענען בכלל נישט געווען. אין שטאָט

האָט מען געקענט אויפֿן מאַרק קויפֿן בינטלעך האָלץ פֿון פֿאַרשידענעביימער. דאָס בעסטע איז געווען פֿון די איילבירטן־ביימער, ווייל עס איז געווען זייער האַרט און עס האָט לאַנג געברענט.

די הייזלעך פֿון די קאַלכאַזניקעס, אַפֿילו פֿון די פֿאַרגעשריטענע און מער פֿאַרמעגלעכע זענען געווען זייער פּרימיטיוו. אין די קאַלכאַזן, אין וועלכע איך האָב געאַרבעט איז נישט געווען קיין איין ציגל־הויז. אַלע הייזער זענען געווען פֿון ליים און האָלץ מיט פּלאַכע דעכער. יעדן האַרבסט האָט מען געמוזט שמירן די דעכער מיט ליים און שטרוי, כּדי עס זאָל נישט אַריינרינען בעת די שטאַרקע רעגנס. נאָך יעדן שניי האָט מען געמוזט שנעל אָפּרייניקן דעם דאַך, כּדי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט אַריינבאַקומען אין די צימערן.

די הייזער זענען באַשטאַנען פֿון 2—3 צימערן און זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער. יעדעס הויז איז געווען אַ מין געשלאָסענע פֿעסטונג. אָן אַ דערלויבעניש האָט קיינער נישט געוואַגט אַריינצוגיין אין אַ פֿרעמד הויז. נאָר פֿאַר קרובים איז דאָס געווען דער־לויבט. אָבער אויך אין אַזעלכע פֿאַלן האָט אַ מאַן נישט געוואַגט אַריינ־צוגיין אין אַ פֿרעמד הויז, אויב ער האָט געוווּסט, אַז דער בעל־הבית איז נישטאָ. איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז האָט ער אויפֿן קול גערופֿן דעם בעל־הבית ביים נאָמען און ווען יענער איז אַרויס און אים באַגריסט פֿאַר דער טיר, איז ער מיט אים אַריין אין דער וווינונג. אַפֿילו פֿרויען האָבן זיך זיך געדאַרפֿט אָנמעלדן דורך קלאַפּן מיט די אייזערנע רינגען, וואָס זענען געהאָנגען ביי די טירן און אויף וועלכע מען האָט אָנגעהאָנגען שלעסער, ווען די משפּחה איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, אָדער אין אַן אַנדערן קאַלכאָז אויף אַ שמחה.

ווי געזאָגט, זענען די הייזלעך באַשטאַנען פֿון 2—3 צימערן מיט אַ נישט גרויסן קאָרידאָר, אין וועלכן עס האָט זיך אויך געפֿונען די קיך, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פּשוטער איינריכטונג, ווו מען האָט געקענט אָוועקשטעלן אַ „טשוגון" (אַן אייזערנער טאָפּ), אין וועלכן מען האָט געקאָכט פֿאַרשידענע מאכלים און ספּעציעל דעם באַליבטן „פּלאָוו". דאָ האָט מען אויך געקאָכט כּמעט אַ גאַנצן טאָג די גרינע טיי, וועלכע די טאַדזשיקן האָבן זייער ליב. דער רויך איז אַרויסגעגאַנגען דורך אַ קוימען.

אין די הייזלעך זענען נישט געווען קיין פענצטער מיט שויבן. עס זענען נאָר געווען לאָדנס, וואָס זענען אין זומער געווען אָפן און אין ווינטער האַלב, אָדער אינגאַנצן פאַרמאַכט. אין קיין איין הויז איז נישט געווען קיין אויוון צו באַהייצן די וווינונג. דעם דאָזיקן „רוסישן" פּאָ־טענט האָבן די טאַדזשיקן, אַפילו די מער געבילדעטע, נישט אָנערקענט. אויך אין די שטעט האָבן זיך זייער ווייניק טאַדזשיקן באַנוצט מיט איי־זערנע אויוונס. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע „דערפינדונג", וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. אין דעם אויפנאַם־צימער איז געווען אויסגעגראָבן אַ גריבל, אין וועלכן זיי האָבן אַריינגעלייגט אויסגעברענט האָלץ. איבער דעם גריבל האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַ שווערן, נידעריקן טיש, וועלכן זיי האָבן צוגעדעקט מיט אַ דיקער קאָלדרע. אונטער דער קאָלדרע האָט זיך די גאַנצע משפּחה געוואַרעמט די פיס אין די קאַלטע ווינטער־טעג און ספּעציעל אין די אָוונטן. היות קיין פענצטער זענען נישט געווען זענען די לאָדנס געהאַלטן געוואָרן האַלב אָפן, כדי מען זאָל נישט פאַרטשאַדעט ווערן.

כל־זמן מען איז געזעסן ביי דעם „אויוון" האָט מען געפילט די וואַרעמקייט אין גאַנצן קערפּער, אָבער מיטן מאָמענט, ווען מען האָט זיך אַ ביסל פון אים דערווייטערט, האָט מען גלייך דערפילט די קעלט. די טאַדזשיקן זענען ווידערשטאַנדס־פעאיקער און מער פאַרהאַרטעוועט פאַר אונדז. אין אַלגעמיין איז דאָס אַ געזונטע און שיינע ראַסע. די מענער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט הויכן וווקס, פעסט־געבויטן קערפּער און נישט דורכשניטלעכן פיזישן כוח. אויך די פרויען זענען געווען פאַר־האַרטעוועט און אַן שוועריקייטן דורכגעהאַלטן די ווינטער־מאַנאַטן אין די פּרימיטיווע וווינונגס־באַדינגונגען.

דאָס הויפּט־רייכטום פון אַ דורכשניטלעכן טאַדזשיק, ספּעציעל אין די דערפער, ווערט געמאָסטן לויט דער צאָל טעפּיכער און קאָלדרעס. אין די זייטן לענגאויס די ווענט זענען געווען אָנגעלייגט דינע און דיקע קאָלדרעס מיט וועלכע מען האָט אויסגעבעט דעם באָדן. די עלטערן שלאָפן אין איין צימער און די קינדער אין צווייטן. טאַדזשיקן זענען גאַסט־פריינדלעך, און היות קיין בעטן זענען נישטאָ, פעלט נישט קיין פּלאַץ אויף דער פאָדלאָגע. פאַר חשובע געסט בעט מען אויס די פאָדלאָגע מיט

די נייע קאָלדרעס און לאַנגע, שמאָלע קישנס, וועלכע ווערן געהאַלטן אין גרויסע קופערס.

דאָס שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אַ סגולה פאַר פליי און וואַנצן, וועלכע האָבן נישט געפעלט. קיין מיטלען קעגן דעם האָבן זיי נישט אָנגעווענדט. דאָס איינציקע קאַמפּס־מיטל איז געווען דאָס אַרויס־הענגען די קאָלדרעס אויף דער זון, אָבער מיט דעם האָבן זיי נישט ליקווידירט די פליי־ און וואַנצן־נעסטן אין די צימערן. אויך קעגן דעם זענען זיי געווען פאַרהאַרטעוועט. איבעריקנס, זיי האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, מיט וועלכער מען מוז שלום מאַכן.

די היגיענישע באַדינגונגען אין די דערפער זענען געווען זייער פּרימיטיווע. עס איז נישט געווען קיין פליסיק וואַסער און נישט קיין באָד־צימער. אָדער דוש־איינריכטונגען. אין די טאַדזשיקישע דערפער זענען אַפילו נישט געווען קיין באָד־אַנשטאַלטן, א. ג. „באַניע", ווי אין די רוסישע דערפער. האָבן זיי זיך טאָקע זעלטן געוואַשן. נעבן זייערע פּרויען איז פּשוט אומאַנגענעם געווען צו שטיין, ווייל עס האָט זיך פון זיי געטראָגן אַן אָפּשטויסנדיקער ריח, ספּעציעל אין די הייסע זומער־חדשים. אויך זייערע קליידער זענען געווען אָנגעזאָפּט מיט שווייס און אַנדערע אומאַנגענעמע ריחות. במשך פון אייניקע יאָר האָב איך טאָג־טעגלעך פאַרברענגט מיט טאַדזשיקן, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אַז זיי זאָלן זיך יסודותדיק וואַשן ווי אייראָפּייער.

יעדעס הויז האָט געהאַט אַ קלענער, אָדער גרעסער הויף, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט די באַשיידענע פּריוואַטע ווירטשאַפט. דאָ זענען געווען די שטאַלן פאַר די קי, שעפּסן אָדער ציגן. אין דער זייט איז געווען אַ באַשיידענער מאַגאַזין פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פאַרן פאַר־קויף און פאַרן אייגענעם פאַרברויך.

לעבנס לאַזונג וועגן עלעקטריפיצירן די דערפער איז דאָ נישט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. אין דער גאַנצער געגנט איז נישט געווען קיין עלעק־טריש ליכט. אין די קאָלכאָזן איז מען געזעסן ביים נאַפט־לאָמפּ. און נישט שטענדיק איז געווען נאַפט. נישט איין קאָלכאָזניק איז וואָכנלאַנג געזעסן אין דער פינצטער, ווייל עס איז נישט געווען קיין נאַפט און ער

איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַצאָלן דעם פּרייז פון שוואַרצן מאַרק פאַר אַ ליטער נאַפט.

אין קיין איין קאָלכאָז איז נישט געווען קיין וואַסער־לייטונג. דאָס וואַסער איז אָנגעקומען אין באַשטימטע טעג פון די בערג־קוואַלן און אָנגעפילט אייניקע גרויסע גריבער אין פאַרשידענע טיילן פון דאָרף. דאָס וואַסער איז געפלאָסן אין אָפענע קאַנאַלן און האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך ליים, שטיינער און כלערליי קוסטן. די קאָלכאָזניקעס האָבן דער־ריבער געמוזט וואַרטן אַ טאָג ביז דאָס שמוץ האָט זיך אָפּגעזעצט, כדי מען זאָל קענען געניסן פון דעם וואַסער. קען זיין, אַז דערפאַר האָבן די טאַדזשיקן כמעט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין קאַלט וואַסער. זיי האָבן דאָס וואַסער שטענדיק אויפגעקאָכט און געטרונקען טיי. דאָס האָט זיי געשיצט קעגן כלערליי קראַנקהייטן. דער „כאַיסט״, ווי מען האָט גערופן די וואַסער־גרובן, איז געווען דער צענטער פון דאָרף, וווּ עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דער עיקר די פרויען. דאָ האָט מען יעדן אָוונט צונויפ־געטריבן די בהמות, וואָס האָבן געטרונקען דאָס וואַסער פון די קאַריטעס, דאָ האָבן די פרויען אויך געוואַשן די וועש.

נאָך אַ פּאָר מאָנאַטן לערנען אין דער טשאַפּאַיעוו־שול האָב איך שוין געהאַט צאָלרייכע פריינט און באַקאַנטע סיי צווישן די לערער און סיי צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון די קאָלכאָזן האָבן זיך באַצויגן צו מיר מיט רעספּעקט, ווייל איך האָב זיך געקענט מיט זיי פאַרשטענדיקן אין זייער שפּראַך. אין זייערע אויגן בין איך געווען אַן אַנדערער „רוס״. זיי האָבן זיך געפילט שטאָלץ, ווען „רוסן״ (אַלע אייראָפּייער זענען פאַר זיי געווען רוסן) האָבן מיט זיי גערעדט טאַדזשיקיש. די שפּראַכן־דערנענטערונג האָט געשאַפן נאָענטע באַציאונגען צווישן מיר און די דאָרפס־איינוווינער און זייער אָפּט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין די הייזער פון די טאַדזשיקן. נישט יעדער „רוס״ האָט צו דעם זוכה געווען. דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט זייערע מנהגים און מענטאַליטעט.

דער דורכשניטלעכער טאַדזשיק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ וואַ־רעמער גאַסטפריינטלעכקייט. זיי האָבן זיך געפילט טיף באַליידיקט, ווען מען האָט צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געקענט געניסן פון זייער

גאַסטפֿריינטלעכקייט. דאָס אויפֿנעמען געסט בסבר פּנים יפֿות איז זיי גע־לעגן אין בלוט. נישט אַלע האָבן זיך געקענט דערלויבן אויפֿן לוקסוס אויפֿצונעמען געסט מיט אַ ברייטער האַנט, ווייל דער קאַלכאַז האָט זיי נישט געגעבן די דאָזיקע באַדינגונגען. אַפֿילו די אָרעמסטע האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין גאַסט אָן טיי, לעפּיאָשקע, ראַזשינקעס, אָדער וויינ־טרויבן. איך געדענק, אַז ווען איך האָב אַמאָל באַזוכט אַ קראַנקן שילער אין וואָראָשילאָוו־קאַלכאַז, וואָס איז געווען דער אָרעמסטער אין דער גאַנצער געגנט, האָט מיך די מוטער, אַן אָרעמע אלמנה, וועלכע האָט קוים געהאַט איבערצולעבן דעם טאָג, נישט אַרויסגעלאָזט פֿון שטוב ביז זי האָט מיך נישט מכבד געווען מיט וויינטרויבן און פּיטע, וואָס זי האָט געבראַכט פֿון די שכנים. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך האָב גאָרנישט געזען, אַז זי לויפֿט צו די שכנים „עפּעס" באָרגן.

עס איז כמעט נישט געווען קיין שמחה אין „מיינע" קאַלכאָזן אויף וועלכע מען האָט מיך נישט איינגעלאַדן. יעדער איינער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ כבוד, אַז דער „מאַאַלים" (לערער) זאָל זיין אַנוועזנד אויפֿן ברית, חתונה, באַפֿרייאונג פֿון מיליטער, אָדער אַנדערער פֿייערונג. די מער רייכע האָבן איינגעלאַדן כמעט דאָס גאַנצע דאָרף און אויך אַנגעזעענע געסט פֿון אַנדערע קאַלכאָזן. אָרעמע האָבן זיך באַגרענעצט צו דער אייגענער משפּחה און נאָענטע שכנים.

אָבער יעדע סעודה איז געווען פֿאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע אויסגאָבן, נעמענדיק אין באַטראַכט די זייער באַשיידענע הכנסה פֿון די קאַלכאָזני־קעס, ספּעציעל אין די מלחמה־יאָרן. אין אַזעלכע אויפֿנאַמעס זענען „פֿאַר־ברענט" געוואָרן צענדליקער און אַפֿילו הונדערטער קילאָ רייז, צענדליקער קילאָ פֿלייש, שעפּסן־פֿעטס, מעל, ראַזשינקעס און אַנדערע פּרוכטן. דאָס אַלץ איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע געלטער.

אויף אַזעלכע שמחות האָט מען געקאָכט אין ריזיקע קעסלען דאָס נאַציאָנאַלע מאכל — „פּלאָוו", וואָס איז אַ מישונג פֿון רייז מיט פֿלייש. די טאַדזשיקן און אוזבעקן זענען געוואָלדיקע פּלאָוו־מומחים. דאָס דאָ־זיקע מאכל האָט ביי זיי אַלע טעמים. צוגרייטן אַ פּלאָוו איז ביי זיי אַ גאַנצער קולט. נישט יעדן לאָזט מען צו צום קאָכן דעם פּלאָוו. די בעלי־שמחות האָבן שוין געוווסט וועד עס זענען די פּלאָוו־ספּעציאַליסטן אין

דאַרף און נאָר זיי האָט מען צוגעלאָזט צו דער „הייליקער" אַרבעט. פרויען זענען עלימינירט געוואָרן פון דער דאָזיקער אַרבעט, נאָר מענער האָבן געהאָט דעם מאָנאָפּאָל אויף פּלאָוו. זיי האָבן געקויפט דעם בעסטן רייז, האָבן אויסגעוויילט די שעפּסן, די מייערן און ציבעלע. אויך אין די ראַמען פון דער משפחה האָט נישט די פרוי, נאָר דער מאַן צוגעגרייט דעם פּלאָוו. אַלע אַנדערע מאכלים האָט געקאָכט די פרוי.

די סעודות זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין הויז און אין הויף פון בעל־שמחה, אָדער אין הויז פון אַ נאָענטן קרוב, אויב דער הויף פון בעל־שמחה איז געווען צו קליין. די מיטגלידער פון דער משפחה זענען געשטאַנען אין צוויי רייען און אויפגענומען די געסט מיט אַ „סאַלום אַלעקום". צוערשט זענען געקומען די זקנים, די גייסטלעכע און נאָך זיי די אָנפירערשאַפט פון קאָלכאָז, משפחה־מיטגלידער און יוגנטלעכע. די מענער זענען געווען אָפּגעטיילט פון די פרויען.

די געסט זענען געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע אין די צימערן, אָדער אין דרויסן אויף טעפּיכער מיט פּאַרלייגטע פיס. די גאַסטגעבער און זייערע געהילפן האָבן דערלאַנגט דעם פּלאָוו אויף ריזיקע טאַצן. בערך 10 געסט זענען געווען שותפים צו אַזאַ טאַץ. קיין באַשטעק איז נישט געווען. אַלע האָבן געגעסן מיט די הענט. מיט די שפּיץ־פינגער האָבן זיי גענומען אַ ביסל רייז מיט פלייש און עס „אַריינגעוואָרפן" אין מויל אַריין. היות דער רייז איז געווען זייער פעט האָט ער זיך לייכט געהאַלטן אין דער מאַסע. איך בין געווען דער איינציקער, וועלכן מען האָט מכבד געווען מיט אַ לעפל, ווייל די גאַסטגעבער האָבן שוין געוווסט, אַז איך באַזיץ נאָך נישט די קונסט פון עסן דעם פּלאָוו מיט די הענט. נאָך יעדן אַראָפּשלינגען אַ האַנט רייז האָבן זיי מיט גרויס הנאה געלעקט די פעטע פינגער און געצמאָקעט אויפן הויכן קול און דאַן ווידער איינגעטונקען די פינגער אין דעם „באַרג" פּלאָוו. דערביי האָט איינער דערמוטיקט דעם צווייטן ביז די טאַץ איז געוואָרן אינגאַנצן ריין. דאַן האָבן די באַלע־באַטים דערלאַנגט אַ צווייטע טאַץ. נאָכן פּלאָוו האָט מען דערלאַנגט זיסע זאַכן, כלערליי פרוכטן, ניס און גרינע טיי.

איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ סך שמחות און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי מען קאָכט דעם פּלאָוו. מיט דער צייט בין איך אַליין געוואָרן אַ

שטיקל ספּעציאַליסט אויף דעם געביט, הגם איך האָב קיינמאָל נישט דערגרייכט זייער ווירטואָזיטעט. איך האָב געקענט די רעצעפּט און דעם פּראָצעס פון צוגרייטן דעם דאָזיקן אגב געשמאַקן מאכל.

פּאָר 5—6 מענטשן נעמט מען 2.5 קילאָ פלייש און נישט ווייניקער ווי אַ קילאָ שעפּסן־פעטס. דאָס פעטס און פלייש ווערט צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך. דאַן לייגט מען דאָס פעטס אַריין אין הייסן „טשוגון". ווען דאָס פעטס איז שוין אינגאַנצן צעלאָזט און אַ ביסל ברוין, וואַרפט מען אַריין אַ קילאָ ציבעלע זייער דין צעשניטן. ווען די ציבעלעס ווערן ברוין, לייגט מען אַריין אַ האַלבן קילאָ דין־צעשניטענע מייערן. די טאַדשזיקן זענען גרויסע מייסטערס אין שניידן ציבעלע און מייערן מיט זייערע לאַנגע און שאַרפע מעסערס. דאַן לייגט מען אַריין דאָס פלייש, וואָס קאָכט זיך אין פעטס ביז עס ווערט ווייך. צום סוף קומט די ריי אויפן רייז. אויף 2 קילאָ פלייש לייגט מען אַריין 1 קילאָ רייז. אויף דעם רייז גיסט מען אַרויף וואַסער אויף דער הויך פון צוויי־דריטל פון מיטלסטן פינגער. דאָס מאכל קאָכט זיך אַזוי לאַנג ביז דאָס וואַסער פאַרעוועט אויס. דאַן ווערט דאָס עסן צוגעדעקט מיט אַ הילצערנעם צודעק, כדי די פּאַרע זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן פּלאָוו. דער רייז ווערט געקאָכט אויף אַ קליין פייער.

איך טרעט אַריין אין קאָלכאָז

אין פרילינג 1942 האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע אָנגעהויבן צו פאַר־ערגערן פון טאָג צו טאָג. דאָס איינפירן דעם קאַרטן־סיסטעם אויף שפּייז־פּראָדוקטן האָט מיטגעווירקט צו אַ ביישפּיללאָזער שטייגערונג פון די פּרייזן, ספּעציעל פון ברויט און מעל־פּראָדוקטן. אַ קילאָ מעל, וואָס האָט געקאָסט, ווען מיר זענען געקומען קיין טאַדזשיקיסטאַן, 1 רובל, איז אין פרילינג 1942 דערגאַנגען צו 30—35 רובל און יעדן טאָג זענען די פּרייזן געשטיגן.

עס איז קלאָר, אַז די לאַגע אויפן פראָנט האָט געהאַט אַן אַנטשיידנ־

דיקע השפּעה אויף דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע. וואָס טיפער די היטלעריסטישע אַרמייען זענען אַריינגעדרונגען אין דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, אַלץ מער האָט זיך איינגעשרומפּן די באַזאָרגונגס־באַזע פאַר דער רויטער אַרמיי. היטלער האָט שוין געהאַט אין זיינע הענט גרויסע טיילן פון די רוסישע תבואה־שפּייכלער און דאָס האָט געהאַט אַ קאַ־טאַסטראָפאַלע השפּעה אויף דער באַשפּייזונגס־לאַגע אין אַנדערע טיילן פון ראַטנפאַרבאַנד, ספּעציעל אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן, וועלכע האָבן אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה נישט געפילט אַזוי שטאַרק דעם דרוק פון מלחמה־פראָנט.

אין זומער 1942 האָט שוין אַ קילאָ ברויט געקאָסט 40 רובל, אַ קילאָ מעל 60 רובל און אַ קילאָ פלייש 60—70 רובל. פאַר מיין געהאַלט, וועלכן איך האָב מיט אַ יאָר צוריק געקענט באַקומען 700 קילאָ מעל, האָב איך איצט געקענט קריגן נישט מער ווי 12—14 קילאָ מעל. דאָס געלט האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן זיין ווערט. אַחוץ דעם איז דער קאַרטן־סיסטעם געווען אַזאַ נעבעכדיקער, אַז אַחוץ די 400 גראַם ברויט און אַ ביסל צוקער האָט מען פאַקטיש גאָרנישט באַקומען.

אין דער געשאַפענער לאַגע האָב איך באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיין לערער־קאַריערע אין טאַדזשיקיסטאַן און ווערן אַ געוויינלעכער קאָל־כאָזניק, כדי צו פאַרזיכערן זיך אַ מינימאַלע עקזיסטענץ ביז די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן. איך האָב דעריבער געמאָלדן דעם דירעקטאָר פון דער שול און דעם ראַיאָן־אינספּעקטאָר, אַז איך וועל פאַרזעצן מיין אַרבעט נאָר ביזן סוף פון שול־יאָר. איך האָב דערלאַנגט אַ ספּעציעלע ביטע מיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט און אָנגעגעבן די אמתע סיבות פון מיין שריט.

אָבער דער ראַיאָן־אינספּעקטאָר האָט צוויי מאָל אָפּגעוואָרפן מיינע בקשות מיט דער טענה, אַז ער האָט נישט קיין פאַרטרעטער און ער קען בשום אופן נישט רעזיגנירן פון מיר. נאָך לאַנגע וואָכן פון פאַרהאַנד־לונגען האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיין גרייט מיך צו באַפרייען, אויב איך וועל אים באַזאָרגן אַן אַנדערן לערער פאַר דער דייטשער שפּראַך. אָבער ווו נעמט מען אַזאַ קאַנדידאַט, ווען אין גאַנצן ראַיאָן פון אורא־טיובע איז נישט געווען קיין פרייער לערער, וועלכער זאָל קענען קומען אויף

מיין אָרט. צווישן די פּוילישע פּליטים איז נישט געווען קיין פּאַסיקער קאַנדידאַט אויף אַזאַ פּאָסטן.

נאָך אַ 2־מאָנאַטיקער אָפּענסיווע האָב איך געוווּנען די „שלאַכט". דער אינספּעקטאָר האָט איינגעזען, אַז ער וועט מיט מיר גאָרנישט מאַכן, און האָט קאַפּיטולירט.

נאָך דעם ווי איך בין אָפיציעל באַפרייט געוואָרן פון לערער־פּאָסטן, בין איך אַוועק צום „פּרעדסעדאַטעל" (פאָרזיצער) פון קאָלכאָז, אַכמעדאָוו, און אים געמאָלדן, אַז איך וויל אָנהייבן אַרבעטן אין קאָלכאָז ביי יעדער מעגלעכער אַרבעט. אַכמעדאָוו איז געווען אַ דיקער, אָנגעפּרעסענער טאַ־דזשיק מיט קליינע אויגן, וועלכע מען האָט קוים געזען אין דעם רונדן, פעטן פּנים. ער איז געווען כמעט אַן אַנאַלפאַבעט און האָט זיך קוים געקענט אונטערשרייבן. דער גאַנצער אוצר פון זיין רוסישער שפּראַך איז באַשטאַנען פון אַ 100 ווערטער, וועלכע ער האָט מערדערלעך צעקאַ־ליעטשעט. אַכמעדאָוו איז געווען אַ שטימונגס־מענטש. זיינע באַשלוסן זע־נען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק געווען פון דעם אין וואָס פאַראַ שטימונג ער איז געווען. די קאָלכאָזניקעס האָבן שוין געוווּסט, ווען מיט אים צו רעדן און ווען נישט.

ווען איך בין געקומען צו אַכמעדאָוון מיט מיין ביטע האָט ער געשמייכלט מיט זיינע קליינע אויגן. ער האָט מיך רעספּעקטירט, ווייל מיט מיר האָט ער נישט געדאַרפט ברעכן די צונג. מיט מיר האָט ער געקענט רעדן „מאַמע־לשון".

מיין בקשה האָט אים אין אָנהייב שטאַרק איבערראַשט. אַ לערער זאָל ווערן אַ געוויינלעכער קאָלכאָזניק? ביי אַ רוס, אָדער טאַדזשיק קען דאָס נישט פּאַסירן. זעט אויס, אַז די „פּאָליאַקן" זענען אַנדערע מענטשן. היינט איז מען אַ לערער און אַז מען דאַרף, ווערט מען מאָרגן אַ פּשוטער אַרבעטער אין קאָלכאָז.

נאָך אויסטרינקען צוויי טשייניקלעך טיי, האָט אַכמעדאָוו געוואָרפן אויף מיר אַן ערנסטן בליק און אַ זאָג געגעבן: כאַראַשאָ, איך האָב פאַר דיר און דיין פרוי אַ לייכטע אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג וועט איר זיין אין וויינגאָרטן און פאַרטרייבן די פייגל. נאָך דעם ווי דער וויינטרויבן־סעזאָן

וועט זיך ענדיקן וועסטו אַרבעטן ביי די קאָמביינען מיט דער רוסישער בריגאַדע.

די לייכטע אַרבעט ביים פּאַרטרייבן די פייגל, איז גאָר נישט געווען אַזוי לייכט. פון גאַנץ פרי ביז פאַרנאַכט האָט מען געמוזט שטיין אויף די פיס און זיך אַרומיאָגן מיט די פייגל, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט צו עסן די זיסע ווייַנטרויבן. דאָס אָוועקשטעלן צאַלרייכע אָפּשרעק-ליאַלקעס האָט נישט געהאָלפן, ווייל די קלוגע פייגל האָבן זיך נאָך אַ קורצער צייט איבערצייגט, אַז עס דראָט זיי נישט קיין שום געפאַר פון די דאָזיקע „מענטשעלעך".

די צייטיקע ווייַנטרויבן האָבן געצויגן גאַנצע כמאַרעס פון פייגל. עס איז געווען גענוג, אַז זיי זאָלן נאָר אַ פּיק טאָן אין די ווייַנטרויבן און מען האָט זיי שוין נישט געקענט ראַטעווען פון פוילונג.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט כלערליי רעש-מיטלען, כדי זיי צו פאַר־טרייבן, אָבער נישט שטענדיק האָט דאָס געהאָלפן. זיי האָבן זיך מיט אונדז געשפּילט ווי אַ קאַץ און מויז. אויפן דריטן טאָג האָט איך פאַר־געשלאָגן, אַז מען זאָל מיר ברענגען אַ ביקס מיט פאַלשע קוילן. דאָס האָט דווקא יאָ גוט געווירקט. פאַר דער שיסעריי האָבן די פייגל מורא געהאַט און זיך אָפּגעטראָגן פון מיין „מלוכה" אין אַן אַנדערן ווייַנגאָרטן.

אין די הייסע זומער-מאָנאַטן, ווען עס ווערן צייטיק די ווייַנטרויבן, זענען מיר געשלאָפן אין גאָרטן אויף אַ ברייטן, הויכן טיש, וואָס האָט אויך געדינט אַלס בעט. אויפן באָדן איז געווען אַ סכנה צו שלאָפן, ווייל אין דער גאַנצער געגנט זענען געווען גיפטיקע שלאַנגען, וואָס זענען געווען געפערלעך אין דער תקופה, ווען די ווייַנטרויבן ווערן רייף. די אָוונטן און נעכט זענען געווען זייער קילע, ווייל פון די בערג האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. מען האָט זיך געמוזט צודעקן מיט וואַרעמע קאָלדרעס, כדי נישט צו כאַפּן אַ ציטער.

במשך פון לאַנגע וואָכן האָבן מיר אין ווייַנגאָרטן געפירט די הויז־ווירטשאַפט. דאָ האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פּראָוויזאָרישע קיך, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אויסגעגראָבענעם גרוב אין דער ערד, אין וועלכן מיר האָבן אָוועקגעשטעלט אַ שוואַרצן טאַדזשיקישן טאָפּ. אַלס ברען-שטאָף האָבן געדינט אויסגעטריקנטע צווייגן פון די ביימער און קוסטן.

ווען די וויינטרויבן זענען רייף געוואָרן האָט מען אונדז געשיקט זיי רייסן. די גרויסע צווייגלעך וויינטרויבן האָט מען אָראָפּגענומען מיט שערן, אָדער מיט שאַרפע מעסערס. די עלטערע טאַדזשיקן האָבן ליב גע־האַט צו אַרבעטן מיט די מעסערס, וואָס זיי האָבן שטענדיק ביי זיך גע־טראָגן. די וויינטרויבן האָט מען אַריינגעלייגט אין ספּעציעלע קעסטלעך, וועלכע מען האָט אַנגעלאָדן אויף ביידע זייטן פון אייזל און זיי אָפּגע־פירט צום זאַמל־פונקט. דאָס איז געווען אַ ספּעציעל אָרט צו טריקענען די וויינטרויבן אויף אַ פּרימיטיוון אופן. דער פּלאַץ איז פריער באַגאָסן געוואָרן מיט וואַסער, כדי דער ליימיקער באָדן זאָל זיין גלאַטיק און ריין. אונטער דער הייסער זון איז דער באָדן שנעל אויסגעטריקנט גע־וואָרן און איז געווען גרייט אויפצונעמען גרויסע קוואַנטומס וויינטרויבן. היות דעם גאַנצן זומער רעגנט נישט אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן, איז נישט געווען קיין געפאַר, אַז די וויינטרויבן זאָלן נאַס ווערן. אַזוי האָבן זיך די וויינטרויבן געטריקנט 8—10 טעג ביז זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ראָזשינקעס. דעמאָלט האָט מען זיי איינגעפּאַקט אין זעק און דעם גרעסטן טייל אָפּגעשיקט אין דעם „קישמיש־זאַוואָד" (ראָזשינ־קעס־פאַבריק), ווו מען האָט זיי גערייניקט און קאָנסערווירט.

די קאָלכאָזן האָבן די ראָזשינקעס צוגעשטעלט דער מדינה אויף אַ פעסטגעשטעלטן פּרייז, וואָס האָט אַפילו נישט געדעקט די אַרבעטס־קאָסטן. די קאָלכאָזניקעס האָבן געוווּסט, אַז זיי אַרבעטן פאַרן טייוול און גיבן אַוועק די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן כמעט אומזיסט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי געהאָרכזאַם אויסצופירן די פאַראָרדענונגען פון „אויבן". זיי אַליין האָבן כמעט נישט געזען די ראָזשינקעס פון קאָלכאָז. נאָר פון דער אייגענער קליינער ווירטשאַפט האָבן זיי געהאַט וויינטרויבן און ראָזשינקעס פאַרן אייגענעם געברויך און אַפילו צום פאַרקויפן, כדי צו קויפן מעל און אַנדערע פּראָדוקטן, אָדער בגדים.

אין די 4 קאָלכאָזן, אין וועלכע איך האָב שפּעטער געאַרבעט מיט דער טראַקטאָריסטן־בריגאַדע, האָבן געלעבט ביי 1000—1200 משפחות. דער גרעסטער און פאַרהעלטנישמעסיק רייכסטער קאָלכאָז איז געווען „טשאַפּאַיעוו", אין וועלכן מיר האָבן געוווינט. די ערגסטע לאַגע איז

געווען אין קאָלכאָז „וואָראָשילאָוו". די באַפעלקערונג איז דאָ געווען די גרעסטע אין צאָל און דער קאָלכאָז האָט נישט געהאַט גענוג באָדן, כדי מפרנס צו זיין אַלע איינוווינער. אויך די לייטונג פון קאָלכאָז איז געווען אַ נישט פעאיקע און האָט נישט באַהערשט די לאַגע, ספּעציעל אין די שווערע מלחמה־יאָרן, ווען די רעגירונג האָט צוגענומען דעם גרויסן טייל פּראָדוקטן פאַרן פראָנט.

אין וואָראָשילאָוו־קאָלכאָז האָט מען ממש געהונגערט. די לאַגע איז דאָרט געווען אַזאַ קריטישע, אַז אין פּרילינג 1944 האָבן די איינוווינער געגעסן פּיטעס געמישט פון מעל און גראָז. די קינדער, וועלכע האָבן אַהיימגעבראַכט דאָס גראָז פון די פעלדער האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז עס האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט פאַרסמטע גרעזלעך. דאָס האָט גורם געווען, אַז צאָלרייכע קינדער און דערוואַקסענע האָבן זיך פאַרסמט און זענען געשטאָרבן, ווייל זיי האָבן נישט באַקומען צו דער צייט די נייטיקע הילף. נאָכן אומגליק איז געקומען אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג, כדי פעסטצושטעלן די סיבות פון דעם אומגליק. אָבער די דאָזיקע קאָמיסיעס האָבן זייער ווייניק אויפגעטאָן פאַר די איינוווינער פון וואָראָשילאָוו־קאָלכאָז. אין דער ערשטער צייט האָט מען זיי אַריינגעשיקט אַ טראַנספּאָרט מעל, כדי אַ ביסל צו באַרואיקן די געמיטער, אָבער שפּעטער האָט מען ווידער פאַרגעסן אין זיי און זייער לאַגע איז ווי פריער געווען אַ טראַגישע.

אין קאָלכאָז, פּונקט ווי אין יעדער אַנדערער אונטערנעמונג אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט דער אַרבעטער נישט געהאַט קיין שום דעה. ער איז געווען אַ מאַכטלאָז שרייפל אין אַ מעכטיקער מאַשין, וואָס באַקומט באַפעלן און אָנווייזונגען פון אויבן. למראית־עין ווערט דער פּרעדסעדאַטעל און די לייטונג פון קאָלכאָז אויסגעוויילט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָבער פאַקטיש ווערן די קאַנדידאַטן באַשטימט דורך דער העכערער פּאַרטיי־מאַכט. ווער עס זאָל זיין דער פאָרזיצער און וויצע־פאָרזיצער פון קאָלכאָז דעצידירן נישט די איינוווינער פון דאָרף, נאָר דער סעקרעטאַר פונעם ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אין די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב געאַרבעט אין די קאָלכאָזן, איז נישט פאָרגעקומען קיין איין פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען זאָל

ווײַלן אַ „פּרעדסעדאַטעל״, אָדער מיטגלידער פֿון דער קאָלכאָז־לייטונג. די פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען, זענען געווען אויסשליסלעך געווידמעט אַזעלכע פראַגן ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, פעסטצושטעלן נייע נאָרמעס, שאַפן נייע בריגאַדעס א.אַ.וו. און אַפילו אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען איז די לייטונג פון קאָלכאָז געקומען מיט פאַרטיקע פּלענער און באַשלוסן, וועלכע מען האָט „איינשטימיק״ אָנגענומען. די קאָלכאָזניקעס האָבן שוין געוווסט, אַז עס האָט נישט קיין זין אַרויסצוזאָגן אַן אַנדערע מיינונג, ווייל עס וועט זיי סײַ ווי סײַ גאָרנישט העלפן. עס קען נאָר פאַרערגערן זייער לאַגע.

די לייטונג פון קאָלכאָז און די בריגאַדירן האָבן געבילדעט די „אַריסטאָקראַטיע״ פון קאָלכאָז. דער פרעדסעדאַטעל, וויצע־פרעדסעדאַטעל, דער סעקרעטאַר, דער הויפט־בוכהאַלטער, דער קאַסירער און אַנדערע נאַטשאַלניקעס האָבן זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע קאָלכאָזניקעס מיט זייער העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט און מיט פילפאַכיק העכערע פאַרדינסטן. זיי האָבן פאַרדינט נישט 1 אַרבעטס־טאָג ווי דער דורכשניטלעכער קאָלכאָזניק, נאָר 2 און 3 אַרבעטס־טעג אין איין טאָג צוליב זייערע כלומרשט גרויסע לייסטונגען פאַרן קאָלכאָז. אויב צום ביישפיל אויף 1 אַרבעטס־טאָג איז צום סוף יאָר אויסגעפאַלן 3 קילאָ מעל, האָט דער געוויינלעכער קאָלכאָזניק באַקומען 3 קילאָ מעל פאַר יעדן אַרבעטס־טאָג. פרויען האָבן בדרך־כלל נישט פאַרדינט מער ווי אַ האַלבן אַרבעטס־טאָג אין די טעג, אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט. נאָר געציילטע קאָלכאָזניקעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס „סטאַכאַנאַוּוצעס״ האָבן פאַרדינט מער ווי 1 אַרבעטס־טאָג. אָבער די מיטגלידער פון דער קאָלכאָז־לייטונג האָבן אויטאָמאַטיש פאַרדינט דאָפּלט און דרייפאַכיק ווי דער פשוטער קאָלכאָזניק אָן שום ספּעציעלער אָנשטרענגונג.

דער קאָלכאָז נעמט אויך נישט אין באַטראַכט די צאָל מיטגלידער פון דער משפחה. עס רעכנט זיך נאָר די אַרבעט פון ראש המשפחה און פון זיין פרוי, אויב זי האָט אַרבעטס־טעג. פאַמיליעס מיט צאָלרייכע קינדער זענען דעריבער געווען אין אַ זייער שווערער לאַגע, ווייל ביים געבן דאָס ביסל מעל אויפן חשבון פון יערלעכן פאַרדינסט האָט מען גענומען אין אַכט נאָר די אַרבעט פון פאָטער און מוטער.

דער געוויינלעכער קאָלכאָזניק, וועלכער איז בדרך כלל געווען אַן אַנאַלפאַבעט, הגם מען האָט אים אויסגעלערנט „אויסמאָלן" דעם נאָמען, האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט פון זיין קאָלכאָז. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז געזונטער וואָס ווייניקער פראַגן צו שטעלן און וואָס ווייניקער זיך אינטערעסירן דערמיט, וואָס עס טוען די נאַטשאַלניקעס. ער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט וועלן זיין צו פיל חכם וועט מען אים שיקן צו אַזאַ אַרבעט, ביי וועלכער ער וועט פאַר־דינען ווייניקער, אָדער מען וועט אים פאַרשיקן אין די וייטע פעלדער אויף לאַנגע וואָכן און אים דערווייטערן פון דער משפחה. האָט ער טאַקע געשוויגן און געקריצט מיט די ציין צוקוקנדיק זיך ווי די „אַריסטאָקראַטן", וועלכע זענען כמעט אַלע געווען פּאַרטיי־מיטגלידער, לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון כלל־קאָלכאָזניקעס.

אָבער די מערערע אַרבעטס־טעג זענען נישט געווען דער הויפּט־מקור פון דער פרנסה פון די קאָלכאָז־נאַטשאַלניקעס. זיי האָבן געהאַט זייטיקע הכנסות, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די איינקונפטן פון דער אַר־בעט. זיי האָבן פּשוט געגנבעט ביי יעדער געלעגנהייט. איינער האָט געדעקט דעם צווייטן און אַלע זענען געווען שותפים. עס איז פּשוט אומ־מעגלעך געווען פעסטצושטעלן געגנוי וויפל תבואה מען האָט אַראָפּגע־נומען פון די פעלדער און וויפל פון דעם איז אַריינגעפירט געוואָרן אין די מאַגאַזינען. דער מאַגאַזיניער און דער בוכהאַלטער האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער חשבון זאָל זיין אין אָרדענונג. אַז מען האָט געדאַרפט האָט מען צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז די מייז האָבן אויפגעגעסן אַ פּאָר טאָן תבואה. אין דער אמתן האָט מען דעם ווייץ פאַרקויפט אויפן פרייען מאַרק אין אוראַ־טיובע און דאָס געלט צעטיילט צווישן זיך.

אין האַרבסט 1943 האָב איך געלייענט אין דער ראַיאָן־צייטונג, אַז דער פּרעדסעדאַטעל פון טשאַפּאַיעוו־קאָלכאָז, יוסופּאָוו, האָט פון זיינע „אייגענע אָפּשפּאָרונגען" געשענקט דער רויטער אַרמיי 100.000 רובל. אין דער צייט האָט מען אין גאַנצן לאַנד געשפּענדט פאַר דער רויטער אַרמיי. ווען איך האָב איבערגעלייענט די דאָזיקע ידיעה האָב איך פּשוט נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. ווי שעמט זיך נישט דער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין אוראַ־טיובע־ראַיאָן צו פאַרעפנטלעכן אַזאַ ידיעה,

וואָס איז אַ מישונג פון שקר און צביעות. ווי האָט יוסופּאָוו געגומען 100.000 רובל פון אייגענע אָפּשפּאָרונגען? דאָס איז דאָך געווען אַ קאָלאָ־סאַלע סומע, אויף וועלכער אַ דורכשניטלעכער סאָוויעטישער בירגער, וועלכער האָט געלעבט ערלעך איז געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן בערך 20 יאָר, ווייל דער דורכשניטלעכער לוין איז געווען 300—400 רובל אַ חודש.

איינצלנע האָבן געוווּסט, אַז די דאָזיקע „אָפּשפּאָרונגען" האָט יוסו־פּאָוו גענומען פון קאָלכאָז־מאַגאַזין. ער האָט פּשוט אַרויסגעפירט אַ טאָן ווייץ אויפן פרייען מאַרק און פאַר יעדן קילאָ גענומען אַ ספּעקולאַציע־פרייז פון 100 רובל און אַזוי איינקאַסירט 100.000 רובל, וועלכע ער האָט אַריינגעטראָגן לטובת דער רויטער אַרמיי. אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי האָט מען געגנוי געוווּסט וועגן דער דאָזיקער „אָפּעראַציע", אָבער קיינער האָט נישט רעאַגירט. דאָס איז נישט געווען די ערשטע אָפּערע, וואָס זיי האָבן געדעקט. זיי האָבן אַליין דערמוטיקט די פּאַרזי־צערס פון די קאָלכאָזן צו אַזעלכע „אָפּפּערווויליקע" מעשים, כדי צו ווייזן דער העכערער פּאַרטיי־מאַכט, אַז זיי זענען טיכטיק.

אַחוץ דעם זענען די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און זייערע געהילפן געווען עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון די פּרעדסעדאַטעלס אין די קאָלכאָזן. פון זייער געהאַלט האָבן זיי נאָר געקענט שטאַרבן פון הונגער. זענען זיי יעדע פּאַר וואָכן געקומען אין אַן אַנדערן קאָלכאָז מיט זייערע אויטאָס און דער מאַגאַזינער האָט אויף דער פּאַראָרדענונג פון פּרעדסעדאַטעל דיסקרעט אָנגעלייגט צענדליקער קילאָ פון פאַרשידענע פּראָדוקטן. אַ טייל פון די פּראָדוקטן האָבן זיי פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, ווייל דער פּאַרטיי־נאַטשאַלניק האָט זיך נישט געגויטיקט אין אַזוי פיל שפּייז־פּראָדוקטן. די נאַטשאַלניקעס האָבן שוין געהאַט זייערע פּאַרטרווילעכע אָפּנעמער און פּאַרמיטלער.

דער אונטערשיד צווישן די „אַריסטאָקראַטן" און פּשוטע מיטגלידער איז געקומען צום אויסדרוק אויך אויף אַנדערע אָפּשניטן פון קאָלכאָז־לעבן. אין יעדן קאָלכאָז זענען געווען אַרבעטס־פערד און אַ באַגרענעצטע צאָל רייט־פערד. די דאָזיקע רייט־פערד זענען געשטאַנען אויסשליסלעך צו דער דיספּאָזיציע פון די קאָלכאָז־לייטונגען און בריגאַדירן, וועלכע

האָבן געהאַט אונטער זיך אַ צענדליק אַרבעטער. דער פּשוטער קאָלכאָז־ניק האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַ פערד. און די טאַדזשיקן און אוזבעקן זענען פּשוט געשטאָרבן פאַר אַ פערד. דאָס איז געווען זייער טרוים. די פערד זענען געווען פון אַן אויסגעצייכנטער אַראַבישער ראַסע און מען האָט זיי גוט געפלעגט. אין פאַרגלייך צו די נעבעכדיקע פערד פון טאַרזאַ, זענען דאָס געווען לייבן.

פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע איז נישט געווען קיין דאָרפס־מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אייגן פערד. אַפילו דער אָרעמסטער האָט געהאַט אַ פערד. די רייכערע לאַנדווירטן האָבן געהאַט צאָלרייכע אַרבעטס־און רייט־פערד. אָבער די קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס איז אין אַזיע דורכגע־פירט געוואָרן מיט די זעלבע ברוטאַלע מיטלען ווי אין אַנדערע רעפּוב־ליקן, האָט אַלע גלייכגעשאַלטעס. זי האָט צוגענומען די פערד. דער קאָלכאָזניק האָט מער נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַ פערד. פון זיין קליינער פּריוואַטער ווירטשאַפט האָט ער געהאַט שפּייז־פּראָדוקטן צו דערגענצן די באַשיידענע הכנסה פון קאָלכאָז. אָבער פון דעם האַלבן העקטאַר ערד האָט ער נישט געקענט אַרויסבאַקומען אויף פּאַשע פאַר אַ פערד. איז ער טאַקע געריסן אויף אַן אייזל און געפּלאַצט פון קנאה צוקוקנדיק זיך ווי די „גרויסע" רייטן אויף די שיינע ראַסאַווע פערד.

אַן ענלעכע לאַגע איז אויך געווען אויפן געביט פון שעפּסן־ און ציגן־צוכט. די איינוווינער פון שכנותדיקן קאָלכאָז „אישטימאַיאַד" האָבן מיר דערציילט, אַז פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע האָט דער אָרעמסטער פּויער געהאַט 50—100 שעפּסן און ציגן. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט 500—1000 און מער שעפּסן און ציגן. ווען איך האָב געאַרבעט אין דעם קאָלכאָז מיט דער טראַקטאָריסטן־בריגאַדע איז מער נישט געווען ווי 1500—1800 שעפּסן און ציגן אויף 200 פאַמיליעס. פון דער פּריוואַטער ווירטשאַפט האָט דער קאָלכאָזניק געקענט אויסהאַלטן איין אָדער צוויי קי און אַ 10 ביז 20 שעפּסן און ציגן, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויף די קאָלכאָז־פעלדער.

די קי־ און שעפּסן־צוכט אין קאָלכאָז איז געווען שטאַרק פאַרנאַכ־לעסיקט און אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. די קי זענען געווען אויס־

געמאַגערטע און אויסגעמאַטערטע און געגעבן אַ פּאָר ליטער מילך אַ טאָג. אין די ווינטער־מאַנאַטן האָבן זיי געגעבן מילך ווי ציגן, ווייל מען האָט פאַר זיי נישט צוגעגרייט גענוג פּאַשע און געשטאָפּט זיי נאָר מיט שטרוי.

די שעפּסן האָבן אין די ווינטער־מאַנאַטן געהאַט נאָך אַן ערגערן סוף. אין די זומער־ און הארבסט־מאַנאַטן האָבן זיי געגעסן די גראָזן אין די ווייַנגערטנער און די זאַנגען, וואָס זענען געבליבן אויף די פעלדער נאָכן שניט פון די קאָמביינען. אין די דאָזיקע חדשים איז געוואַקסן זייער „קורדיוק", וואָס האָט דערגרייכט ביז 10—15 קילאָ פעטס. אָבער אין די ווינטער־מאַנאַטן האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ. קיינער האָט נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז די שעפּסן און ציגן זאָלן האָבן גענוג פּאַשע אויף ווינטער און אַ דאַך איבערן קאָפּ קעגן די ווינטן, רעגנס און שניי־זאַוויערוכעס. נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלוירן די פעטס־רעזערוון האָבן זיי אָנגעהויבן צו פּגרן אין די צענדליקער און הונדערטער. איך געדענק ווי אַזוי מען האָט די פּגרים געבראַכט אין קאָלכאָז אַריין און זיי פאַר־קויפט פאַר ביליקע פּרייזן. די מער פאַרמעגלעכע קאָלכאָזניקעס האָבן נישט געוואָלט עסן פּגרים, וואָס זענען געווען הויט און ביין. נאָר די אָרעמע קאָלכאָזניקעס זענען צוגעפאַלן צו די דאָזיקע מציאות, ווייל דאָס איז געווען פאַר זיי די איינציקע געלעגנהייט צו באַקומען פון קאָל־כאָז אַ שטיקל פלייש פאַר אַ ביליקן פּרייז.

צווישן טראַקטאָריסטן

אין איינעם פון די אָקטאָבער־טעג אין 1942 יאָר האָט מיך איינגע־לאַדן צו זיך דער פּרעדסעדאַטעל פון קאָלכאָז „אישטימאַיאַד", אַכמעדאָוו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב ער לאַדט מיך איין צו זיך אַהיים האָט ער מיט מיר אַרומצורעדן אַ וויכטיקן ענין.

ווען איך בין אַריין אין אַכמעדאָווס הויז האָב איך גלייך דערפילט דעם ריח פון נאַציאָנאַלן מאכל. איך האָב קוים באַוויזן זיך אָוועקצוזעצן

אויפן טעפּיך, האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו דערלאַנגען דעם פּלאָוו. אַחוץ אַכמעדאָוון זענען אין גאַסט־צימער געזעסן דער סעקרעטאַר פון קאָל־כאָז און איינער פון די בריגאַדירן. דער קוכער האָט דערלאַנגט אַן אײ־בערפולטע טאַץ מיט פלייש און רייז, פון וועלכער עס האָט געטריפט דער שמאַלץ. דער פּלאָוו איז געווען אַזוי פריש און וואַרעם, אַז ער האָט געבריט די פינגער. מיר האָט מען ווי שטענדיק דערלאַנגט אַ לעפל, אָבער דאָס איז דאַכט זיך געווען דאָס איינציקע מאָל ווי איך האָב געגעסן מיט די פינגער פונקט ווי מיינע גאַסטגעבער.

נאָך דעם ווי די פּלאָוו־סעודה האָט זיך פאַרענדיקט און מען האָט דערלאַנגט די טשאַיניקעס מיט גרינער טיי און ראָזשינקעס, איז אַכמע־דאָוו צוגעטרעטן צום ענין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די טראַקטאָריסטן־בריגאַדע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קאָלכאָז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז נישט צופרידן מיטן „אוטשאָטשיק" (אויסמעסטער — בוכהאַלטער פון דער בריגאַדע). דער בריגאַדיר פון די טראַקטאָריסטן איז געווען אַ רוס, קאָמיסאַראָוו. די טראַקטאָריסטן זענען נישט געווען קיין מיטגלידער אין קאָלכאָז, נאָר אַרבעטער פון דער מלוכהשער מאַשי־נען־טראַקטאָרן־סטאַציע, א"ג „מ.ט.ס.", וועלכע איז געווען איינע אין יעדן ראַיאָן און באַדינט אַלע אַרומיקע קאָלכאָזן. די דאָזיקע אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פאָרעם, איז אגב געווען איינס פון די מיטלען פון פאַרשטאַרקן די מלוכהשע קאָנטראָל איבער די קאָלכאָזן. די בוכהאַלטעריע אין דער בריגאַדע האָט מען געדאַרפט פירן אין דער רוסישער שפּראַך.

דער ביזאיצטיקער „אוטשאָטשיק" איז געווען אַ יונגער בחור פון קאָלכאָז, וועלכער האָט אַפילו נישט גוט פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך. האָט אים קאָמיסאַראָוו גלייך משלח געווען און דערביי געוואָרנט, אַז מען זאָל אים נישט שיקן קיין צווייטן „דוראַק" (שוטה), ווייל ער וועט נישט צולאָזן צו דער אַרבעט. היות דער קאָלכאָז האָט זיך נישט געקענט דער־לויבן איינצורייסן מיט די טראַקטאָריסטן, פון וועלכע ער איז אין אַ גרוי־סער מאָס געווען אָפּהענגיק, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן צו ווערן דער „אוטשאָטשיק". ער איז געווען איבערצייגט, אַז איך וועל געפעלן ווערן די רוסן, ווייל איך באַהערש סיי רוסיש און סיי טאַדזשיקיש און דעריבער האָב איך אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט ביידע צדדים.

פֿאַר מיר איז דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג געווען אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג. איך האָב געוווּסט, אַז דער דאָזיקער פּאָסטן איז אין די געגעבענע באַדינגונגען אַ וויכטיקע מאַטעריעלע דערגרייכונג, ווייל די טראַקטאָ־ריסטן געהערן צו דער „אַריסטאָקראַטיע" און צו די גוט־באַצאָלטע אַרבע־טער. איך האָב געוווּסט, אַז אַן „אוטשאָטשיק" פֿון אַ טראַקטאָריסטן־בריגאַדע האָט פּאָרזיכערטע צוויי אַרבעטס־טעג פֿאַר יעדן טאָג און דאָס הייסט גאַראַנטירטע 6 קילאָ מעל אַ טאָג. אין יענע טעג איז דאָס געווען אַ פֿאַרמעגן.

איך בין באמת געווען זייער דאַנקבאַר אַכמעדאָוון פֿאַר זיין איבער־ראַשנדיקער אָפּערטע און איך האָב איך צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַלץ טאָן, אַז דער קאָלכאָז זאָל האָבן נוצן פֿון מיין אַרבעט. און ער האָט טאַקע שפּעטער געהאַט גרויסן נוצן אַ דאַנק מיינע גוטע באַציאונגען מיט די טראַקטאָריסטן און מיטן דירעקטאָר און הויפּט־אַגראָנאָם פֿון מ.ט.ס. אַכ־מעדאָוו האָט אָבער צוגעגעבן, אַז איך מוז אויך האָבן די הסכמה פֿון קאָמיסאַראָוון און פֿון דעם דירעקטאָר פֿון מ.ט.ס.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן טראַקטאָריסטן־בריגאַדיר, קאָמיסאַ־ראָוו, האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ קעגנזייטיקער סימפּאַטיע. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ „ליבע" פֿון ערשטן אויגנבליק. ער האָט נישט אַרויסגערוקט קיין שום באַוואָרעניש קעגן מיין אַרבעט אין זיין בריגאַדע. פֿאַרקערט, ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן וואָס ער וועט זיך קענען צונויפֿרעדן מיטן אייראָפּייער וועגן אַלע אַרבעטס־ענינים. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז די מאַטעריעלע פֿראַגן פֿון דער בריגאַדע וועלן בעסער געלייזט ווערן, ווען איך וועל זיין דער אַדמיניסטראַטיווער לייטער. אויך די דירעקציע פֿון מ.ט.ס. האָט אָן שום שוועריקייטן געגעבן איר הסכמה און אַזוי בין איך געוואָרן „אוטשאָטשיק" פֿון קאָמיסאַראָווס ברי־גאַדע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַלס די בעסטע אין אוראַ־טיובע־ראַיאָן.

קאָמיסאַראָוו איז געווען אַ רוס פֿון אַ יאָר 28—30. גלייך ווי דער דייטש־רוסישער קריג איז אויסגעבראָכן, איז ער מאָביליזירט געוואָרן און געקעמפֿט אויף צאַלרייכע פֿראָנטן. נישט ווייט פֿון קיעוו איז ער פֿאַר־וווּנדעט געוואָרן אין דער לינקער האַנט. ער איז דורכגעגאַנגען אייניקע

אָפּעראַציעס, אָבער ער איז פאַרבליבן אַן אינוואַליד. נאָכן באַפרייען פון שפּיטאָל איז ער געשיקט געוואָרן אויף דערהאָלונג קיין טאַדזשיקיסטאַן. קיין אוראַ־טיובע איז ער אָנגעקומען אין האַרבסט 1942 יאָר און איז גלייך אָנגענומען געוואָרן אין מ.ט.ס. אַלס בריגאַדיר פון טראַקטאָריסטן.

קאָמיסאַראָוו איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער מעכאַניקער. ער האָט געקענט יעדעס שרייפל פון די מאַשינען. ווען ער האָט נאָר געוואָרפן אַ בליק אויף דער מאַשין, האָט ער גלייך פעסטגעשטעלט „ווו דער הונט איז באַגראָבן". ביי ערנסטע דעפעקטן האָט ער זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזט, נאָר אַליין אויסגעפירט די אַרבעט. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע פאַרדינסטן זענען אָפּהענגיק פון דעם ווי אַזוי די טראַקטאָרן און קאָמביינען וועלן אַרבעטן.

קאָמיסאַראָוו איז געווען פון מיטעלן וווּקס, פעסט געבויט מיט אַ קאָפּ געדיכטע בלאָנדע קורץ־געשוירענע האָר. זיינע בלויע אויגן זענען געווען שאַרפע און דורכדרינגענדיקע. ביי דער אַרבעט איז ער געווען שטרענג, אָבער קאָרעקט. ער האָט שטענדיק געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע און קיינמאָל נישט געפאָדערט פון אַנדערע טראַקטאָריסטן און זייערע געהילפן אָנשטרענגונגען, וואָס זענען געווען איבער זייערע מעגלעכקייטן.

אין דער בריגאַדע האָט געהערשט אַן אינערלעכע דיסציפּלין. קאָמיסאַראָוו האָט געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט ביי אַלע טראַקטאָריסטן און אַרבעטער און אַלע זיינע אָנווייזונגען זענען פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. ער האָט זעלטן אויפגעהויבן דאָס קול און זעלטן זיך באַנוצט מיטן באַרימטן לעקסיקאָן. עס איז געווען גענוג, ווען ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן טראַקטאָריסט, וועלכער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט, אָדער נישט אויסגעפירט די אָנווייזונג ווי עס דאַרף צו זיין, כדי יענער זאָל פאַרשטיין, אַז קאָמיסאַראָוו איז נישט צופרידן. קיינער איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אריינצוגיין אין אַ קאָנפליקט מיטן בריגאַדיר, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק געווען די פאַרטיילונג פון דער אַרבעט, אורלויבן און אין אַ גרויסער מאָס אויך די פאַרדינסטן.

זיין פאַרטרעטער איז אויך געווען אַ רוס, סאַשאַ סאַפּאָזשניקאָוו, וועלכער איז אויך פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן מאָסקווער פראָנט. סאַשאַ איז געווען עלטער פאַר קאָמיסאַראָוון מיט אַ פּאָר יאָר. אויך ער איז

געווען אַן ערשטקלאַסיקער פאַכמאַן, אָבער האָט נישט באַזיצט די אויס־דויער־קראַפט און די שנעלע אָריענטאַציע ווי קאָמיסאַראָוו. זיין מאַשין האָט ער געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ און זעלטן אָנגעקומען צו דער הילף פון קאָמיסאַראָוון. זיין אַמביציע האָט אים נישט דערלויבט, אַז אַן אַנדערער זאָל אים צוהעלפן ביים פאַרריכטן דעם טראַקטאָר. צווישן ביידע האָבן געהערשט קאָרעקטע באַציאונגען, אָבער קיין טיפע פריינט־שאַפט איז נישט געווען, ווייל אין האַרצן האָט סאַשאַ מקנא געווען קאָ־מיסאַראָוון, וועלכער האָט דערגרייכט די פּאָזיציע פון אַ בריגאַדיר, וואָס איז אויך געווען זיין טרוים.

מיט סאַשאַן האָט געאַרבעט זיין 16־יעריקער פּלימיעניק, גרישאַ, וועלכן ער האָט געוואָלט אויסשולן אַלס טראַקטאָריסט. ער האָט געמאַכט אַלע שווארצע אַרבעטן: געטווישט דאָס אייל, געוואַשן די פאַרשידענע טיילן אין נאַפט, געפּוצט פון שטויב די מאַשין און אויך אויסגעפירט פאַרשידענע שליחותן אין דער שטאָט, ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען אויסטויש־טיילן.

אין אונדזער בריגאַדע האָבן אויך געאַרבעט צוויי פאַרהייראַטע רוסישע פרויען. דער מאַן פון איין פרוי איז אויך געווען אַ טראַקטאָריסט, אָבער ער האָט נישט געאַרבעט ביי אונדז אין דער בריגאַדע. נאָר אין ראַטנ־פאַרבאַנד קען מען טרעפן פרויען ביי אַזעלכע שווערע אַרבעטן. עס איז באמת נישט געווען וואָס מקנא צו זיין די דאָזיקע פרויען. זיי זענען שטענדיק געווען פאַרשטויבט, פאַרשמירט און מיד פון דער מיזאַמער אַרבעט אין די שווערע פעלד־באַדינגונגען. עס איז נישט קיין ווונדער וואָס אין אַזעלכע באַדינגונגען פאַרלירן די פרויען זייער שטאַרקסטע גע־ווער: דעם סעקס. פאַרקערט, אין אַזעלכע אומשטענדן ווירקן זיי גאָר אָפּשטויסנדיק. עס איז געווען גענוג צו כאַפּן אַ בליק אויף די אויסגע־פּראַצעוועטע, פאַרשווארצטע הענט פון די פרויען, כדי דער יצר־הרע זאָל פאַרשווינדן. זיי האָבן געאַרבעט גלייך ווי די מענער 8 און 10 שעה אין טאָג, כדי צו מאַכן די נאָרמע. זיי האָבן נישט גענאָסן פון קיין שום פּריווילעגיעס. ווען עס איז געקומען זייער ריי, האָבן זיי געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט און ביי טאָג געשלאָפן אַ פּאָר שעה און ווייטער געאַרבעט.

דערצו נאָך האָט קיינער נישט געטראַכט וועגן שאַפן וועלכע עס

איז מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען, ווו מען זאָל קענען אָפּרוען נאָך דער שווערער אַרבעט. די גאַנצע סאַניטאַרע איינריכטונג פאַר די טראַק־טאָריסטן אין אַלע 4 קאָלכאָזן איז באַשטאַנען פון אַ נעבעכדיק ליימיק הייזל פון צוויי צימערן אָן פענצטער, אָן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן, אָן דער מעגלעכקייט זיך אָפּצוואַשן. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַרבעטס־פּלאַץ איז יעדעס יאָר געווען דער זעלבער, האָט קיינער נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז מען זאָל דאָ אויפשטעלן די נויטיקע מינימאַלע סאַ־ניטאַרע איינריכטונגען פאַר די טראַקטאָריסטן. אָפילו די רוסישע דירעק־טאָרן פון דער מ.ט.ס.־סטאַציע איז נישט איינגעפאַלן צו זאָרגן דערפאַר, אַז אין יעדן קאָלכאָז פון ראַיאָן זאָל געבויט ווערן אַ סטאַבילע באַזע פאַר די טראַקטאָריסטן, וועלכע האָבן דאָ פאַרבראַכט לאַנגע חדשים במשך פון יאָר.

אין אונדזער בריגאַדע זענען אויך געווען טאַדזשיקישע טראַקטאָ־ריסטן. עס זענען אויך געווען בריגאַדירן — טאַדזשיקן. אָבער אָך און ווי איז געווען צו די בריגאַדעס בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען טאַדזשיקן.

קודם־כל איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד אין די קוואַליפיקאַציעס צווישן די רוסן און טאַדזשיקן. זיי האָט געפעלט די זעלבסטזיכערקייט ביי דער אַרבעט. זיי האָבן מורא געהאַט צו שטעלן אויף זיך, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַן ערנסטער רעפּעראַטור. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי קענען זיך שטיצן אויף די געציילטע רוסן אין דער בריגאַדע.

אינערהאַלב דער בריגאַדע האָבן די טאַדזשיקן געפירט זייער אייגנ־אַרטיקן לעבנס־שטייגער. קיינער פון זיי איז נישט געשלאָפן אין אַ בעט, נאָר אויפן באָדן אויסגעבעט מיט שמוציקע, פאַרפּעצטע וואַטענע קאַלד־רעס. זיי זענען געשלאָפן אין איין צימער און איך מיט די רוסן אין צווייטן צימער אויף בעטלעך, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פון דער שטאָט. געגעסן האָט מען צוזאַמען, ווייל דער קוכער איז שטענדיק געווען אַ טאַדזשיק, וועלכן דער קאָלכאָז איז געווען פאַרפליכטעט צוצושטעלן.

מיט שפּייז־פּראָדוקטן איז די בריגאַדע שטענדיק געווען באַזאָרגט. יעדן טאָג איז געווען פלייש. די לייטונג פון קאָלכאָז האָט געוווּסט, אַז מיט די „אַריסטאָקראַטן" איז בעסער נישט אָנצוהייבן, ווייל זיי קענען

מאַכן פאַרשידענע פוילע שטיק און פאַרשפּעטיקן דאָס צוגרייטן די פעלדער צו אָקערן און זייען. ביי דעם שטרענגן און ענערגישן וואַסילי קאָמיסאַראָוו האָט מען נישט געקענט זיין קיין חכם. פאַר אים האָט דער פערד־סעדאַטעל פון קאָלכאָז געהאַט דרך־ארץ און נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז דער פּרעדסעדאַטעל, פאַר וועלכן די קאָלכאָזניקעס האָבן געציטערט, האָט אַריינגעכאַפּט אַ לייטישע „יאַפּקע״ פון קאָמיסאַראָוון פאַר נישט באַזאָרגן די בריגאַדע מיט די נויטיקע שפּייז־פּראָדוקטן אין דער ריכטיקער צייט.

די אויפגאַבע פון קוכער איז געווען צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט טיי און צוויי פליישיקע מאָלצייטן — מיטאָגצייט און אין אָוונט. אין גרעסטנטייל זענען דאָס געווען פליישיקע זופּן. פון צייט צו צייט האָט מען אויך געמאַכט אַ פּלאָוו. ווען אין דאָרף איז פאָרגעקומען אַ שמחה, האָט מען נישט פאַרגעסן די טראַקטאָריסטן. דער בעל־שמחה איז אַליין געקומען מיט די גוטע מאכלים, אָדער געשיקט וועמען פון זיינע נאָענטע.

די היגיענישע באַדינגונגען פון האַלטן די פּראָדוקטן זענען געווען ווי אין די אור־אַלטע צייטן. אין די קילע טעג פון פון הארבסט און אין פרילינג איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער אין די הייסע זומער־טעג האָבן די פליגן פשוט געראַיעט אויף די שפּייז־פּראָדוקטן און דאָס פלייש איז געוואָרן שוואַרץ און פאַרשטונקען. די טאַדזשיקן האָבן געהאַט זייער אָריגינעלן סיסטעם פון קאָנסערווירן פלייש דורך אָפּטיילן עס פון די ביינער און נאָך דעם אויפהענגען אויף שטריקלעך אונטערן סופיט. דאָס איז געווען זייער איינציקע „טעכנאָלאָגישע״ דערפינדונג. אין די קאָלכאָזן און אַפילו אין די שטעטלעך האָט מען נישט געוווּסט וועגן אַ פשוטן אייז־קאַסטן.

אָבער קיינער האָט נישט געלייגט אַכט אויף אַזעלכע „קלייניקייטן״... דער עיקר, אַז עס איז דאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַריין. אין דער צייט, ווען אויפן שוואַרצן מאַרק האָט אַ קילאָ פלייש געקאָסט העכער 100 רובל, וואָס האָט באַטראָפן 20—25 פּראָצענט פון מאָנאַטלעכן פאַרדינסט פון אַ דורכשניטלעכן סאָוויעטישן בירגער, האָבן מיר געגעסן פלייש צוויי מאָל אין טאָג. דער געוויינלעכער קאָלכאָזניק האָט צו דעם נישט זוכה געווען אין די מלחמה־יאָרן. טראַקטאָריסטן געהערן צו דער דאָרפס־אַריס־

טאָקראַטיע און פאַר זיי האָט דער סאָוויעטישער רעזשים געשאַפן ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס און באַזונדערע אַרבעטס־באַדינגונגען. זייערע פאַר־דינסטן זענען אויך געווען פיל העכערע ווי פון די קאַלכאָזניקעס. די טראַקטאָריסטן פון אונדזער בריגאַדע האָבן פאַרדינט 2—3 און אַפילו 4 אַרבעטס־טעג אין 1 טאָג און דאָס האָט אויסגעמאַכט 6 ביז 12 קילאָ מעל אַ טאָג אַחוץ אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן און דערצו נאָך אַ געוויסע געלט־סומע. אין די מלחמה־יאָרן האָבן זיך די דאָזיקע דראַסטישע אונטערשידן שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווייל דער געוויינלעכער קאָלכאָזניק האָט קוים געהאַט איבערצולעבן דעם טאָג מיט זיין פאַמיליע.

טראָץ דעם וואָס קאָמיסאַראָוו און אַנדערע מיטגלידער פון דער בריגאַדע זענען געווען ערשטקלאַסיקע מעכאַניקער, האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות. די טראַקטאָרן און קאָמביינען זענען געווען פון אַ זייער שלעכטער פּראָדוקציע און די קוואַליטעט פון די פאַרשידענע טיילן — אונטער יעדער קריטיק. עס איז נישט דורך קיין איין טאָג, מען זאָל נישט דאַרפן רעמאָנטירן די טראַקטאָרן און קאָמביינען. די טיילן פון בליי זענען געווען פון שלעכטער קוואַליטעט, און מער ווי אייניקע טעג האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן אין דער הייסער טעמפּעראַטור. עס איז פּשוט געווען אַ רחמנות אויף די טראַקטאָריסטן, וועלכע האָבן כמעט יעדן טאָג געמוזט ליגן אונטער דער מאַשין און טוישן די פאַרשידענע טיילן. די דאָזיקע רעמאָנטן האָבן פאַרביטערט זייער לעבן, צעטרייסלט זייערע נערוון און צוגענומען ביי זיי אַ גרויסן טייל פון דער אַרבעטס־צייט.

באַקומען די נויטיקע טיילן האָט מען געקענט נאָר אין מ.ט.ס. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דער דירעקטאָר און הויפּט־אַג־ראָנאָם האָבן ווי שאַקאַלן נאָר געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט, כדי אויס־צופּרעסן פון דער בריגאַדע אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן. איך דערמאָן זיך, אַז קאָמיסאַראָוו האָט געפּטרט טעג אויף פאָרן קיין אוראַ־טיובע אין מ.ט.ס. נאָך טיילן פאַר די קאָמביינען, טראַקטאָרן און אַנדערע מאַשינען. כמעט שטענדיק האָט ער אויף זיין ראָוער געפירט אַ פאַר קילאָ מעל, אָדער ראַזשינקעס. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט פאָרן מיט ליידיקע הענט, וועט ער צוריקקומען אָן די נויטיקע טיילן און די מאַשינען וועלן שטיין. ווען ער האָט זיך געהאַנדלט וועגן טוישן אַ מאָטאָר, אָדער אַנדערע

וויכטיקע טיילן, האָט ער געמוזט אָנקומען צום מאַגאַזין פון קאַלכאַז. דער פּרעדסעדאַטעל האָט געוווּסט, אַז אויב מען וועט נישט „שמירן״ וועט די גאַנצע אַרבעט שטיין און קיינעם וועט נישט אינטערעסירן צי די פעלדער ווערן באַאַרבעט אָדער נישט.

אין אַזעלכע פאַלן האָט מען איינגעלאַדן דעם מ.ט.ס.־דירעקטאָר אין קאַלכאַז און מען האָט אים אין אַזאַ אַרייַנגעלייגט אַ לייטיש פּעקל, וואָס האָט וויכער געמאַכט זיין האַרץ. אַ טאָג שפּעטער זענען פון אונטער דער ערד דערשינען די נויטיקע טיילן. דאָס איז געווען אַ מין לעגאַלער כאַבאַר וועגן וועלכן אַלע האָבן געוווּסט און קיינער האָט נישט אַרייַנגעטראָגן קיין אָנקלאַגעס אין די אַנטשפּרעכנדיקע אינסטאַנצן. אַזעלכע אָנקלאַגעס, אויב זיי זענען אַמאָל איינגעפאַלאָסן, האָבן זייער זעלטן געזען די ליכטיקע שיין, ווייל איין כאַבאַר־נעמער איז געווען פאַרבונדן מיטן צווייטן אין אַ מין מאַפיע־בונד. דער פּרעדסעדאַטעל פון קאַלכאַז, דער דירעקטאָר פון מ.ט.ס., די סעקרעטאַרן פון דער פּאַרטיי, האָבן געהערט צו דער זעלבער „שותפות מיט באַגרענעצטער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט״. איין האַנט האָט געוואַשן די צווייטע. איינער האָט גע־דעקט דעם צווייטן.

כמעט אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען זענען געווען דאָס אייגנ־טום פון מ.ט.ס. און נישט פונעם קאַלכאַז. די לייטונג פון מ.ט.ס. איז געווען צו זאָרגן פאַר דער עפעקטיווער אַרבעט פון די מאַשינען. דערפאַר האָבן זיי באַקומען אַ באַשטימטן אָפּצאָל לויט דער צאָל העקטאַר פון פאַראַקערטע און פאַרזייטע פעלדער. דאָס איז אָבער געווען נאָר טעאָרע־טיש, אויפן פּאַפּיר, פאַקטיש האָבן אירע אייגענע מענטשן געמוזט טאָג־טעגלעך אונטערקויפן די „קאַרפּן־קעפּ״, כדי צו קענען אַרבעטן. דער גאַנצער אַנפירונגס־אַפּאַראַט איז געווען קאָרומפּירט.

נאָך דעם ווי איך האָב צוגעשטעלט דער בוכהאַלטעריע פון מ.ט.ס. דעם ערשטן באַריכט וועגן דער דורכגעפירטער אַרבעט, האָט מיך איינ־לאַדן צו זיך דער הויפּט־אַגראַנאָם, יעגאַראַוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון אָדעס און די מלחמה־זאַוויערוכע האָט אים פאַריאָגט קיין טאַדזשי־קיסטאַן. יעגאַראַוו איז געווען אַ יונגער אינטעליגענטער רוס, וועלכער האָט שנעל באַהערשט די פּראָבלעמען פון דער לאַנדווירטשאַפט אין

טאַדזשיקיסטאַן. אין לאַנגע געשפּרעכן, וועלכע ער האָט געפירט מיט מיר אין אַן אַטמאָספער פון פולן צוטרוי, האָט ער זיך נישט איינמאָל באַקלאָגט אויף די פּרימיטיווע אַרבעטס־מעטאָדן און נישטיקער אַרבעטס־פּראָדוקטיוו־קייט אין די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן.

דעם אַלגעמיינעם פּרימיטיוויזם האָט ער צוגעשריבן דער קאָמפּלי־צירטער און עם־האַרצישער ביוראָקראַטיע, וואָס פּלאַנירט סתם אין דער וועלט אַריין, איגנאָרירנדיק די אָרטיקע ספּעציפישע באַדינגונגען. די גאַנצע איניציאַטיוו קומט נאָר פון אויבן און נישט פון די דירעקט־פאַראינטערע־סירטע קאָלכאָזניקעס. זיי האָבן מורא צו עפענען דאָס מויל.

באַלד ביים ערשטן געשפּרעך האָט זיך יעגאָראָוו פאַר מיר נישט זשעניערט און געגעבן מיר צו פאַרשטיין, אַז פון 800 רובל אַ חודש קען ער נישט לעבן און די טראַקטאָריסטן דאַרפן אים אַ ביסל העלפן. אָבער אויך ער פון זיין זייט איז גרייט אונדז צו העלפן אויף פאַרשידענע אופנים. ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך ווייס נישט גענוי אין וואָס עס קען באַשטיין זיין הילף פאַר אונדזער בריגאַדע, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

וויפל בתולה־העקטאַרן זענען דאָ אין די קאָלכאָזן, אין וועלכע עס אַרבעט אייער בריגאַדע (ער האָט געמיינט וויפל העקטאַרן זענען בכלל נאָך קיינמאָל נישט באַאַרבעט געוואָרן).

אַ ווײַלע בין איך געבליבן זיצן אַ דעזאָריענטירטער און איבעראַשטער און דאַן געענטפערט מיט אומזיכערקייט: „אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען אין קאָלכאָז בכלל נישטאָ קיין שטחים, וואָס זענען נאָך נישט באַ־אַרבעט געוואָרן. יעדעס שטיקל ערד ווערט פאַראַקערט און פאַרזייט".

יעגאָראָוו האָט געדולדיק אויסגעהערט מיין נאַיווע תשובה און גע־שמייכלט. אויב עס זענען נישטאָ קיין בתולה־שטחים דאַרף מען זיי געפינען. אויב נישט, וועט זיין זייער שלעכט פאַר אייך און פאַר אונדז. מיר וועלן נישט קענען אויספירן אונדזערע פּלענער און אוודאי שוין נישט קענען זיך אויסצייכענען מיט וועלכע עס איז דערגרייכונגען.

אין וואָס האָבן געזאָלט באַשטיין די גרויסע דערגרייכונגען?

אין מ.ט.ס. זענען געווען פעסטגעשטעלט אַרבעטס־נאָרמעס פאַר די טראַקטאָרן אָפּהענגיק פון דער קוואַליטעט פון דער באַאַרבעטער ערד.

אויף אַ ווייכער ערד האָט דער טראַקטאָר, צום ביישפּיל, פאַרברויכט לויט דער פעסטגעשטעלטער נאָרמע 18 ליטער נאַפט, אויף האַרטער ערד — 24 ליטער און אויף בתולה־ערד, וואָס איז צום ערשטן מאָל געאַקערט געוואָרן — 32 ביז 34 ליטער. אָבער די דאָזיקע נאָרמעס אויף דער ווייכער ערד זענען קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן צוליב דעם פאַר־מאַגנטן שלעכטן צושטאַנד פון די מאַשינען. מען האָט פאַרברויכט מער נאַפט ווי דער מ.ט.ס. האָט באַשטימט לויט זיינע נאָרמעס. פאַר דער אָנפירונג פון מ.ט.ס. איז דאָס געווען אַ גרויסע צרה, ווייל זי האָט נישט געקענט ווייזן אירע דערגרייכונגען ביים איינשפּאָרן ברענשטאָף, וואָס איז געווען זייער וויכטיק אין דער צייט פון מלחמה.

האָט דער הויפּט־אַגראָנאָם מיט דער הסכמה פונעם דירעקטאָר און הויפּט־בוכהאַלטער געפונען אַ טיפּיש סאָוויעטישע לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם. די באַאַרבעטע ערד אין די 4 קאָלכאָזן, אין וועלכע איך האָב געאַרבעט האָט באַטראָפן בערך 8000 העקטאָר. האָב איך אין מיינע באַריכטן אָנגעגעבן, אַז אין יעדן קאָלכאָז האָט מען פאַראַקערט 200—250 העקטאָר בתולה־ערד. דאָס איז, פאַרשטענדלעך, געווען אַ שקר, ווייל יעדעס שטיקל פריי ערד איז באַאַרבעט געוואָרן שוין במשך פון יאָרן, אָבער די דאָזיקע 1000 העקטאָר ערד האָבן דערמעגלעכט צו העכערן די נאַפט־נאָרמע אויף 32—34 ליטער פאַר אַ העקטאָר. כדי צו ווייזן דער מדינה, אַז מיר זענען גרויסע פּאַטריאָטן און געוואַלדיקע אָפּשפּאָרער, האָב איך אָנגעגעבן, אַז מיר האָבן פאַרברויכט אויף אַ בתולה־העקטאָר נישט 34, נאָר 28 ליטער נאַפט. אַזוי האָב איך „איינגעשפּאָרט" אַ שיינע פּאָר טאָן נאַפט, פאַר וועלכע די אָנפירונג פון מ.ט.ס. און אויך איך האָבן מיר באַקומען דאַנק־בריוו און געלט־פּרעמיעס.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. די קאַרפּן־קעפּ פון מ.ט.ס. זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אַ פעטן ביסן, האָבן זיי מיר אָנגע־דייט, אַז עטלעכע טאָן נאַפט דאַרף מען פאַרקויפן די קאָלכאָזן אין וועלכע מען אַרבעט, כדי די איינוווינער זאָלן, חלילה, נישט זיצן אין דער פינצטער. פאַר אַ טאָן נאַפט האָט מען פון קאָלכאָז באַקומען אַ האַלבע טאָן ווייץ, וואָס האָט אויפן פרייען מאַרק געהאַט דעם ווערט פון 50.000 רובל.

אויף אַזאַ אופן זענען די קאָלכאָזן געווען די הויפּט־אָפּנעמער פון דעם „לינקן" נאַפט, וועלכער איז אויך פאַרברויכט געוואָרן אויפן שוואַרצן מאַרק פון אורא־טיובע און אַנדערע שטעטלעך. איך געדענק נישט ווען די באַפעלקערונג האָט במשך פון די מלחמה־יאָרן באַקומען אַ נאַפט־צו־טיילונג. טראָץ דעם איז קיינער נישט געזעסן אין דער פינצטער. אויפן קליינעם מאַרק אין אורא־טיובע זענען געזעסן טאַדזשיקן מיט גרויסע קאַנעס און פאַרקויפט נאַפט פאַר 40—50 רובל אַ ליטער. קיינער האָט זיי נישט געפרעגט ווו זיי האָבן גענומען דעם נאַפט. אָבער די קאָנטראָלאָרן האָבן געוווּסט פון וואַנען עס שטאַמט די דאָזיקע סחורה. אויך זיי זענען געווען שותפים צו די, פון וועלכע יעדער האָט באַקומען זיין חלק.

אין די טראַנזאַקציעס האָט אַ וויכטיקע ראָל געשפּילט דער הויפּט־בוכהאַלטער פון מ.ט.ס. — יעפימאָוו, אַ טאַטאַר פון אַ יאָר 50, וועלכער איז מיט 15 יאָר צוריק פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַדזשיקיסטאַן צוליב אַ מסירה פון אַ „גוטן פריינט". דער דאָזיקער פריינט האָט, ווי עס איז דער שטייגער אין ראַטנפאַרבאַנד, צוגעטראָגן דער נ.ק.וו.ד., אַז יעפימאָוו האָט געמאַכט אַ פּאָר „קאָמפּלימענטן" אויפן אַדרעס פון סטאַליניסטישן רעזשים.

יעפימאָוו האָט נאָך געהאַט אַ גרויס מזל וואָס מען האָט אים נישט פאַראורטיילט אויף לאַנגע יאָרן אַרבעטס־לאַגער אין וויַיטן סיביר. דאָס איז פּשוט געווען אַ צופאַל. ער אַליין האָט געזאָגט, אַז מיט אים איז ממש געשען אַ נס. אין אַזעלכע פאַלן האָט די נ.ק.וו.ד. געהאַנדלט זייער ריקזיכטלאָז, אַפילו ווען זי האָט זיך געשטיצט נאָר אויף איין עדות. אין טאַדזשיקיסטאַן האָט יעפימאָוו נישט געהאַט קיין גרויסע אַרבעטס־פּראָבלעמען, ווייל ער איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער בוכהאַלטער און אַזעלכע האָבן געפעלט אין דער רעפּובליק. אין יעדער שטאָט האָט ער געקענט באַקומען אַ גוטע אַרבעט. ער האָט אָבער אויסגעוויילט אורא־טיובע צוליב אירע קלימאַטישע אייגנשאַפטן.

יעפימאָוו איז נישט געווען פאַרהייראַט און נישט געהאַט קיין פאַמיליע אין טאַדזשיקיסטאַן. ער האָט געפירט אַ באַשיידן, איינזאַם לעבן, הגם ער האָט גוט פאַרדינט און קיין געלט האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט. ער האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסע, אָבער קיין שיכור איז ער נישט געווען. מיט זיינע חברים פון דער אַרבעט האָט יעפימאָוו גע־

רעדט נאָר וועגן עניִנים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זייערע פונקציעס. זינט ער האָט זיך אָפּגעבריט מיט זיין „פּריינט" איז ער געווען זייער פאָרזיכטיק אין קאָנטאַקטן מיט אַנדערע. ער האָט אויך געלעבט מיט אַן אינערלעכן פּחד, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט אויף אים אַ וואַכזאַם אויג.

צו מיר האָט ער געהאַט דעם פולן צוטרוי. אינסטינקטיוו האָט ער געפילט, אַז פאַר מיר דאַרף ער נישט מורא האָבן און ער קען מיט מיר רעדן וועגן אַלע פּראָבלעמען. יעפימאָוו איז געווען אַן אינטעליגענטער און באַלעזענער מענטש. ער האָט גוט געקענט די רוסישע קלאַסיקער און אַ טייל פון זיי ציטירט פון אויסנווייניק. ער האָט אויך דעקלאַמירט לידער פון טאָטערישע פּאָעטן.

דעם סטאַליניסטישן רעזשים האָט ער פיינט געהאַט תּכלית שנאה. ער האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער רעזשים איז אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן סאָוויעטישן פאָלק. ער איז נישט געווען קיין אַנטי־קאָמוניסט. פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער קאָמוניזם געווען דער בעסטער אויסוועג פאַר רוסלאַנד, אָבער דער קאָמוניסטישער רעזשים איז שוידערלעך פאַרקריפּלט געוואָרן אין דער סטאַליניסטישער תּקופה. ער האָט געזאָגט, אַז דער עצם פאַקט וואָס ער קען נישט רעדן מיט קיינעם וועגן אַקטועלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען באַווייזט ווי ווייט דער רעזשים האָט זיך אַראָפּגעקייקלט און ווי ווייט ער האָט מורא פאַר דער קלענסטער קריטיק.

אין איינעם אַ טאָג אין זומער 1944 האָט זיך יעפימאָוו איבערגעגעסן, אָדער געכאַפּט אַן איבעריקע כוסע און באַקומען אַ קישקע־פאַרדרייאונג. מען האָט אים גלייך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. די אָפּעראַציע איז געלונגען און יעפימאָוו וואָלט באַשטימט געזונט געוואָרן, ווען עס געשעט נישט מיט אים קיין אומגליק־פאַל. די באַדינונג אין שפּיטאָל איז געווען זייער אַ פּרימיטיווע. מען האָט זיך פּשוט נישט אומגעקוקט אויף די קראַנקע. זיי האָבן שעהנלאַנג געקענט ליגן אָן אַ גלאָז טיי, אָדער אַנדערן געטראַנק. די אָנקלאַגעס האָבן נישט געהאָלפן, ווייל איינער האָט געדעקט דעם צווייטן.

נאָך דער אָפּעראַציע האָט יעפימאָוו געהאַט די גאַנצע צייט אַ שטאַרקן דורשט. איך האָב אים באַזוכט אין שפּיטאָל און אים מיטגעבראַכט טיי.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע, האָט ער זעט אויס, געהאַט אַ שטאַרקן דורשט און ווען קיינער האָט אים נישט געגעבן אַ ביסל וואַסער, האָט ער באַשלאָסן זיך אַליין באַזאָרגן מיט אַ טרונק. ווען ער איז אַראָפּ פון בעט, איז געשען דאָס אומגליק: די פרישע נעט האָבן געפּלאַצט און ער איז אַוועקגעפאַלן מיט די קישקעס אין דרויסן. דער אַליאַרמירטער כירורג האָט אים נישט געקענט ראַטעווען, אַ פּאָר שעה שפּעטער איז יעפימאָוו געשטאָרבן.

איך באַקום אַ ביס פון אַ געפערלעכן סקאָרפּיאָן

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פון די תבואות איז דאָס גאַנצע דאָרף מאָביליזירט געוואָרן צו דער פעלד־אַרבעט: מענער, פרויען און קינדער. כמעט אַלע האָבן פאַרלאָזט די הייזער און מיט לאַסט־אויטאָס, פורן און אייזלען אַוועק אין די פעלדער, וואָס זענען געלעגן ביי 15—20 קילאָמעטער פון קאָלכאָז. וואָלט דער קאָלכאָז געהאַט גענוג אייגענע טראַנספּאָרט־מיטלען, וואָלט מען געקענט יעדן טאָג פירן די קאָלכאָזניקעס צו דער אַרבעט. אָבער ווער האָט דאָרט געטראַכט וועגן אַזעלכע „קלייניקייטן" ווי האַלטן די באַפעלקערונג אומנויטיק אין שווערע פעלד־באַדינגונגען במשך פון לאַנגע וואָכן.

עס וואָלט בכלל נישט געווען נייטיק צו מאָביליזירן די גאַנצע באַפעלקערונג פון דאָרף ביים אַראָפּנעמען די תבואה, ווען די מ.ט.ס. וואָלט געזאָרגט, אַז כאָטש אין די דאָזיקע טעג פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, זאָלן די מאַשינען זיין געהעריק צוגעגרייט. אָבער יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק זענען זיי קאַליע געוואָרן און נישט שטענדיק זענען געווען די נויטיקע רעזערוו־טיילן, כדי זיי צו פאַרריכטן. און ווען עס קומט די שניט־צייט קען מען נישט וואַרטן קיין טעג, ווייל די טאַדזשיקישע זון ברענט און טריקנט אויס די זאַנגען אַזוי ווייט, אַז די קערנדלעך שיטן זיך אויס און דעמאָלט איז דער פאַרלוסט אַ גרויסער. אחוץ דעם זענען די גערעטענישן בדרך כלל געווען אָרעמע צוליב די פרימיטיווע אַרבעטס־

מעטאָדן: קיין קינסטלעכע באַמיסטיקונג האָבן די קאָלכאָזן אײַנגאַנצן נישט באַנוצט און די באַוואַסערונג איז אויך געווען אַ שוואַכע. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס אויף הונדערטער העקטאַר זענען די זאַנגען געווען אַזעלכע נידעריקע, אַז מיט קאָמביינען האָט מען זיי נישט גע־קענט אַראָפּנעמען. האָט מען דעריבער מאָביליזירט דעם גאַנצן קאָלכאָז צו שניידן די תבואה מיט קאָסעס.

במשך פון אַ פּאָר וואָכן האָט די מערהייט פון דער קאָלכאָז־באַפעל־קערונג געלעבט אין די פּרימיטיוויסטע פעלד־באַדינגונגען. די אַרבעט איז אײַנגעטיילט געוואָרן לויט בריגאַדעס און יעדע בריגאַדע האָט געהאַט איר אכסניה אונטערן פרייען הימל, וווּ זי האָט גענעכטיקט און געגעסן נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. יעדע בריגאַדע האָט געפירט אַ קיך פאַר אירע מענטשן. איינמאָל אין טאָג, אין אָוונט האָט מען די קאָלכאָזניקעס געגעבן אַ וואַרעמע מאָלצײַט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ זופּ מיט אַ שטיקל פלייש. דער קאָלכאָז האָט אויך געגעבן פּיטעס, אָבער יעדע פאַמיליע האָט זיך באַזאָרגט מיט אייגענע פּיטעס, ראַזשינקעס און פּרוכטן פון דער פּריוואַטערווירטשאַפט.

במשך פון די פּאָר וואָכן האָט זיך קיינער נישט געוואַשן, ווייל דאָס ביסל וואַסער אין פעלד איז געווען ביז גאָר באַגרענעצט און באַשטימט נאָר צום טרינקען. עס איז אויך נישט געווען קיין שום אײַנריכטונג, ווו מען זאָל זיך קענען אָפּוואַשן, הגם יעדעס יאָר האָט זיך די דאָזיקע אַרבעט איבערגעחזרט. ווען איך האָב אַמאָל גערעדט וועגן דעם מיט דער אָנפירונג פון קאָלכאָז, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי אַ נישט נאָרמאַלן. זיי האָבן זיך פּשוט געוווּנדערט ווי אַזוי עס קען אײַנפאַלן אַ געזונטן מענטש אַזאַ משונהדיקער געדאַנק ווי אויפשטעלן אין פעלד טוש־אײַנריכטונגען, ווו די אַרבעטער זאָלן זיך קענען אָפּפרישן נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין הייסע זומער־טעג.

אין די טעג פון שניט האָב איך אויך פאַרבראַכט טעג און נעכט אויפן פעלד מיט אַ טייל פון דער טראַקטאָריסטן־בריגאַדע. יעדע פאַר טעג האָט מען באַדאַרפט אויסמעסטן די פעלדער פון וועלכע מען האָט אַראָפּגענומען די תבואה, כדי צו באַריכטן דעם מ.ט.ס. וועגן גאַנג פון דער אַרבעט.

איין נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן ווייט אין פעלד מיט אַ גרופּע קאָלכאָזניקעס, וואָס האָבן געדאַרפט צומאַרגנס אין דער פרי אַרבעטן ביים קאָמביין. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און קילע. אַלע זענען מיר געשלאָפן אויף דער ערד אויסגעבעט מיט אַ פּאָר שעפּסן-פעלן פון קאָלכאָז. מידע און אויסגעשעפּטע פון דער שווערער טאָג-אַרבעט זע־נען מיר אַלע געשלאָפן ווי דערהרגעטע. פּלוצים האָב איך דערפילט אַ שטאָך אין לינקן פוס. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז איך האָב באַקומען אַ שטאָך פון אַ שפּיציקער פעלד-קוסטע. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב דערפילט דעם ווייטיק אין גאַנצן פוס, ווי מען וואָלט מיך געשטאָכן מיט טויזנט נאָדלען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועט פאַרביי. אָבער די ווייטיקן זענען געוואָרן שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. איך האָב אָנגעהויבן קרעכצן העכער און העכער ביז דער ברי־גאַדיר, וואָס איז געשלאָפן נעבן מיר, האָט זיך אויפגעוועקט. ער האָט גלייך פעסטגעשטעלט דעם דיאַגנאָז: איך האָב באַקומען אַ ביס פון אַ סקאָרפּיאָן. אין דער היגזיכט האָבן די טאַדזשיקן געהאַט אַ גרויסע דער־פאַרונג, ווייל נישט איינער איז געפאַלן אַ קרבן פון סקאָרפּיאָנען. זעענדיק ווי איך קייקל זיך פון די שווערע ווייטיקן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די געפאַר איז גרויס און גלייך מיך אַפּגעפירט אין דאָרף אַריין אויף זיין פערד. דאָס איז נישט געווען קיין פּשוטער ענין. איך בין געווען כמעט אינגאַנצן מאַכטלאָז און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. עס איז דערי־בער נישט געווען קיין אַנדערע ברירה און ער האָט מיך צוגעבונדן צו זיך אויף קנאַפּע דריי שעה. און אַזוי זענען מיר לאַנגזאַם געריטן אויף זיין פערד. נאָר זיין דערפאַרונג אַלס רייטער האָט אונדז געראַטעוועט, אַז מיר זענען ביידע נישט אַראָפּגעפאַלן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף האָט שוין אין דרויסן געטאָגט. איך בין געווען כמעט אינגאַנצן באַוווסטלאָז. דער בריגאַדיר איז גלייך פאַרפאָרן צום הויז, אין וועלכן עס האָט געוווינט די קראַנקן-שוועסטער וואַלענטינאַ. ער האָט זי אויפ־געוועקט און איר דערציילט וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט. זי איז גלייך אוועק אין אַמבולאַטאָריום און פון דאָרט געבראַכט אַ מאָרפיום-איינשפּרי־צונג. כדי קודם-כל צו באַזייטיקן די שוידערלעכע ווייטיקן.

די מאָרפיום-איינשפּריצונג איז פאַר מיר געווען די ערשטע רעטונג.

אַ דאַנק דעם האָב איך געקענט אויסהאַלטן די פּאָר שעה ביז מען האָט מיך באַלד אין דער פרי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אין אוראַ־טיובע.. וואַ־לענטינאַ איז געווען באַפריינדעט מיט אונדז און זי האָט מיך באַגלייט אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט געוווּסט מיט וואָס פאַראַ געפאַר עס איז פאַרבונדן אַ ביס פון אַ סקאָרפּיאָן און וויפל מענטשן אין דער סביבה זענען געשטאָרבן פון דעם געפערלעכן סם, צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט באַקומען די נויטיקע הילף אין דער ריכטיקער צייט.

וואַלענטינאַ איז געווען אַ 25־יאָריק בלאָנד רוסיש מיידל, וואָס איז דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן דורך דער מלחמה. זי האָט געשטאַמט פון קורסק. דאָרט איז געבליבן איר גאַנצע פאַמיליע. זי איז אָנגעקומען קיין טאַדזשי־קיסטאַן מיט אַ גרעסערער גרופּע פאַרוווּנדעטע זעלנער. נאָך דעם האָט מען זי באַפרייט פון דער שפּיטאָל־אַרבעט און געשיקט אַלס לייטערין פון אַמבולאַטאָריום, וואָס האָט באַדינט 4 קאָלכאָזן. קיין טאַדזשיקיש האָט זי נישט געקענט און זי האָט זיך שטענדיק געגוויטיקט אין דער הילף פון אַן איבערזעצער. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געשטערט אירע דירעקטע קאָנטאַקטן מיט די פּאַציענטן. נישט געקוקט דערויף האָט מען זי שטאַרק ליב געהאַט צוליב איר געמיטלעכקייט, גוטמוטיקייט און העלפעכקייט. זי האָט געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן געדולד צו אירע פּאַציענטן און אַ סך פון זיי באַזוכט אין זייערע היימען, כדי צו העלפן זיי מטפּל זיין זיך מיט די קליינע קינדער, וועלכע האָבן געליטן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן צוליב די שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען.

ווען קאָמיסאַראָוו איז אָנגעקומען אין קאָלכאָז מיט זיין בריגאַדע האָט ער גלייך געוואָרפן אַן אויג אויף דער שלאַנקער, שיינער וואַלענטינאַ, וואָס איז געווען העכער פאַר אים. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט פון ערשטן בליק און פון איר מער נישט אָפּגעטראָטן. יעדע פרייע מינוט האָט ער אויסגענוצט, כדי צו זיין אין איר געזעלשאַפט. ער האָט זי אַפּט מיטגענומען אין שטאָט אַריין און איר געקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק פאַרשידענע מתנות. אויך זי איז נישט געבליבן גלייכגילטיק צו קאָ־מיסאַראָוון, אָבער דער ליבע־פּראָצעס איז ביי איר נישט געווען קיין שטורמישער. אירע געפילן צו דעם בלאָנדן בחור מיט די בלויע דורכדרינ־גענדיקע אויגן האָבן זיך בהדרגה צעשפּילט. זי האָט רעספּעקטירט זיין

אַרבעטזאַמקייט, פּאַכמענישע קענטעניש און אויטאָריטאַטיווע האַנדלונג. אָבער איין דערשיינונג האָט זי באַקעמפט מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנ־קייט: שכרות. זי איז ממש אַנטלאָפן פון אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער מען האָט געטרונקען נישט צוליב פאַרגעניגן, נאָר כדי זיך אָנצושיכורן. קאַ־מיסאַראָוו האָט געוווּסט, אַז מיט אַן איבעריקער כוסע קען ער זי פאַר־לירן, האָט ער זיך טאַקע געהיטן נישט איבערצוכאַפּן די מאָס, ספּעציעל אין איר געזעלשאַפט.

נאָך אַ האַלב יאָר פון הייסער ליבע האָבן זיי חתונה געהאַט. וואַלענ־טינאַ האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין קאַלכאָז און האָט זיך איבערגע־צויגן אין שטאָט אַריין. אַלע קאַלכאָזניקעס האָבן דאָס זייער באַדויערט.

אין שפּיטאָל בין איך געלעגן אַכט טעג. איך האָב באַקומען ספּעציעלע איינשפּריצונגען אויף שוויצן, כדי מיטן שווייס זאָל אַרויס דער סם פון קערפּער. דער דאָקטאָר האָט מיר דערציילט, אַז אין די פריערדיקע צייטן האָבן די טאַדזשיקן אָנגעווענדט אַן אייגנאַרטיקע באַהאַנדלונג אין פאַל, ווען מען האָט באַקומען אַ ביס פון אַ סקאָרפּיאָן. דעם געביסענעם האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ קאַמער מיט שעפסן, וווּ די טעמפּעראַטור איז געווען זייער אַ הויכע. דער קרבן האָט אַזוי לאַנג געשוויצט ביז דער סם איז אַרויס פון קערפּער מיטן שווייס. אָבער נישט שטענדיק האָט דאָס געהאָלפן. נישט איינמאָל איז די הילף געקומען צו שפּעט. אַמגע־פערלעכסטן איז דער סקאָרפּיאָן אין חודש אויגוסט, ווען עס ווערן צייטיק די שוואַרצע ווייַנטרויבן. דער סם איז דאַן זייער שאַרף און עס איז כמעט נישטאָ קיין רעטונג. מיין מזל איז געווען וואָס איך האָב באַקומען אַ ביס פון אַ סקאָרפּיאָן אַ פּאָר וואָכן איידער די שוואַרצע ווייַנטרויבן זענען געוואָרן רייף.

ווען איך בין נאָך 10 טעג צוריקגעקומען אין קאַלכאָז אַריין האָט מיך דער פּרעדסעדאַטעל פון „אישטימאַיאַד”־קאַלכאָז אויפגענומען מיט אַ פייערלעכן פּלאָוו צו וועלכן ער האָט איינגעלאַדן די טראַקטאָריסטן, דעם בריגאַדיר, און די קראַנקן־שוועסטער וואַלענטינאַ, אַלע וועלכע האָבן גע־האָלפן צו ראַטעווען מיך פון דער געפאַר.

עובדיה פעלד

דאָס איבעררייסן די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער שיקאָרסקי־רעגירונג

דאָס איבעררייסן די באַציאונגען צווישן דער שיקאָרסקי־רעגירונג און דעם ראַטנפאַרבאַנד צוליב דער טרויעריקער קאַטין־פּרשה, איז אָן שום ספק געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר אַלע פּוילישע בירגער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. דאָס אַנטפּלעקן דורך די דייטשן די מאַסן־קברים פון 10.000 פּוילישע אָפיצירן אין די קאַטי־נער וועלדער האָט אויפגעשטורעמט די פּוילישע בירגער, ספּעציעל די פּאַליאַקן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אַלע פרייע לענדער. נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון דער פרייער וועלט, זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן דער רעאַקציע פון דער וועלט־פּרעסע אויף דעם שווערן פאַרברעכן.

אין יענע טעג זענען נאָך געווען ספקות וועגן דער שוידערלעכער פּרשה. מען האָט נאָך געטענהט, אַז דאָס איז אַ היטלעריסטישע פּראָוואָ־קאַציע, כדי אַריינצוברוקן אַ קלין צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די אַלי־אירטע גרויסמאַכטן. אין ברען פון דער שווערער מלחמה קעגן די היט־לעריסטישע בעסטיעס איז כמעט אוממעגלעך געווען געגנוי אויסצופאָרשן ווער עס איז באַגאַנגען דאָס פאַרברעכן. די רעגירונגען פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און אַזיל־רעגירונג פון פראַנקרייך האָבן נישט געוואָלט אַריין אין אַ קאָנפליקט מיטן ראַטנפאַרבאַנד צוליב דער קאַטין־פּרשה, אין מאָמענט, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אויסגעטראָגן די הויפּט־לאַסט פון דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ פאַרנונפטיקע האַנדלונג אין גורלדיקן געראַנגל צווישן דער פרייער וועלט און דעם באַרבאַרישן רעזשים, וואָס האָט געוואָלט פאַרשקלאַפן די מענטשהייט און פאַרניכטן גאַנצע פעלקער.

די שיקאָרסקי־רעגירונג האָט אַנדערש געהאַנדלט, ווייל דאָס האָט זי דירעקט אַנגערירט. זי איז אפשר געווען די איינציקע רעגירונג אין מערב, וועלכע איז אין יענע טעג געווען טיף איבערצייגט, אַז דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן נישט דורך די דייטשן, נאָר דורך די סאָוויעטן. די פּוילישע בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אין יענע טעג נישט געהאַט

די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער קאַטין־פּרשה, אָבער מיר האָבן געוווסט, אַז די נ.ק.וו.ד. איז פּעאיק צו אַלעמען. זי האָט קאַלטבלוטיק ליקווידירט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן אין כלערליי אומשטענדן, איז פאַר איר נישט געווען קיין גרויסע אָנ־שטרענגונג אומצוברענגען 10 טויזנט „פּוילישע פאַשיסטן".

אַ פּאָר וואָכן נאָכן איבערייסן די באַציאונגען האָבן די פּוילישע בירגער גלייך דערפילט, אַז עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן און די באַציאונג צו די פּוילישע בירגער ענדערט זיך לרעה.

קודם־כל זענען פאַרמאַכט געוואָרן די קאָנסולאַטן און הילפס־אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין די צענדליקער שטעט, אין וועלכע עס האָבן געלעבט פּוילישע בירגער. די דאָזיקע הילפס־פּונקטן האָבן גע־ראַטעוועט טויזנטער פּוילישע בירגער פון הונגער, נויט און אין פיל פאַלן אויך פון אַ זיכערן טויט צוליב די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין הינטערלאַנד פון ראַטנפאַרבאַנד.

עס זענען אויך געווען אַ סך פאַלן, ווען די הילף איז געקומען צו שפּעט. דאָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער חבר חיים יווילער, מיינער אַ לאַנגיאָריקער יוגנט־פריינט, וועלכער האָט דערצויגן צענדליקער מייד־לעך און ייִנגלעך אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" אין לובלין. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע און איז אויפגעוואַקסן אין לוקסוס־באַדינגונגען אין פאַרגלייך צו די מאַ־טעריעלע באַדינגונגען אין וועלכע עס האָט דאַן געלעבט די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער יוגנט.

חיים יווילער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערודיציע, איינגע־בוירענער אינטעליגענץ און אידעאָלאָגישער קאָנסעקוועטקייט. ער האָט טיף געגלויבט, אַז דער ציוניזם איז דער איינציקער וועג צו לייזן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידישן פאָלק. ער האָט געפירט שאַרפע און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס מיט זיינע קאָלעגן, וועלכע זענען אַראָפּ פון „גלייכן וועג" און זיך אָנגעשלאָסן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט דאַן פּרעטענדירט צו לייזן אַלע פּראָבלעמען, איינ־שליסלעך די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק.

איך ווייס נישט אין וועלכן לאַגער חיים יווילער איז פאַרוואָרפן

געוואָרן צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע פּוילישע בירגער. ער איז באַשטימט אַרויס פון לאַגער אַ פיזיש צעבראָכענער מענטש, ווייל ער איז שטענדיק געווען אַ שוואַכער און קרענקלעכער. מיר האָבן נישט געהאַט מיט אים קיין שום קאָנטאַקט און נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך. ערשט נאָך זיין טראַגישן טויט זענען מיר געוווויר געוואָרן, אַז נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער האָט מען אים געזען אַרומגיין אויף די טאַשקענטער גאַסן אין שמאַטעס מיטן באַרימטן בלעכענעם קענדל אין דער האַנט, וואָס איז אין יענע טעג געווען דער סימבאָל פון נויט און הונגער.

מען האָט מיר דערציילט, אַז זיין אויסזען איז געווען אַזוי אָפּשטויסנדיק, אַז מען האָט אים נישט צוגעלאָזט צום פּאַרזיצער פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין טאַשקענט, וועלכער איז געווען אַ פריינט פון יוווילערס פאָטער. ווען ער האָט שוין יאָ זוכה געווען, אַז מען זאָל אים אויפנעמען, איז די הילף געקומען צו שפּעט. ער איז געווען פולשטענדיק אויסגעמאַטערט פון דער דיזענטעריע און טיפוס. זיין שוואַכער קערפּער האָט דאָס נישט אויסגעהאַלטן און ער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. מיר האָבן באַוויינט דעם טויט פון אונדזער חבר חיים יוווילער, וועלכן מיר האָבן נישט באַוויזן צו העלפן אין זיין טראַגישער לאַגע.

די ליקווידאַציע פון פּוילישן הילפס־פּונקט אין דער קרייז־שטאָט לענינאַבאַד איז געווען זייער אַ שנעלע און אָן שום צערעמאָניעס. מען האָט דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. אין לענינאַבאַד איז אַריינגעקומען אין בנין פון דער פּוילישער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין דער געזעלשאַפט פון אַ פּאָר הויכע אָפיצירן, געוואָרפן אַ בליק אויפן פּוילישן אָדלער און געזאָגט: „אַנוקאַ, סנימיטיע עטו קוריצו”. (אַלזאָ, וואַרפט אַראָפּ דאָס הינדל). במשך פון אַ שעה צייט איז אַלץ ליקווידירט געוואָרן.

אַ וואָך שפּעטער האָט די נ.ק.וו.ד. אָנגעהויבן איינלאַדן צו זיך פּוילישע בירגער און זיי אַרויסגעבן סאָוויעטישע דאָקומענטן (אודאָסוואָרעניעס) אויפן אָרט פון די צייטווייליקע דאָקומענטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען בעתן באַפרייען אונדז פון די לאַגערן און אין וועלכע עס איז געווען אָנגעוויזן אונדזער פּוילישע בירגערשאַפט. אַ סך פון אונדז האָבן אויסגעטייטשט דעם שריט פון דער סאָוויעטישער מאַכט אַלס נקמה־אַקט

קעגן דער שיקאָרסקי־רעגירונג און אַלס ווילן אַנצוואַרפן די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. די דאָזיקע השערה האָט זיך שנעל באַשטעטיקט, ווייל אין פיל ערטער האָט מען אָנגעהויבן מאָביליזירן פוילישע בירגער אין דער רויטער אַרמיי און אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען, הגם אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן שנעלער צו אָרגאַניזירן די פוילישע אַרמיי פון די פּראָ־קאָמוניסטן בראָש מיט וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ. אין דער זעלבער צייט האָט די שיקאָרסקי־רעגירונג צוגעאײַלט די עוואַקואַציע פון די רעשט־לעך פון דער אַנדערס־אַרמיי, מורא האָבנדיק, אַז די רוסן זאָלן נישט אין לעצטן מאָמענט שליסן די אַרויספאָר־טויערן.

אויך אין אורא־טיובע האָט מען מאָביליזירט פוילישע בירגער אין דער רויטער אַרמיי און אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. אין דער פּראַגע איז נישט געווען קיין קלאָרע פּאָליטיק און גענויע אינסטרוקציעס. די לינקע האַנט האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט די רעכטע. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פון צופעליקע אומשטענדן און פון אַ ביסל מזל. עס איז נישט געווען באַוווּסט פאַרוואָס מען שיקט איינעם אין דער רויטער אַרמיי און דעם צווייטן אין „סטרוי־באַטאַליאָן" (אַרבעטס־באַטאַליאָנען). אין יענע טעג האָט אויך געאַרבעט דער כאַבאַר־אַפּאַראַט און פאַר אַ פּאָר טויזנט רובל האָט מען געקענט מבטל מאַכן די גזירה פון גיין אין סטרוי־באַ־טאַליאָן, אויב מען האָט געפונען דעם ריכטיקן „מאַכער".

מיינע צוויי שוואָגערס זענען אין זומער 1943 מאָביליזירט געוואָרן אין סטרוי־באַטאַליאָן און נישט אין דער רויטער אַרמיי. מען האָט זיי אָפּגעשיקט קיין טשעלאַבינסק מיט אַ גרופּע פוילישע בירגער, עלטערע רוסן און טאַדזשיקן. בדרך כלל האָט מען אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען געשיקט עלטערע מענטשן, וועלכע זענען נישט געווען פעאיק צוליב פאַר־שידענע סיבות צום אַקטיוון מיליטערישן דינסט. די רעגירונג האָט זיך געניוויטיקט אין הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין די סיבירער שטעט, כדי צו לאָזן אין גאַנג די ריזיקע אונטערנעמונגען, וואָס זענען עוואַקואירט געוואָרן פון די אייראָפּעישע געביטן, וועלכע זענען אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. יעדע רעגירונג וואָלט אין די געגעבענע באַדינגונגען געטאָן דאָס זעלבע, אָבער נישט אויף אַזאַ פאַרברעכערישן אופן ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען.

כמעט אין אַלע אַרבעטס־באַטאַליאָנען האָט געהערשט אַ שקלאַפן־רעזשים. די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען געווען אונטער יעדער קריטיק. מען האָט געאַרבעט 8 ביז 12 שעה אין טאָג אין שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען און ביי אַ הונגער־פּאַרפּלעגונג. דער סאָוויעטישער רעזשים האָט באַהאַנדלט זיינע אייגענע בירגער ווי זיי וואָלטן געווען די ערגסטע שונאים פון דער מדינה. דאָס איז אַ טעמע פאַר היסטאָריקער און פּסיכאָלאָגן. דער אוממענטשלעכער סטאַליניסטישער רעזשים האָט פאַרוואַנדלט די אַרבעטס־באַטאַליאָנען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. טויזנטער זענען געשטאָרבן פון אויסמאַטערונג, קעלט און הונגער און צענדליקער טויזנטער זענען געוואָרן כראָניש־קראַנקע און אינוואַלידן אויפן גאַנצן לעבן.

איך געדענק, אַז פון די קאַלכאָזן אין וועלכע איך האָב געאַרבעט האָט מען געשיקט צענדליקער עלטערע טאַדזשיקן אין די סיבירער שטעט צו אַרבעטן אין די גרובן, אָדער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דער איבערגאַנג פון אַ הייסן קלימאַט צום קאַלטן סיבירער קלימאַט ביינאַנד מיט די שווערע אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען, איז פאַר דער מערהייט פון זיי געווען אַ טויט־אורטייל. טראָץ דעם וואָס זיי זענען בדרך כלל געווען פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, האָבן זיי נישט געקענט אויסהאַלטן די שקלאַפן־באַדינגונגען און זיי האָבן זיך פיזיש צוזאַמענגעבראָכן. יעדע פאָר טעג איז אין די קאַלכאָזן אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן געשטאָרבענע אין די סטרוי־באַטאַליאָנען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געדריקטע שטימונג אין די קאַלכאָזן און די משפחות פון די געשטאָרבענע האָבן פאַר ווייטיק געשריגן ביזן הימל. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויפן פראָנט קען מען פאַלן. אָבער פאַרוואָס מען דאַרף שטאַרבן אין „סטרוי־באַטאַליאָן" האָבן זיי נישט געקענט משיג זיין. דאָס האָט ביי זיי נאָך מער פאַרטיפט די שנאה צום ברוטאַלן רעזשים.

מיינע שוואָגערס האָבן אייניקע מאָל געמאַכט פּרוּוון צו אַנטלויפן פון אַרבעטס־לאַגער און צוריקקומען קיין אורא־טיובע, אָדער זיך באַזעצן אין אַן אַנדערער שטאָט. אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן זיך פרייוויליק צו מאָביליזירן אין דער פּראָ־קאָמוניסטישער אַרמיי בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען גענעראַל בער־

לינג. זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז בעסער צו פאַלן אויפן פראָנט אין קאַמף מיט די היטלעריסטן, איידער צו שטאַרבן פאַר הונגער אין די סיבירער אַרבעטס־באַטאַליאָנען. ביידע זענען דורכגעגאַנגען אָפּי־צירן־קורסן און שפּעטער געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן ביז די היטלעריסטן האָבן קאַפּיטולירט. דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט און זיי האָבן דורכגעלעבט די שווידערלעכע מלחמה. מיר האָבן זיך מיט זיי גע־טראָפן, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד אין אונדזער היים־שטאָט לובלין.

אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם ווי מען האָט מאָביליזירט מיינע שוואָגערס און אַנדערע פּוילישע בירגער אין די סטרוי־באַטאַליאָנען, האָבן זיך אָנ־געהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די נ.ק.וו.ד. גיט אַרויס בירגערלאַזע־פּעסער (אַזוי גערופענע נאַנסען־פּעסער). די באַזיצער פון אַזעלכע פּע־סער האָבן צייטווייליק נישט שום בירגערשאַפט און לויטן סאָוויעטישן געזעץ קען מען זיי נישט נעמען אין דער רויטער אַרמיי, אָדער אַרבעטס־באַטאַליאָנען. נאָכן קריג וועלן די דאָזיקע בירגערלאָזע קענען פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און זיך באַזעצן אין יעדן לאַנד אין איינקלאַנג מיט זייערע ווונטשן.

ווער עס איז געווען דער איניציאַטאָר פון די דאָזיקע קלאַנגען האָט קיינער נישט געוווּסט. אין אורא־טיובע זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז אין לעגינאַבאַד זענען שוין דאָ אייניקע פערזאָנען מיט אַזעלכע פּאַס־פּאָרטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן אַרטיקן נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד., אַנדרעיעוו.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן קיין לעגינאַבאַד און אַליין קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון די קלאַנגען. אין לעגינאַבאַד בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ סך פריינט און חברים, מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן פאַר דער מלחמה און אויך אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. אַחוץ דעם בין איך אויך מיט לעגינאַבאַד געווען „געשעפטלעך" פאַרבונדן. היות איך האָב פאַר מיין אַרבעט אין די קאָלכאָזן אָפּגענומען מעל און אַנדערע לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן, האָב איך זיי געקענט פריי פאַרקויפן אויפן מאַרק. אין לעגינאַבאַד זענען ווייץ און מעל געווען אַ סך טייערער אויפן פרייען

מאַרק ווי אין אורא־טיובע און עס האָט זיך געלוינט צו פירן די פּראָ־
דוקטן מיט אַ לאַסט־אויטאָ אין דער גרויסער שטאָט. דאָס איז נישט
געווען קיין ספּעקולאַציע, ווייל דאָס זענען געווען לאַנדווירטשאַפטלעכע
פּראָדוקטן פון אייגענער פּראָצע.

אין לעגינאָבאָד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז נאָר אין דער שטאָט גיט
מען אַרויס די דאָזיקע „בעזגראַזשדאַנסקי"־פּאַסספּאָרטן און דאָס ווערט דער־
ליידיקט אויף אַ פאָרמעלן אופן. אָבער כּדי צו דערליידיקן דעם ענין אויפן
פאָרמעלן אופן דאַרף מען צוערשט זיך קאָנטאַקטירן מיטן „מאַכער",
וועלכער פאַרמיטלט צווישן דעם „קליענט" און דער נ.ק.וו.ד.

נאָך דעם ווי מען איז דורכגעקומען מיטן „מאַכער" וועגן פּרייז פון
דער טראַנזאַקציע האָט מען באַקומען דאָס „גרינע ליכט" צו גיין אין דער
נ.ק.וו.ד. און אויספילן די געהעריקע פאָרמולאַרן. די נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן
מיט אַנדרעיעוון בראָש האָבן שוין געוווּסט וועמען זיי דאַרפן אַרויסגעבן
די פּעסער און וועמען נישט. כּדי צו פאַרמאַסקירן די גאַנצע פּרשה האָבן
זיי אויך אַרויסגעגעבן אַ געוויסע צאָל פּאַסספּאָרטן אָן כאַבאַר און אָן די
„מאַכערס". אַזאַ פּאַספּאָרט האָט געקאָסט 10—15 טויזנט רובל. דאָס איז
געווען אַן ערנסטע סומע געלט פאַר מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט פון
אַ באַשטימטן לוין. נאָר געציילטע האָבן זיך געקענט דערלויבן אויס־
צוגעבן אַזאַ סומע אויף דעם „בעזגראַזשדאַנסקי" פּאַספּאָרט. עס איז שווער
פעסטצושטעלן וויפל אַזעלכע פּאַספּאָרטן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן
דורך אַנדרעיעוון. לויט דעם ווי מען האָט דערציילט, זענען אַרויסגעגעבן
געוואָרן אין לעגינאָבאָדער קרייז בערך 150 אַזעלכע פּאַספּאָרטן. אין
אורא־טיובע בין איך געווען דער איינציקער מיט אַזאַ פּאַספּאָרט, ווייל
לויט מיינע לעגאַלע פאַרדינסטן האָב איך מיר געקענט דערלויבן אויף
אַזאַ אויסגאַבע.

די פּראָצעדור פון אַרויסגעבן דעם פּאַספּאָרט האָט געדויערט ביי פיר
וואָכן און יעדער איינער האָט געדאַרפט פערזענלעך אָפּנעמען דעם דאָ־
קומענט. די סאָוויעטישע פּאָליציי האָט אומעטום רעספּעקטירט דעם דאָזיקן
פּאַספּאָרט. די באַזיצער פון די פּאַספּאָרטן האָט מען נישט מאָביליזירט
אין דער רויטער אַרמיי, נישט אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען און אויך נישט
אין דער פּראָ־קאָמוניסטישער פּוילישער אַרמיי.

אַ יאָר שפּעטער זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז אַנדרעיעוו איז פאַר־שווּנדן פון לעבינאַבאַד. די כאַבאַר־פּרשה מיט די פּאַספּאָרטן איז אויפ־געדעקט געוואָרן דורך די העכערע אינסטאַנצן, וואָס זענען, זעט אויס, נישט געווען קיין שותּפים צו דער טראַנזאַקציע און זיי האָבן באַשלאָסן צו באַזייטיקן אַנדרעיעוון פון זיין פּאָסטן. מען האָט אים אָפּגעשיקט אויפן פראָנט און אין לעבינאַבאַד האָבן זיינע פריינט דערציילט, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן אין די שלאַכטן ביי דער סאָוויעטיש־פּוילישער גרענעץ.

אין סעפּטעמבער 1943 יאָר האָב איך באַקומען אַ ידיעה פון מיינע פריינט אין לעבינאַבאַד, אַז אין דער שטאָט געפינט זיך מיין קוזין יצחק זיגעלוואַקס. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבעראַשנדיקע און גוטע בשורה. זינט דעם אויסברוך פון קריג האָב איך נישט געהאַט קיין שום ידיעה וועגן אים און נישט געוווּסט וועגן זיין גורל. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער נישט געווען אין לובלין. ער האָט זיך געלערנט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין וולאָדזשימיערזש. איך האָב אויך געוווּסט, אַז פון דער גרויסער און פאַרצווייגטער משפחה פון מיין מוטערס צד איז קיינער נישט אַוועק פון לובלין און בין דערריי־בער געווען איבערצייגט, אַז אַלע זענען זיי אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס, אַרבעטס־לאַגערן, אָדער אין געטאָ. האָב איך זיך דעריבער שטאַרק געפרייט, אַז איך האָב אים געפונען אַ לעבעדיקן.

צומאַרגנס בין איך גלייך אָפּגעפאָרן קיין לעבינאַבאַד. די באַגעגע־ניש צווישן אונדז איז געווען זייער אַ רירנדיקע. איך האָב אים געפונען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. ער איז געווען אויסגעהונגערט און שוידערלעך פאַרלויזט. די בגדים צעריסן און מיט לאַטעס פון פאַרשידענע קאָלירן. אויף די פיס האָט ער געטראָגן צעפליקטע שמאַטע־שיך פון וועלכע עס האָבן „אַרויסגעקוקט” אַלע פינגער. עס איז נישט געווען קיין וווּנדער וואָס אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך קיינער נישט געאיילט אים אַריינצולאָזן אין שטוב אַריין. עס איז פשוט געווען אַ סאַניטאַרע געפאַר.

איך האָב נישט לאַנג געקלערט און מיט אים אַרויס אויפן מאַרק און געקויפט נייע וועש, הויזן, העמדער, אַ פּאָר שיך און אַ רעקל און מיט דעם גאַנצן פּעקל אַוועק אין שטאָטישן באָד, ווו ער איז דורכגע־

גאַנגען אַ דאָפּלטע דעזינפעקציע פון קאָפּ ביז פיס. די פּאַרלויזטע בגדים זענען פאַרברענט געוואָרן און פון דער באָניע איז אַרויס אַ נייער מענטש. זינט ער איז געווען אין ראַטנפאַרבאַנד איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַזאַ גוטער לאַגע ווי אין יענעם טאָג, ווען ער האָט מיך באַגעגנט אין לענינאַבאַד.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז מיין קוזין אַלט געווען 15—16 יאָר. ער האָט דעמאָלט געלערנט אין דער איינציקער אין פּוילן לאַנדווירטשאַפטלעכער תרבות־שול אין וולאָדזשימיעזש. גלייך ווי די רוסן זענען אַריין, האָבן זיי געשלאָסן די דאָזיקע שול אונטערן פּרע־טעקסט, אַז זי איז געווען אַ נעסט פון „ציוניסטישע פאַשיסטן״.

עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, אַז דער איבעראַשנדיקער איבערגאַנג פון אַ נאָרמאַל לעבן צו די האַרטע און אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען פון אַרבעטס־לאַגער איז געווען אַ ווייטיקפולער פּאַר אַ יינגל אין דעם עלטער.

יצחק האָט געוווינט אין הויז פון אונדזער זיידע, חיים זיגעלוואַקס, אויף שעראַצע 7. דאָס איז געווען פון די געציילטע און אפשר דאָס איינציקע הויז אין דער יידישער געגנט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן הויף און אַ געפלעגטן גאָרטן מיט פּרוכטן־ביימער, וועלכן מיין זיידע האָט געהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן זיך אַן עצה צו געבן מיט צענדליקער „יאַטן״ פון די העכער פערציק לאָקאַטאָרן, וועלכע האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו גענינסן פון די זאַפטיקע באַרנעס, עפּל, קאַרשן און אַנדערע פּרוכטן. די צאָלרייכע אייניקלעך, וועלכע האָבן געוווינט אין דעם הויז האָבן זיך צום מערסטנטייל סאָלידאַריזירט נישט מיט זיידע־באַבע, נאָר מיט זייערע חברים. אויף דעם גרונט איז אָפט געקומען צו „דיפּלאָמאַטישע״ קאָנ־פליקטן צווישן זיידע און די אייניקלעך, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַנגעמען שאַרפע „סאַנקציעס״. ביים פאַרטיילן די פּרוכטן אין די האַרבסט־חדשים זענען באַשטראָפט געוואָרן די „שגצים״ און „לאָבוזעס״ דורך נישט געבן זיי אַ חלק פון דער פּרוכטן־גערעטעניש. צו די דאָזיקע „שגצים״ האָט געהערט יצחק, וועלכן מען האָט גערופן „דער שד״ צוליב זיינע קונדייסישע שטיק.

יצחק איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן. די מאַמע און דער טאַטע זענען געווען גרייט אים צו געבן דאָס טעלערל פון הימל. די מאַמע איז אים נאָכגעלאָפן אויפן הויף מיטן עסן און געווען גרייט אים צו געבן „כאַבאַר" אַ פּאָר גראָשן, אַבי ער זאָל נישט פאַרשעמען דאָס זעמעלע מיט פּוטער און אַנדערע גוטע מאכלים.

יצחקס מוטער איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. זי איז געשטאָרבן פון אַ בלוט־ראַק. דער געטרייער פאָטער האָט דאַן אויך איבערגענומען די פונקציע פון אַ מאַמע און זיך פאַרנומען מיטן זון און דער קליינער טאָכטער. ווען יצחק האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול, האָט אים דער פאָטער אָפט באַזוכט ביז עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה.

צוזאַמען מיט צאַלרייכע פּליטים איז יצחק פאַרשיקט געוואָרן קיין סוכאַלאַק (סיביר) וווּ ער האָט געהאַקט האָלץ אין די וועלדער. סוכאַלאַק איז געווען פון די געציילטע אַרבעטס־לאַגערן, אין וועלכע עס איז אויסגעבראָכן אַן אָפענער בונט פון פּוילישע פּליטים. די אַרעסטאַנטן פון דעם דאָזיקן לאַגער זענען אַרויס מיט זייערע פּעקלעך און אָנגעהויבן מאַרשירן צו דער באַן. די אַליאַרמירטע נ.ק.וו.ד. האָט קוים באַהערשט די לאַגע. עס איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אָבער קיין דראַסטישע מיטלען זענען נישט אָנגענומען געוואָרן. נאָר אייניקע פּערזאָן, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט געהאַלטן פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן פון בונט, האָבן זיי אַרעסטירט און געשטעלט פאַר אַ געריכט. אָבער גלייכצייטיק האָט די נ.ק.וו.ד. באַשלאָסן צו באַפרייען פון לאַגער אַ פּאָר צענדליק פּערזאָן און זיי דערלויבט זיך צו באַזעצן אין סווערדלאָווסק. דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל פון אַזאַ „ליבעראַלער" האַנדלונג מצד דער נ.ק.וו.ד.

נאָך דערא באַפרייאונג פון אַרבעטס־לאַגער איז ער געפאָרן קיין יאַנגייול (אוזבעקיסטאַן), וווּ עס איז געווען אַ מאָביליזאַציע־פּונקט פון אַנדערסעס אַרמיי. דאָ זענען זיך דאַן צונויפגעפאָרן טויזנטער יידישע פּליטים פון פאַרשידענע שטעט און דערפאַר פון די אַזיאַטישע רעפּובליקן מיט דער האָפענונג אָנגענומען צו ווערן אין דער פּוילישער אַרמיי, כדי צו

באַקומען אַ מעגלעכקייט פון אַקטיוון קאַמף קעגן די היטלעריסטישע רוצחים. אָבער דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אילוזיע.

אין יאַנג־יול, בוזולוק, סאַמאַרקאַנד און אַנדערע מאָביליזאַציע־פּונקטן פון דער אַרמיי איז אויף פאַרשידענע אופנים געקומען צום אויסדרוק דער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן פּלוצעם אויפגעהויבן די קעפּ און געקענט דעצידירן וועגן גורל פון טויזנטער יידישע פּליטים. די זעלבע פּאָליאַקן, וועלכע זענען מיט אַ יאָר צוריק געווען אויף געהאַקטע צרות אין די לאַגערן און פּאָסיאָלקעס און נישט איינמאָל געגאָסן פון דער הילף פון זייערע יידישע אחים לצרה, האָבן איצט פאַרריסן די נעז און אינגאַנצן פאַרגעסן זייערע נעכטיקע פריינט.

אין די מאָביליזאַציע־פּונקטן האָט געהערשט אַ פייגלעכע שטימונג. טויזנטער יידן זענען אויסגעשטאַנען דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען מצד די סאָוויעטישע אָפיצירן, וועלכע זענען געוואָרן די האַרן איבער צענדליקער טויזנטער פּוילישע בירגער. די מיליטערישע קאָמיסיעס, וועלכע זענען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון פּאָליאַקן, האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו באַגרענעצן ביז מינימום די צאָל יידן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי פון אַנדערס. געזונטע בחורים זענען געפּסלט געוואָרן צוליב געזונטהייטס־טעמים. ספּעציעל איז דאָס געווען שייך די, וועלכע האָבן געענדיקט מיטל־שול, אָדער געהאַט העכערע בילדונג. לויט די פּוילישע געזעצן האָבן מענטשן נאָך מיטל־בילדונג געקענט דינען נאָר אַלס אָפיצירן. און זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין יידישע אָפיצירן אין זייער אַרמיי, עס זענען געווען גענוג אָפיצירן־פּאָליאַקן, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן.

איך בין אויך געפאָרן קיין יאַנגי־יול און געפּרוּווט מזל ביי דער מאָביליזאַציע־קאָמיסיע. איך בין נישט געווען דער איינציקער. יאַנגי־יול איז געווען פאַרפלייצט מיט טויזנטער פּליטים, וועלכע האָבן זיך דאָ שוין אַרומגעוואָלגערט וואָכנלאַנג מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט מען זיי אָננעמען אין דער אַרמיי און זיי וועלן קענען פאַרלאָזן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד. אָבער נאָר איינצלנע האָבן אַרויסגעצויגן דאָס גרויסע „געווינס" און זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי. די אַבסאָלוטע מערהייט האָט זיך געפונען אין אַ זייער שווערער לאַגע. זיי האָבן נישט געהאַט

ווו צו שלאָפן און נישט געהאַט קיין געלט דורכצוקומען דעם טאָג. אַ סך פון זיי זענען קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע און טיפוס.

איך בין דורכגעגאַנגען די מעדיצינישע קאָמיסיע גלייך מיט אַנדערע, אָבער איך האָב געוווּסט, אַז ווי געזונט איך זאָל נישט זיין, זענען מיינע שאַנסן גאַנץ שוואַכע. איך האָב זיי געוויזן מיינע אוניווערסיטעט־דאָקו־מענטן מיט דער אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט דאָס אַ ביסל פאַרגרעסערן מיינע אויסזיכטן. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט מיר געהייסן וואַרטן אַ פּאָר טעג אויף אַ תשובה און צום סוף איז דער ענטפער געווען אַ נעגאַטיווער. איך בין געווען דערויף צוגעגרייט און דעריבער האָב איך זיך שטאַרק נישט איבערגענומען מיטן אָפּזאָג.

אויך מיין קוזין יצחק האָט מען נישט אָנגענומען אין דער אַרמיי פון אַנדערס, הגם ער איז געווען אין בעסטן מיליטער־עלטער — ביי 20 יאָר. פון דאָרט איז ער אָוועק אין אַ קאָלכאָז אין קאַזאַכסטאַן, וווּ ער איז געוואָרן אַ פּאַסטוך פון אַ סטאַדע שעפּסן. מען האָט אים געצאָלט דריי קילאָ ווייץ אַ טאָג און יעדן טאָג האָט ער געגעסן ביי אַן אַנדערן קאָלכאָזניק. אין יענע טעג פון הונגער און נויט פּאַר טויזנטער פּליטים איז דאָס געווען אַ ביז גאַר גוטע אַרבעט. דריי קילאָ ווייץ, אָדער מעל איז דאַן געווען אַ פאַרמעגן. אין דעם קאָלכאָז האָט ער געלעבט ווי גאָט אין אָדעס.

אָבער דאָס האָט געדויערט נישט קיין גאַנץ יאָר. אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט ער באַקומען אַ מעלדונג, אַז ער דאַרף זיך צושטעלן אין אַ סטרוי־באַטאַליאָן ביי דזשאַמבול, וואָס איז געווען באַשעפטיקטביים לייגן אַ באַן־ליניע צו די אוראַניום־פעלדער אין יענער געגנט. אויך די קאָלכאָז־לייטונג האָט באַקומען אַ מעלדונג וועגן זיין מאָביליזאַציע אין אַרבעטס־באַטאַליאָן. ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אָפּצופאָרן קיין דזשאַמבול.

אין פאַרגלייך צום קאָלכאָז איז דער אַרבעטס־באַטאַליאָן געווען אַ גיהנום. די אַרבעט איז געווען אַ מערדערלעכע און די לעבנס־באַדינגונגען היניטישע. די אָנפירונג האָט נישט גענומען אין אַכט, אַז כדי צו אַרבעטן 10 שעה אין טאָג דאַרף דער קערפּער באַקומען אַ מינימאַלע צאָל קאַלאָ־ריעס. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 300 גראַם ברויט און 2 וואַסערדיקע

זופן. אַחוץ דעם זענען די סאַניטאַרע באַדינגונגען געווען אומדערטרעג־לעכע. דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער אין די סטרוי־באַטאַליאָנען זענען געווען קאַזאַכן, אוזבעקן און קירגיזן. אייראָפּייער האָבן געבילדעט אַ קליינע מינדערהייט. נאָך דריי וואָכן האָט יצחק פאַרלוירן 15 קילאָ פון זיין וואָג און איז געווען פיזיש צעבראָכן. ער האָט איינגעזען, אַז אויב ער וועט דאָ דאַרפן בלייבן אַ לענגערע צייט, וועט ער אויסציען די פיס. האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ ויברח.

עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן צו באַוועגן זיך אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן אָן אַ קאָפּיקע און אַ פּאַסיקן דאָקומענט. די פּאָליציי האָט אויף טריט און שריט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון כלערליי דע־זערטירן, אַנטלאָפענע פון די לאַגערן און תפיסות. די פּאָליציי האָט געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אויף דעם געביט. די קאָנטראָלעס אויף די וועגן זענען געווען שטרענגע און אָפטע און נישט איינמאָל האָט פּאַ־סירט, אַז אַנטלאָפענע פון אַרבעטס־לאַגערן זענען געשפּרונגען פון די באַנען, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע.

יצחק זיגעלוואַקס האָט אַזוי אַרומגעוואַנדערט אַ פּאָר וואָכן אַן אויס־געמאַטערטער און הונגעריקער ביז ער איז אָנגעקומען קיין לעבינאַבאַד. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך נישט צעשיידט. צוזאַמען מיט אונדז האָט ער סוף 1945 פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד און אָנגעקומען קיין פּוילן.

נ.ק.וו.ד. וויל מיך מאַכן פאַר מוסר

נאָכן איבעררייסן די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער שי־קאָרסקי־רעגירונג און נאָכן שליסן די פּוילישע הילפס־קאָמיטעטן, האָבן מיר גלייך דערפילט ווייטגייענדיקע ענדערונג אין דער באַציאונג מצד די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די נ.ק.וו.ד. רופט אַרויס צו זיך צאָלרייכע פּערזאָנען, כדי צו פאָרשן די שטימונגען, וואָס הערשן צווישן די פּוילישע פּליטים. די

דאָזיקע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען אין לעבינאַבאַד און אויך אין אונ־זער שטעטל אורא־טיובע.

אין די לעצטע צוויי יאָר האָבן מיר אַחוץ דער וווינונג אין קאַלכאָז געהאַט אַ סטאַבילע דירה אין אורא־טיובע אין אַ הויז, אין וועלכן עס האָבן זיך מיט דער צייט אַריינגעצויגן נאָך פּוילישע יידן. נאָר איין פאַמיליע האָט געשטאַמט פון דעם טייל רומעניע, וואָס איז אַנגעשלאָסן געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס הויז האָט זיך געפונען אויף אַ זייטיק געסל נישט ווייט פון דער הויפּט־גאַס און שטאָטישן מאַרק. אין די ווינטער־מאָנאַטן איז דאָס געסל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער קלעפּיקער בלאָטע, וואָס אַן הויכע קאַלאָשן האָט מען זי נישט געקענט דורכגיין.

דאָס 2־שטאָקיקע הויז איז געווען אַ פאַרמאַכטער קאַסטן מיט אַ קליינעם הייפל אויסגעלייגט מיט שטיינער. אין מיטן איז געווען אַ ברונעם פון אַ 10 מעטער טיף, וואָס האָט אונדז באַזאָרגט מיט פרישׁ, שפּרודל־דיק וואַסער. יעדע פאַמיליע האָט געהאַט נישט מער ווי איין צימער, וואָס האָט אויך געדינט אַלס קיך, ספּעציעל אין די קאַלטע ווינטער־מאָנאַטן. אויף יעדע שטאָקן האָבן געוווינט ביי 10—12 פאַמיליעס. די צימערן זענען געווען זייער פּרימיטיווע, לויטן אַלגעמיינעם סטאַנדאַרט פון אורא־טיובע. קיין הילצערנע פּאָדלאָגעס זענען נישט געווען. כמעט יעדן טאָג האָט מען געמוזט רייניקן דעם ליימענעם דיל, כדי עס זאָל נישט זיין קיין שטויב.

היות דאָס דאָזיקע הויז איז געווען פון די געציילטע אין שטעטל, אין וועלכן עס האָט געוווינט אַ גרעסערע צאָל פּוילישע פּליטים, האָט זיך די נ.ק.וו.ד. אָנגעהויבן נאָענטער אינטערעסירן מיט זיינע איינוווינער.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַקומען אַ פאַרמאַכטן בריוו, אין וועלכן עס איז געווען אַ מעלדונג, אַז איך ווער איינגעלאַדן אין דער נ.ק.וו.ד. די סיבה פון דער איינלאַדונג איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן. די שעה פון דער באַגעגעניש איז געווען 11 אַ זייגער ביינאַכט. אין דער שעה איז שוין די גאַנצע שטאָט געשלאָפן. די שפּעטע שעה פון דער איינלאַדונג האָט מיך נישט געוווּנדערט, ווייל עס איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט, אַז די נ.ק.וו.ד.־ביוראָען זענען טעטיק הויפּטזעכלעך אין די שפּעטע אָוונט־

און נאַכט־שעהן. די דאָזיקע מנהגים האָבן איינגעפּירט סטאַלין און בעריאַ און דאָס איז איבערגעגאַנגען „בירושה" צו אַלע נ.ק.וו.ד.־אינסטאַנצן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס הויז פון דער נ.ק.וו.ד. אין אורא־טיובע האָט זיך געפונען אויף אַ זייטיקער אַספאַלטירטער גאַס אין אַ 2־שטאָקיק הויז, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן בעטאָן־מויער. אינעווייניק איז געווען אַ קליינער גאָרטן מיט אייניקע דיקע, פאַרצווייגטעביימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז פון אַלע זייטן און עס געהאַלטן ווי אין אַ קלעם. דאָס איז געווען פון די געציילטע הייזער אין אורא־טיובע מיט היל־צערנע פאַדלאָגעס.

ווען מיין ערשטן באַזוך אין דער נ.ק.וו.ד. האָב איך דערציילט נאָר מיין פרוי. אַחוץ איר האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג צום נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. איך האָב נישט געהאַט קיין אָנונג נאָך וואָס מען האָט מיך אַרויסגערופן. אין מוח זענען געבוירן געוואָרן פאַרשידענע השערות. אַלע האָבן זיך געלייגט אויפן שכל־הישר, קענענדיק אַ ביסל די טאַקטיק פון די סאָוויעטישע זיכערהייטס־אָרגאַנען לגבי אייגענע בירגער און ספּעציעל לגבי פרעמדע. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז איך האָב אַ ריין געוויסן און בין נישט באַגאַנגען קיין שום עבירה קעגן רעזשים.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער באַשטימטער טיר, האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, שלאַנקער מאַן פון אַ יאָר פערציק. זיינע שוואַרצע האָר זענען געווען קורץ געשוירן. ער האָט זיך פאָר מיר נישט פאָרגע־שטעלט און נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען. ערשט אין פאַרלויף פון געשפּרעך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז קאַפּיטאַן אַלעקסאַנדער יעגאָראָוו.

יעגאָראָוו האָט מיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ סיגאַרעט, אָבער איך האָב איך העפלעך געדאַנקט מיט דער באַמערקונג, אַז איך רויכער נישט און אַז איך האָב קיינמאָל נישט גערויכערט זינט איך בין געווען אין אַ סקויטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרבאָטן צו רויכערן.

איך האָב גלייך דערפילט, אַז מיין באַמערקונג האָט אין זיין מוח אָנגעצונדן אַ „רויט ליכט". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין באַגאַנגען

אַ פעלער, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. איך האָב זיך שוין נישט געקענט צוריקציען.

— דאָס איז געווען אַ ציוניסטיש־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— ניין, דאָס איז געווען אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אָבער נישט קיין פאַשיסטישע. ביי די פּוילישע יידן זענען נישט געווען קיין פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

— און זשאַבאָטינסקיס אָרגאַניזאַציע איז נישט קיין פאַשיסטישע ? איז ער נישט געווען פאַרבונדן מיט די איטאַליענישע פאַשיסטן און אַפילו היטלעריסטן ?

— איך ווייס נישט וועגן דעם. איך ווייס נאָר, אַז ביי יידן זענען קיינמאָל נישט געווען און וועלן נישט זיין קיין פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאַרגעשריטן און דעמאָקראַטיש פאָלק.

— אָבער פּראָגרעסיווע יידן האָבן געטענהט, אַז זשאַבאָטינסקי איז אַ פאַשיסט — האָט יעגאָראָוו אונטערגעשטראָכן מיט אַ טאָן פון אַ זיגער.

— דאָס איז געווען אַ נישט אָנשטענדיקער צוגאַנג פון אַ פּאָליטישן קעגנער. אויך איך בין נישט געווען קיין אָנהענגער פון זיינע וועגן, אָבער איך וועל זיין באַוועגונג נישט באַצייכענען אַלס פאַשיסטישע. העכסטנס קען מען זי באַצייכענען אַלס נאַציאָנאַל־קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג און דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט די פאַשיסטישע באַוועגונגען אין אייראָפּע.

יעגאָראָוו האָט אָבער נישט געוואָלט לייכט אויפגעבן די טעמע און פאַרגעזעצט זיין אַרגומענטאַציע. ווער עס איז נישט קיין סאָציאַליסט, גייט פריער, אָדער שפּעטער אויף פאַשיסטישע וועגן.

— דאָס איז זייער אַ שווערע באַשולדיקונג און אַ ווייטגייענדיקע באַהויפּטונג. זי שטימט נישט אָבער מיט דער ווירקלעכקייט. די פאַרביגדעטע פון ראַטנפאַרבאַנד זענען נישט קיין סאָציאַליסטן און זיי קעמפן מיט דער גאַנצער אָנטשלאָסנקייט קעגן פאַשיזם און היטלעריזם. זיין קעמפן פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

איך האָב געפילט, אַז יעגאָראָוו פאַרלירט די זיכערקייט און הייבט

אַן צו זוכן אַ געלעגנהייט פאַר צוריקטריס. און די השערה האָט זיך שנעל באַשטעטיקט.

— נישט וועגן דעם האָב איך אייך אַרויסגערופן. דעם וויכוח וועגן פּאַשיזם און ציוניזם וועלן מיר פאַרזעצן אַ צווייט מאָל. היינט האָב איך אַ מער אַקטועלן ענין. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז איר, אַלס געבילדעטער מענטש, זאָלט אונדז העלפן אויסזוכן און באַקעמפן פיינט פון ראַטנ־פאַרבאַנד אין די קרייזן אין וועלכע איר פאַרברענגט. איך מיין צווישן די פּוילישע יידן.

עס איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין צו וואָס עס שטרעבט יעגאָראָוו. אָבער איך האָב געפּרוּווט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך ווייס נישט וועגן וואָס עס גייט דעם נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד.

— צי האַלט איר טאַקע, אַז צווישן די פּוילישע יידן זענען פאַראַן שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד? צי טרייבט איר נישט איבער?

— מיר טרייבן נישט איבער. אונדזער האַנדלונג שטיצט זיך אויף גענויע אינפאָרמאַציעס. מיר ווייסן וואָס עס רעדן צווישן זיך די פּוילישע יידן און וואָס זיי דענקען וועגן ראַטנפאַרבאַנד און וועגן דער מלחמה.

— צי באַציט איר זיך נישט מיט אַ צו גרויסן צוטרוי צו די, וועלכע ברענגען אייך די דאָזיקע אינפאָרמאַצעס, וואָס דאַרפן אייך געפעלן?

יעגאָראָוו האָט זיך אויסגעצויגן אויפן ברייטן פאָטעל און אַ זאָג גע־געבן:

— אַ ניין, אונדז קען מען נישט אָפּנאַרן. מיר קענען אונטערשיידן צווישן אמת און ליגן. אויף דעם געביט האָבן מיר אַ סך דערפאַרונג און מען קען אונדז נישט פאַרפירן.

איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק און באַשלאָסן צו שטעלן יעגאָראָוון אַ דראַסטישע פראַגע:

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַז פּוילישע יידן זאָלן באַדראָען די זיכער־קייט פון ראַטנפאַרבאַנד אין וועלכער עס זאָל נישט זיין פאַרעם, ווען די מלחמה, וואָס עס פירט דאָס סאָוויעטישע פאָלק צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, איז אויך די מלחמה אויף טויט און לעבן פון יידישן פאָלק?

איך האָב דערפילט, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט געטראָפן יעגאָראָוון

ווי אַן אומגעריכטע פּייל פון בויגן. ער האָט זיך ווי פאַרלוירן און אַ וויילע געשוויגן.

— מיינט איר טאַקע, אַז אַלע פּוילישע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד קלערן אַזוי? צי זענען נישטאָ קיין שונאים און פאַררעטער?

— ניין, עס זענען נישטאָ. אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע, דאַרף מען זיי אַפּשיקן אין אַ שפּיטאָל פון גייסטיק קראַנקע, ווייל נאָרמאַל־דענקענ־דיקע יידן קענען אין דער גורלדיקער מלחמה נישט טאָן אַ זאַך, וואָס זאָל ברענגען דעם קלענסטן שאָדן דעם ראַטנפאַרבאַנד, דער זיג פון ראַטנפאַרבאַנד איז אויך זייער נצחון און די מפּלה פון ראַטנפאַרבאַנד וואָלט באַדייט פאַר די פּוילישע יידן אַ זיכערן טויט.

נאָך מער. קיינער פון אונדז האָט נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז מיר וועלן נאָך טרעפן אַ טייל פון אונדזערע משפחות געזונטע און לעבעדיקע און מיר ווינטשן דער רויטער אַרמיי, אַז זי זאָל וואָס שנעלער פאַרניכטן די היטלעריסטישע בעסטיע. טאָ ווי קענט איר רעדן וועגן קעג־נער און אַפילו שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד צווישן פּוילישע יידן?

אָבער יעגאָראָוו האָט נישט נאָכגעגעבן.

— מיר האָבן גענויע אינפאָרמאַציעס וואָס עס רעדן אייערע מענטשן וועגן ראַטנפאַרבאַנד נאָך דעם ווי די פּוילישע הילפס־פאַרבאַנדן זענען געשלאָסן געוואָרן. איר הערט נישט אויף צו קריטיקירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד און פאַרשפּרייט כלערליי וויצן און קריטישע באַמערקונגען אַפילו וועגן אונדזערע פירער מיט סטאַלינען בראש. ווען איר וואָלט געווען אמתע פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד וואָלט איר זיך נישט אַזוי געריסן צו דער אַרמיי פון אַנדערס און נישט איינגעלייגט וועלטן צו פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד. — די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגע־זאָגט מיט גרויס כעס.

אָבער דווקא אין דעם פּונקט האָב איך געפילט, אַז עס מוז קומען אַ תשובה, וואָס קען זיין אַ נייעס פאַר יעגאָראָוון.

— טאָוואַרישטש יעגאָראָוו, איך שליס נישט אויס דעם פאַקט, אַז עס זענען פאַראַן צאָלרייכע פּוילישע יידן, וועלכע קריטיקירן דעם סאָוויעטישן רעזשים. אָבער פון קריטיק ביז שנאה איז אַ זייער גרויסער מרחק. פּוילישע יידן קומען פון אַ וועלט, אין וועלכער מען האָט געקענט קריטיקירן דעם

רעזשים און די פירער פון דער מדינה און דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן אין לאַנד. און זיי האָבן דאָס געטאָן. און קריטיק איז זייער ווייט פון אַ שעדלעכער און פיינטלעכער טעטיקייט קעגן דער מדינה און אירע לעבנסוויכטיקע אינטערעסן. און אין ראַטנפאַרבאַנד האַלטן זיך די פּויי־לישע יידן נישט נאָר אַלס געסט, נאָר אַלס פאַרבינדעטע אין אַ ביטערן קאַמף קעגן אַ בשותפותדיקן און אכזריותדיקן פיינט. און אַזוי דענקען יידן אין דער גאַנצער וועלט, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע אָנ־שויאונגען.

— אָבער דאָ איז נישט פּוילן — האָט מיר איבערגעריסן יעגאָראָוו. איר פאַרגעסט, אַז איר לעבט אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט בלוט און שוייס פון אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן אַ סוף געמאַכט צום בורזשואַזן און פאַשיסטישן אַרט דענקען. דאָס וואָס איר רופט פרייהייט פון דענקען און פרייע קריטיק איז נישט מער ווי אַ קאַפּיטאַליסטישער טריק צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע אָרדענונג. איבעריקנס געפינען מיר זיך אין אַ מלחמה־צושטאַנד און מיר קענען נישט טאָלערירן, אַז עס זאָלן זיך ביי אונדז אַרומדרייען מענטשן, וועלכע קריטיקירן אונדזער רעגירונג און פאַרשפּרייטן פּעסימיזם און דורך דעם שוואַכן זיי אָפּ אונדזערע מלחמה־אָנשטרענגונגען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך יעגאָראָוו איבערגעבויגן איבערן טיש ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צו מיר דערנענטערן און צו מיר אַ זאָג געגעבן:

— אייער אויפריכטיקייט געפעלט מיר. זי וועט אונדז צונוץ קומען אין דער צוקונפטיקער אַרבעט. איך האָף, אַז איר וועט אונדז העלפן שטאַרקן אונדזער זיכערקייט דורך העלפן אונדז מאַכן אומשעדלעך די מענטשן, וועלכע ווילן ברענגען אַ שאָדן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן? — האָב איך געפרעגט מיט אַ באַטאָנונג.

יעגאָראָוו האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן און גלייך געענטפערט:

— מיר זענען זייער פאַראינטערעסירט, אַז פון צייט צו צייט זאָלט איר אונדז אינפאָרמירן וועגן דעם וואָס עס רעדן און וואָס עס קלערן די

מענטשן, מיט וועלכע איר פאַרברענגט, דאָס איז פאַר אונדז ביז גאַר וויכטיק און דאָס וועט זיין אייערביישטייערונג צום זיג איבערן בשותפות־דיקן שונא.

— טאָוואַרישטש יעגאָראָוו, אויב איר זוכט געפערלעכע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָס נישט דער ריכטיקער אַדרעס. איך קען שוין איצט זאָגן, אַז אין קרייז פון מיינע פריינט און באַקאַנטע זענען נישטאָ קיין פיינט פון ראַטנפאַרבאַנד. יעדע ידיעה פון ראַדיאָ וועגן דעם פאָר־שריט פון דער רויטער אַרמיי און היטלעריסטישער מפּלה איז פאַר זיי די גרעסטע שמחה. און אַלע אַנדערע זאַכן האָבן נישט קיין באַדייטונג. דעריבער איז אייער ווענדונג צו מיר נישט אויפן ריכטיקן אַדרעס. אַחוץ דעם בין איך פסיכיש נישט פאַסיק אַלס אינפאָרמאַטאָר. דאָס איז קעגן מיינע געפילן און מיינע מאָראַלישע קריטעריעס.

— הערט בעסער אויף מיט די דאָזיקע נאַרישקייטן. מיר קענען די דאָזיקע קליינבירגערלעכע אָנשויאונגען. איר זענט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וואָס ברענגט די דאָזיקע אַרגומענטן. מיר האָבן אַ גאַנץ אַנדערן צוגאַנג צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם: אָדער מען איז מיט אונדז, אָדער קעגן אונדז. ווער עס איז נישט גרייט צו דינען אונדזער זאַך איז אַ סימן, אַז ער שטייט אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַריקאַדע.

איך האָב דערפילט, אַז איך הייב אָן צו דיסקוטירן מיט אַ גראַמאָפאָן־פּליטע, האָב איך באַשלאָסן אָפּצוהאַקן דאָס געשפּרעך מיט יעגאָראָוון און פאַרענדיקן דעם וויזיט אויף וויפל דאָס איז אָפּהענגיק פון מיר.

יעגאָראָוו האָט זאָרגפעליק אָבסערווירט מיין רעאַקציע אויף זיינע לעצטע ווערטער און וויטער פאָרגעזעצט:

— איך זע, אַז מיינע ווערטער האָבן אייך נישט איבערצייגט. עס זעט אויס, אַז אייך איז אינגאַנצן פרעמד די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע און די לעניניסטיש־סטאַליניסטישע פּאָליטיק פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען אין ראַטנפאַרבאַנד. עס איז אַ שאָד. אָבער מיר זענען גרייט אייך צו געבן אַ געלעגנהייט דאָס צו לערנען. עס איז באַשטימט כדאי, אַפילו ווען איר

וועט ביי אונדז נישט בלייבן און צוריקפאָרן קיין פוילן נאָך דער מלחמה. אויך דאָרט דאַרפן מיר פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד.

— איר האָט אַ טעות, טאָוואַרישטש יעגאַראָוו. די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע איז מיר נישט פרעמד. איך האָב אַ סך געלייענט פון דער פּאָליטישער ליטעראַטור, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות צו דעם וואָס איר שלאָגט מיר פאָר. מען קען זיין אַ גוטער און איבערגעגעבענער קאָמוניסט און נישט זיין גרייט צו דינען דער פּאַרטיי אויף אַזאַ אופן ווי איר שלאָגט עס פאָר. נישט יעדער איינער איז צו דעם פּאַסיק און נישט יעדער איינער איז גרייט צו דעם. און איך וועל אייך אָפּנאַרן, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז איך בין אַ קאָמוניסט. ניין, איך בין נישט קיין קאָמוניסט. אָבער דאָס שוואַכט אָבסאָלוט נישט אָפּ מיין טיפע איבערצייגונג, אַז יידן אין דער גאַנצער וועלט דאַרפן זיך באַטראַכטן אַלס פאַרבינדעטע פון ראַטנפאַרבאַנד אין דער גורלדיקער מלחמה קעגן דעם בשותּפותדיקן, אכזריותדיקן שונא.

יעגאַראָוו האָט געוואָרפן אויף מיר אַ שאַרפן בליק און אַ זאָג געגעבן:

— פאַר אונדזער ערשטער באַגעגעניש וועט דאָס זיין גענוג. איך וויל אייך נישט אויפצווינגען אונדזער ווילן. איך וויל, אַז איר אַליין זאָלט קומען צום אויספיר, אַז אונדזער שטעלונג איז אַ גערעכטע און נאָר אויף אַזאַ וועג קענט איר דינען אונדזער בשותּפותדיקן ציל. איך וויל אייך געבן אַ פּאָר וואָכן צייט דורכצוטראַכטן דעם ענין. נאָך דעם וועלן מיר זיך טרעפן אַ צווייט מאָל. איך בין זיכער, אַז איר וועט אונדז נישט אַנטוישן. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיר דערלאַנגט די האַנט מיט אַ געמאַכטן שמייכל.

עס זענען דורך אַ פּאָר וואָכן און איך האָב נישט באַקומען פון יעגאַראָוון קיין שום מעלדונג. איך בין פאַרשטענדלעך געווען גליקלעך וואָס מען לאָזט מיך צורו. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעגאַראָוו איז פאַרשוווּנדן פון אורא־טיובע. זעט אויס, אַז מען האָט אים מאָביליזירט אין איינע פון די נ.ק.וו.ד.־אָפּטיילונגען נענטער צום פראָנט, אָדער פון די באַפרייטע שטעט. אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אַנדערער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד., אָבער ביז ער האָט זיך באַקענט מיט

אַלע עניִים און אָקטן זענען אַדורך לאַנגע חדשים. און צו מיין מזל, האָט מען דערוויַיל פאַרגעסן אין מיר.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען אין דער אַרמיי

די וויסטע מפּלה פון די היטלעריסטן ביי סטאַלינגראַד איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דעם אכזריותדיקן קריג, וואָס האָט איינגעשלונגען מיליאָנען קרבנות. נישט נאָר מיליטערישע ספּעציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט זענען געווען איבערצייגט, אַז נאָך סטאַלינגראַד וועט זיך אָנהייבן דער באַרג־אַראָפּ פון די נאַצי־אַרמייען און וועט פריער אָדער שפּעטער דערפירן צו זייער פולשטענדיקער און ענדגילטיקער מפּלה, נאָר אויך די באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עס איז איינגעבראָכן געוואָרן דער רוקן פון דער מעכטיקער אַרמיי און אַז די היטלעריסטישע חיה האָט באַקומען אַ קלאַפּ, נאָך וועלכן זיי וועלן שוין נישט אויפשטיין.

צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג האָבן זיך פאַרשפּרייט אָפּטי־מיסטישע ידיעות וועגן אַ שנעלן צוזאַמענברוך פון די היטלעריסטישע אַרמייען, וואָס וועט צואיילן דעם סוף פון דער מלחמה. אָבער די דאָזיקע ידיעות זענען געווען דערוויַיל נאָר גוטע ווינטשן. די היטלעריסטישע חיה איז טאַקע שווער געטראָפן געוואָרן, אָבער זי האָט נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף און געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען נישט נאָר צו פאַרהיילן די וווּנדן, נאָר איבערגיין צו אַ נייער אָפענסיווע. אָבער דאָס איז זיי שוין מער נישט געלונגען.

נאָך די גרויסע נצחונות ביי סטאַלינגראַד און אויף אַנדערע פראָנטן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מאָביליזאַציע פון זעלנער אין דער אַרמיי, און פון עלטערע מענטשן אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. דאָס האָט אַרויס־גערופן אַ פּאַניק צווישן די טאַדזשיקן און אוזבעקן. זיי האָבן וועגן דעם זייער וויַיניק גערעדט, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז די וועגט האָבן אויערן.

אָבער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן זיי פון דער נאָענט און זיך אויך צוהערן צו זייערע ווערטער.

די טאַדזשיקן און אוזבעקן האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו גיין אין דער אַרמיי און זיי האָבן געטאָן אַלץ, כדי אָפּצולייגן, אָדער זיך אַרויסדרייען פון מיליטער־דינסט. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט כלערליי מיטלען, איינשליסלעך כּאַבאַר פון גרויסע סומעס. זייער פיל יונגע טאַ־דזשיקן און אוזבעקן פון פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן זיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגעדרייט פון מיליטער־דינסט. זייערע אָקטן זענען פלוצים פאַר־לוירן געגאַנגען. נאָך לאַנגע מאָנאַטן האָט מען זיי גערופן צו אַ מאָבי־ליזאַציע־קאָמיסיע, וואָס האָט שוין געפונען אַ געזונטהייטס־פגם אויפן סמך פון וועלכן מען האָט אָפּגעלייגט די דינסט אויף אַ פּאָר מאָנאַטן. און די פּאָר מאָנאַטן האָבן אין יענע טעג דעצידירט וועגן לעבן און טויט.

איך געדענק, אַז די יונגע טאַדזשיקן האָבן זיך דעמאָלט באַקלאָגט דערויף, אַז מען גיט זיי נישט די נייטיקע צייט פאַר אַ געהעריקער אויס־שולונג, נאָר מען שיקט זיי אויפן פראָנט נאָך אַ פּאָר וואָכן פון אויבער־פלעכלעכע איבונגען. נישט איינער האָט געטענהט שטילערהייט, אַז די אַזיאַטן זענען דאָס האַרמאַטן־פלייש פון די רוסן. דאָס איז, פאַרשטענד־לעך, געווען שטאַרק איבערגעטריבן: דער פראָנט האָט איינגעשלונגען קרבנות פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און דאָס רוסישע פאָלק האָט באַצאָלט אַ זייער טייערן בלוט־פּרייז. די רוסן אַלס גרעסטע נאַציע זענען אָן שום ספק געווען דער הויפּט־פּילאַר פון דער מעכטיקער מלחמה־מאַשין, וואָס האָט געפאָדערט טייכן בלוט.

כדי צו דערמוטיקן די פּאַטריאָטישע געפילן ביי דער טאַדזשיקישער באַפעלקערונג האָבן די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען איינגעאָרדנט פון צייט צו צייט „פּאַראַדן" פון די מאָביליזירטע פון אורא־טיובע און אין די דערבייאיקע ראַיאָנען. אין אַזעלכע פּאַראַדן האָבן זיך באַטייליקט אַ פּאָר הונדערט רעקרוטן. פאַר זיי איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער פון טאַ־דזשיקן און געשפּילט מיליטערישע מאַרשן און פּאָפּולערע לידער. נאָך זיי זענען געגאַנגען די מאַמעס און שוועסטער מיט אָראָפּגעלאָזטע שלייערן און ביטער געוויינט. די געשרייען זענען געגאַנגען ביזן הימל. די מאַמעס האָבן אויך איינגעשניטן מיט די נעגל די פּנימער ביז בלוט. דאָס זענען

געוועזן שרעקלעכע סצענעס. אַפילו אויף לוויות האָט מען נישט געזען אַזאַ טרויער און פאַרצווייפלונג. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַראַ אינטערעס עס האָבן די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען אין אַזעלכע פּאַראַדן, וואָס רופן אַרויס אַ פאַרקערטן עפעקט. אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציקע אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג אין דער מדינה פאַר דער מלחמה און בשעת דער מלחמה און זיי זענען אויך נישט פאַרשווונדן העכער 50 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די דאָזיקע פּאַראַדן צו וועלכע עס האָבן זיך צוגעקוקט טויזנטער איינוווינער פון דער שטאָט און דערבייאיקע קאָלכאָזן, האָבן אַרויסגע־רופן אַ געדריקטע שטימונג ביי דער באַפעלקערונג. דער דורכשניטלע־כער טאַדזשיק, וועלכער איז געווען אַ מענטש מיט זייער שמאָלע האָ־ריזאָנטן און נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאַר מחוץ זיין דאָרף, אָדער שטעטל, האָט די נייע רעקרוטן באַטראַכט אַלס „טויטע״. פיל פון זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין וואָס פאַראַ שייכות זיי האָבן בכלל צו דער „רוסישער מלחמה״.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין טאַדזשיקן און אוזבעקן און אַנדערע אַזיאַטן, וועלכע האָבן אין הארצן געבעטן, אַז די נאַציס זאָלן אָפּהאַלטן אַ זיג און אַ סוף מאַכן צום קאָמוניסטישן רעזשים, וואָס האָט זיי מאַטעריעל חרוב געמאַכט. די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך געשטאַרקט אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן אין דער ערשטער תקופה פון דער מלחמה, ווען די רויטע אַרמיי האָט געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אין די קאָלכאָזן האָט מען פון אויער צו אויער איבערגעגעבן קלאַנגען, אַז אויב די דייטשן וועלן אַהערקומען וועלן זיי ליקווידירן די קאָלכאָזן און יעדן איינעם צוריקגעבן זיין באָדן און די קאָמוניסטן אויסשיסן ווי די הינט.

נאָך דעם ווי די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט לטובת די רוסן, זענען פאַרשפּרייט געוואָרן נייע קלאַנגען, אַז ענגליש און אַמעריקאַניש מיליטער וועט אַריין דורך פּערסיע קיין טאַדזשיקיסטאַן און אפשר אויך אוזבעקיסטאַן, כדי צו העלפן די רוסן ביז עס וועט געעפנט ווערן אַ צווייטער פראָנט אין אייראָפּע קעגן די היטלעריסטן. פיל טאַדזשיקן האָבן זיך געטרייסט מיט דער אילוזיע, אַז אויב די ענג־לענדער און אַמעריקאַנער וועלן אַהערקומען, וועלן זיי שוין אַזוי שנעל

נישט אַרויס און אפשר וועלן זיי אָפּרייסן די דאָזיקע רעפּובליקן פון ראַטנפאַרבאַנד און זיי פאַרוואַנדלען אין אומאָפּהענגיקע מדינות. דאָס באַווייזט ווי אין יענע יאָרן האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע ביי טיילן פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג.

ד צענטראַלע מיליטערישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן געמאַכט אַנשטרענ־גונגען צו דערמוטיקן די פאַטריאָטישע געפילן ביי אַלע נאַציאָנאַליטעטן און זיי איינשפּאַנען אין די מלחמה-באַמיאונגען. עס זענען דאָ קאָנקרעטע באַווייזן, אַז ביים צוטיילן אָרדערן און אַנדערע מיליטערישע אויסצייכע־נונגען האָט מען זיך גערעכנט מיט דער צאָל באַפעלקערונג פון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. אויך די צאָל העלדן האָט מער ווייניק גע־שטימט מיט דער צאָל פון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. אַזוי גיט אָן די סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע, אַז דאָס טאַדזשיקישע פאָלק האָט געהאַט 35 העלדן אין דער מלחמה קעגן די נאַציס. פיל פון זיי זענען געפאַלן אויף די פראָנטן, אָבער די, וועלכע זענען צוריקגעקומען אַהיים געזונטע, אָדער פאַרוואונדעטע, האָט מען ממש געטראָגן אויף די הענט און זיי אויסגענוצט פאַר פאַרשידענע פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן. פיל פון זיי האָבן שפּעטער פאַרנומען הויכע אַמטן אין מלוכהשן און אין פאַרטיי־אַפּאַראַט, כדי אויף אַזאַ אופן אונטערצושטרייכן, אַז דאָס פאַטערלאַנד צאָלט אָפּ דעם חוב זיינע געטרייע זין.

אין זומער 1944 האָב איך ווידער באַקומען אַ מעלדונג, אַז איך דאַרף זיך ווענדן צום נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. וואָלאָדימיר קאָלעש־ניקאָוו. פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נייער מלך, וואָס איז געקומען אויפן אָרט פון יעגאָראָוון. ווי עס איז אָנגענומען ביי דער נ.ק.וו.ד. איז אויך דער באַזוך געווען באַשטימט אויף שפּעט אין אָוונט.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זעלבן צימער, אין וועלכן עס איז פריער געזעסן יעגאָראָוו, האָט מיר פון דער אַנדערער זייט גע־ענטפערט אַ קלינגענדיק קול: „דאַ, זאַכאָדיטיע".

ביים טיש איז געזעסן אַ ברייטביינערער מאַן פון אַ יאָר 50. ער האָט געהאַט שאַרפע געזיכט-שטריכן און אויף דער לינקער באַק האָט ער געהאַט אַ שראַם. איך האָב אים נישט געפרעגט פון וואַנען ער האָט די דאָזיקע שראַם — פון דער מלחמה, אָדער פון אַן עקסידענט. דער דאָ־

זיקער שניט אויפן פּנים האָט אויך געקענט זיין אַ רעזולטאַט פון אַ געשלעג אין איינער פון די תפיסות, אָדער אַרבעטס־לאַגערן, אין וועלכע ער איז פריער געווען באַשעפטיקט.

אין היפּוך צו יעגאָראַוון איז קאַלעשניקאָוו נישט געווען אַזוי געדול־דיק און באַהערשט. ער איז געווען אַגרעסיוו אין רעדן און נישט גרייט געווען אַנצונעמען די שטעלונג פון צווייטן צד. ער האָט געהערט צו די נ.ק.וו.ד.־יסטן, וועלכע האָבן געננוי׳ אויסגעפירט די אָנווייזונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די העכערע מאַכט־אָרגאַנען. מיט אים איז אויך געווען פיל שווערער צו דיסקוטירן, ווייל זיין אַלגעמיינע בילדונג איז געווען אַ באַגרענעצטע און ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דעם וואָס ער האָט געלערנט אויף די צאַלרייכע קורסן, וועלכע עס גייען דורך די נ.ק.וו.ד.־יסטן.

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם צי יעגאָראָוו האָט זיך געטראָפן מיט קאַלעשניקאָוון און אים באַריכטעט וועגן אַלעמען, איידער ער האָט פאַרלאָזט אורא־טיובע. איך ווייס אויך נישט צי יעגאָראָוו האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל פון דעם געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט מיט מיר. איך האָב דאָס נישט אַרויסגעפילט בעת דער ערשטער באַגעגעניש מיט קאַלעשניקאָוון. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז מיין נאָמען פיגורירט צווישן די אַקטן און דאָרט זענען באַשטימט געווען אַלגעמיינע באַמער־קונגען וועגן מיר. אין קעגנפאַל וואָלט קאַלעשניקאָוו נישט אַרויסגערופן מיך צו זיך.

— נו, וואָס הערט זיך ביי אייך, ווי גייט עס אייך ביי דער אַרבעט ? — איז געווען זיין ערשטע פראַגע.

— גוט, זייער גוט. אַלץ איז אין אָרדענונג.

— שוין לאַנגע חדשים אייך נישט געזען און נישט געהערט. וואָס האָט פּאַסירט ?

— עס האָט גאָרנישט פּאַסירט אַזוינס וואָס זאָל פאָדערן מיין באַזוך ביי אייך. איבעריקנס האָב איך געהאַט אָפּגערעדט מיט יעגאָראָוון, אַז אויב ער וועט מיך דאַרפן, וועט ער מיר צו וויסן געבן. אויב ער האָט עס נישט געטאָן, איז אַ סימן, אַז ער האָט זיך נישט גענייטיקט אין מיר.

— אַ גוטער מיטאַרבעטער קומט אַליין — האָט קאַלעשניקאָוו אונ־טערגעשטראָכן.

— איך האָב זיך נישט דעקלאַרירט אַלס אייער מיטאַרבעטער און איך האָב עס געגנבֿעט אויפגעקלערט אייער פאַרגייער.

— איך ווייס נישט וועגן וואָס איר האָט גערעדט מיט יעגאַראָוו. איך האָב אים פּערזענלעך אַפילו נישט געקענט. מיך אינטערעסירט נאָר איינס: איר דאַרפט אונדז פון צייט צו צייט אינפאָרמירן וועגן דעם וואָס עס רעדן אייערע חברים און וואָס זיי דענקען וועגן ראַטנפאַרבאַנד און זיינע פירער.

— אַ שאָד וואָס עס איז נישטאָ קיין פּראָטאָקאָל פון מיין געשפּרעך מיט יעגאַראָוו, וואָלט איר זיך איינגעבערענגט פיל צייט און איר וואָלט זיך אויך בעסער אָריענטירט בנוגע מיין פּערזאָן.

— אין אַזעלכע ענינים פאַרלאָז איך זיך נישט אויף פּראָטאָקאָלן. איך האָב ליב צו רעדן מיטן לעבעדיקן מענטש. אַלזאָ, לאָמיר נישט גיין אַרום און אַרום, נאָר צוגיין צו דער זאַך. איך וויל וויסן וואָס עס רעדן די ברידער ש., וועלכע וווינען מיט אייך אין איין הויז און איר פאַר־ברענגט מיט זיי פיל צייט. איך וויל אויך וויסן וואָס עס רעדט דער האַלבער אינטעליגענט ה., וועלכער איז אין אורא־טייבע געוואָרן אַ שוס־טער און פאַרקויפט זיין סחורה אויפן שוואַרצן מאַרק. מיר ווייסן, אַז ביי אייך אין פּוילן איז ער געווען אַ קאָמוניסט. צי איז ער ווייטער אַ קאָמוניסט? מיך אינטערעסירט אויך אייער פריינט, דער אַלטער פּ., וועל־כער האָט ביז דער מלחמה געלעבט אין קאַפּיטאַליסטישן פּוילן און אין דער מלחמה זיך ווידער פאַראייניקט מיט זיין פאַמיליע, וואָס איז געבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

טראָץ דעם וואָס איך האָב דערפילט אַ פיל שטאַרקערן דרוק אויף מיר, האָב איך באַשלאָסן אָנצווענדן די זעלבע טאַקטיק פון אָפּשוואַכן דעם אָנגריף מיט אַלגעמיינע אַרגומענטן און זיך נישט אַריינלאָזן אין פּרטים.

— דאָס וואָס זיי רעדן, האָט נישט פאַר אייך קיין שום באַדייטונג. זיי רעדן וועגן אַרבעטס־פּראָבלעמען, וועגן טאָג־טעגלעכע דאגות און וועגן די גוטע בשורות, וואָס קומען אָן כמעט יעדן טאָג פון די פראָנטן.

— ממש אַן אידיליע — האָט מיר איבערגעריסן קאַלעשניקאָוו — אַלע אונדזערע בעסטע פריינט. די ברידער ש. זענען ביי אייך אין פּוילן געווען

ספּעקולאַנטן, קאַפּיטאַליסטן, דער עלטערער ברידער איז געווען אַ באַ־קאַנטער עקספּלאָאַטאַטאָר פון די אַרבעטער, ווילט איר מיר דאָ איינרעדן, אַז ער איז פּלוצים געוואָרן אַ פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד. און דער כלומרשטער שוסטער ה., וועלכער האָט זיך זייער אַנטוישט אין קאָמו־ניזם נאָכן פּאָסיאַלאַק, איז אויך אַ פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד ?! — האָט ער געפרעגט מיט אַן אויפגעהויבן קול.

— עס האָט נישט איצט קיין טעם צו רעדן וועגן דעם וואָס איינער איז געווען אין פּוילן. דאָס געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט. איצט לעבן מיר אין אַ גאַנץ אַנדערער ווירקלעכקייט. איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז איר האָט צו טאָן מיט יידן און נישט מיט רוסן, אוקראַינער, טאַטאַרן אָדער טאַדזשיקן. צווישן זיי זענען געווען הונדערטער טויזנטער פאַררעטער, וועלכע זענען אַריבער אויף דער זייט פון אייער גרעסטן שונא. איך דאַרף אייך דאָס נישט דערציילן, ווייל איר ווייסט דאָס בעסער פון מיר. יידן זענען אייערע בעסטע און געטרייעסטע פאַרבינדעטע אין דער דאָזיקער מלחמה און לאָזט זיי צורו. אַ שאָד אייער ענערגיע. איר דאַרפט זי אויסנוצן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ.

— פאַר אונדז עקזיסטירן סאָציאַל־פּאַרעטער, שונאים פון פּראָלע־טאַריאַט און פון קאָמוניזם און אמתע פריינט פון אונדזער זאַך. ווער עס שטייט נישט מיט ביידע פיס אויף אונדזער זייט פון דער באַריקאַדע, איז קעגן אונדז.

די דאָזיקע זינלאָזע פּראַזעסן האָבן געגרילצט אין מיינע אויערן. איך האָב זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, כדי זיך צו באַהערשן און נישט דערפירן צו אַ ווערטער־צוזאַמענשטויס, וואָס קען מיט זיך ברענגען פאַ־טאַלע קאָנסעקווענצן. האָב איך גאַנץ רואיק געענטפערט קאַלעשניקאָוון:

— די ווירקלעכקייט באַשטעטיקט לײַדער נישט אייערע ווערטער. ווען עס וואָלט געווען אַזוי ווי איר זאָגט, וואָלטן מיליאָנען דייטשע קאָ־מוניסטן באַדאַרפט קעמפן נישט אויף דער זייט פון היטלערן, נאָר אויף אייער זייט. ווו זענען זיי, די מיליאָנען קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, וועלכע דאַרפן זיך סאָלידאַריזירן מיטן סאָוויעטישן פּראָלעטאַריאַט ? אַפילו קיין 100 דייטשע אַרבעטער זענען נישט אַריבער אויף אייער זייט אין פאַרלויף פון דער מלחמה אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט מיטן סאָציאַליס־

טישן פאַטערלאַנד. זיי האָבן געוואָלט, אַז היטלער זאָל זיגן און זיי זאָלן קענען געניסן פון די פּרוכטן פון דעם נצחון און ווערן גרויסע גוט־באַזיצער אין רוסלאַנד און אוקראַינע ווי מען האָט זיי דאָס צוגעזאָגט. און זיי פייפן אויף אַלע שיינע טעאָריעס און לאָזונגען. און פון דער צווייטער זייט שטייען ענגלישע און אַמעריקאַנישע „ספּעקולאַנטן" און „קאַפּיטאַליסטן", ווי איר רופט זיי, און קעמפן מיט אייך צוזאַמען קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע, וואָס וויל אַלע איינשלינגען.

איך האָב אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט די רעאַקציע פון קאַלעשניקאָוו און געזען אין זיינע אויגן אַ גרויסע פאַרלעגנהייט. ער האָט פאַרלוירן די זעלבסטזיכערקייט. האָב איך באַשלאָסן פאַרצוזעצן די אָפענסיווע.

— האָט איר אַמאָל געזען דעם מאָביליזאַציע־פּאַראַד אויף די גאַסן פון אורא־טיובע? האָט איר געזען די לוויה־סצענעס פון די דאָזיקע „פּאַטריאָטן"? ביי די הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע מען האָט מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, האָט איר געזען אַזעלכע סצענעס?

קאַלעשניקאָוו האָט געשוויגן. אויף דעם האָט ער נישט געענטפערט, אָדער נישט געוואָלט ענטפערן.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט צו מיר:

— לאָמיר נישט אַראָפּגיין פון וועג. איך וויל, אַז איר זאָלט מיר באַריכטן וועגן דעם וואָס עס רעדן אייערע חברים.

— איר ווילט וויסן דעם אמת, אָדער זאָל איך אייך ברענגען סתם אויסגעטראַכטע געשיכטעס און ליגנס?

— אין ליגנס זענען מיר נישט פאַראינטערעסירט. דער סאָוויעטישער רעפּשים שטיצט זיך נישט אויף ליגנס... מיר זענען אויסן נאָר דעם אמת.

— דאָס פרייט מיך זייער. דאָס וועט פאַרלייכטערן מיין אויפגאַבע. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זיין געצוווּנגען אויסצוטראַכטן געשפּרעכן, כדי אייך צו באַפרידיקן. אויב איר זענט פאַראינטערעסירט נאָר אין אמת, וועלן צווישן אונדז נישט זיין קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן.

קאַלעשניקאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט דעם אָנגעזאָגט, אַז דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט. ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט מיט אַן ערנסט פּנים, אויף וועלכן עס זענען געווען סימנים פון מידקייט. עס איז שוין געווען נאָך חצות.

— איך האָף, אַז בקרוב וועל איך אייך ווידער זען אין דעם צימער מיט גוטע באַריכטן.

איך האָב אים נישט געענטפערט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

אין דרויסן איז געווען שטאַרק פינצטער. די גאַנצע שטאָט איז שוין פון לאַנג געשלאָפן. אויף די גאַסן האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. נאָר ביים קליינעם מאַרק איז אויף דער ערד געזעסן אַן אַלטער טאַדזשיק און געדרימלט. זעט אויס, אַז ער האָט געוואַרט אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס מען האָט אים באַדאַרפט ברענגען פאַרטאָג פון אַ קאָלכאָז. אין אונדזער הויז האָט קיינער נישט געזען, אַז איך בין אַהיינגעקומען אַזוי שפּעט. אַלע זענען שוין פון לאַנג געשלאָפן. נאָר מיין פרוי האָט געוואַרט אויף מיר.

צוזאַמענגנס האָב איך דערציילט די ברידער ש. און דעם „שוסטער" ה. וועגן מיין באַזוך אין דער נ.ק.וו.ד. און דעם אינהאַלט פון געשפּרעך, וועלכן איך האָב געפירט מיט קאָלעשניקאָוון. איך האָב געפילט אַ טיפע באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט מיינע איבערלעבונגען און כדי מיין געוויסן זאָל זיין ריין.

די ברידער ש. זענען געווען מיינע נאָענטסטע שכנים. מיר האָבן געוווינט טיר ביי טיר אויפן ערשטן שטאָק פון דעם הויז, אין וועלכן עס האָבן געלעבט ביי 10 פאַמיליעס פון פּוילן. מיר האָבן זיך זייער אָפּט אונטערהאַלטן, ספּעציעל אין די ווינטער-אָוונטן, אין וועלכע עס איז פּשוט נישט געווען וואָס צו טאָן. צווישן עלטערן און יינגערן ברודער איז געווען אַן אונטערשיד אין 10—12 יאָר. דער יינגערער ברודער הענעך האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַרן עלטערן, עלי. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרלייכטערן אים דאָס לעבן. אַלע שווערע אַרבעטן האָט ער פאַר אים אויסגעפירט. ביידע האָבן געאַרבעט אין דעם „קישמיש־זאַוואָד" אַלס פּשוטע אַרבעטער. ווען מען האָט באַדאַרפט הייבן אַ שווער זעקל מיט ראָזשינקעס האָט דאָס געטאָן הענעך, הגם פיזיש איז ער נישט געווען אַזאַ העלד.

עלי איז געווען דער ווירטשאַפטס-לייטער און קאַסירער. יעדע פאַרדינטע קאָפּיקע האָט הענעך אָוועקגעגעבן זיין ברודער. ביידע זענען געווען נישט פאַרהייראַט און האָבן געפירט אַ באַשיידן לעבן. עלי איז

אויך געווען דער איינקויפער פון שפּייז־פּראָדוקטן און דער קוכער. זיי זענען געווען טראַדיציאָנעלע יידן, אָבער נישט שטרענג רעליגיעז. אין אורא־טיובע איז אוממעגלעך געווען צו האַלטן כשרות, ווייל עס איז נישט געווען קיין שוחט און נישט קיין כשרע יאַטקע, הגם עס זענען געווען הונדערטער יידישע פאַמיליעס פון פּוילן און פון רוסלאַנד.

דער עלטערער ברודער (ביידע לעבן אין קאַנאַדע) איז געווען זייער אַ שפּאָרזאַמער, אַלץ איז ביי אים געווען גענוי אויסגערעכנט. ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעגעבן אַן איבעריקן רובל.

ביידע ברידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט. זיי האָבן פון קיינעם קיינמאָל גאָרנישט געבעטן און זיך שטענדיק באַגנוגנט מיט דעם וואָס זיי האָבן פאַרדינט. זיי האָבן אויך געהאַט אַן „אייזערנעם רעזערוו" אויף אַ שלעכטער שעה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל גאָלדענע מטבעות (חזירלעך) און אפשר אויך דאָלאַרן, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פון דער היים. דעם דאָזיקן רעזערוו האָבן זיי קיינמאָל נישט אָנגערירט ביז זיי האָבן זיך רעפּאַטריאירט קיין פּוילן.

דער „שוסטער" ה. האָט געוווינט אונטער אונדז אין פּאַרטער מיט זיין פרוי און אַ מיידעלע פון צוויי יאָר. ער האָט געשטאַמט פון לאָדזש, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס וועבער. אין אורא־טיובע האָט ער נישט געאַרבעט אין זיין פאַך, ווייל עס איז פּשוט נישט געווען ווו צו אַרבעטן. און אַפילו ווען עס וואָלט יאָ געווען ווו צו אַרבעטן, וואָלט ער עס נישט געטאָן, ווייל נאָר פון לוין אַליין, ווען מען האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו גנבענען, האָט מען נישט געקענט לעבן. האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ זעלבשטענדיקער שוסטער. ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך, ווייס איך נישט. אָבער ער האָט געהאַט, ווי מען זאָגט, גאָלדענע הענט, און שנעל געכאַפּט די מלאכה פון שוסטעריי.

ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאַך. אין לענינאַבאַד האָב איך געהאַט אַ גוטן פריינט פון מיין שטאָט, וועלכער איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער ראָווער־מעכאַניקער און דאָ איז ער געוואָרן אַ שטיוול־מאַכער. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז קיין גרויסע מייסטערס זענען די ניי־אויפגעקומענע שוסטערס נישט

געווען. אין קיין שום אַנדער לאַנד וואָלטן זיי נישט געקענט פאַרקויפן זייער סחורה. אָבער אין רוסלאַנד איז אַלץ געגאַנגען. קיינער האָט נישט געקוקט אויף דער קוואַליטעט און אויפן מאָדעל. דער עיקר, אַז עס איז דאָ וואָס אַרויפצוציען אויף די פיס.

מיין שכן האָט געמאַכט שטיוועלעך פאַר פרויען פון ווייכער ציגן־לעדער. ער האָט אויך געמאַכט דאַמען־שיך פון אַזאַ קוואַליטעט, וואָס אין פוילן וואָלט זיך קיינער אויף זיי נישט אומגעקוקט. אָבער אין אוראַ־טיובע אין די אָנהייב פערציקער יאָרן זענען נישט געווען באַוולען. אַלץ איז געגאַנגען, ווייל דער מאַרק איז געווען אויסגעהונגערט אויף סחורות פון אַלע מינים און די קוואַליטעט האָט כמעט נישט געשפּילט קיין ראָל.

ה. איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. ער האָט נישט געהאַט קיין גרינטלעכע בילדונג, אָבער דעם בלויז האָט ער אין אַ גרויסער מאָס דערגענצט מיט לייענען ביכער, מיט לערנען אויף קורסן פאַר עלטערע. אין פאַרמלחמהדיקן פוילן איז ער געווען אַ קאָמוניסט. אויך זיין פרוי איז געווען געגייגט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אויף ווי ווייט זיין אַקטיווקייט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז געגאַנגען, ווייס איך נישט. וועגן דעם האָבן מיר נישט גערעדט. ער האָט מיר אַליין וועגן דעם נישט דערציילט און איך האָב נישט געוואָלט אים ציען ביי דער צונג אין דער דעליקאַטער פראַגע.

אָבער די ביטערע אַנטוישונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, דער פּאָסיאָלאָק אין די סיבירער טייגעס האָבן אים פולשטענדיק אויסקורירט פון קאָמו־ניזם. ער האָט שפּעטער געזען נאָר די נעגאַטיווע זייטן פון סאָוויעטישן רעזשים. ער האָט פאַרברענט אַלע אידעאישע בריקן צו דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג. זיין טרוים איז געווען, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס שנעלער פאַרענדיקן און ער מיט זיין פאַמיליע זאָלן קענען פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די ברידער ש. און ה., מיט וועלכע איך האָב זיך באַראָטן וועגן מיינע קאָנטאַקטן מיט דער נ.ק.וו.ד. זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף פאַרזעצן דעם „דיפּלאָמאַטישן שפּיל" פון געווינען צייט. די מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף און עס וועט נישט לאַנג דויערן און מען וועט פּטור ווערן פון אַלע „נאַטשאַלניקעס". מיט קאַלעשניקאָוון קען

אויך פֿאַסירן דאָס זעלבע וואָס מיט זיין פֿאַרגייער יעגאַראָוו און אין אַ שיינעם העלן טאָג וועט ער פֿאַרשווינדן פֿון אורא־טיובע און דאָן הייבט זיך ווידער אָן אַ נייע רונדע. און ביז דער נייער באַלעבאָס וועט איבער־נעמען דאָס „געשעפֿט", וועלן ווידער אַדורך לאַנגע מאָנאַטן. איז די איינציקע האָפֿענונג געוועזן, אַז די צייט וועט ברענגען די ישועה. מיינע פֿריינט זענען אויך געוועזן ביי דער מיינונג, אַז איך דאַרף נישט וואַרטן ביז מען וועט מיך רופֿן, נאָר נאָך אַ געוויסער צייט זיך אַליין מעלדן צו קאַלעשניקאָוון און דורך דעם אָפּוועגדן יעדן חשד, אַז איך דריי זיך אַרויס פֿון דערפֿילן מיינע פֿליכטן.

די דאָזיקע טאַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ ריכטיקער און פֿאַרנונפֿטיקער. צוויי מאָנאַטן נאָך מיין ערשטן באַזוך ביי קאַלעשניקאָוון, האָב איך זיך אַליין צו אים אָנגעמאָלדן.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז קאַלעשניקאָוו איז געווען איבער־ראַשט פֿון מיין אומדערוואַרטן וויזיט. ער האָט אָבער געמאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז דאָס איז נאַטירלעך, ווען מען קומט צו אים אָן אַ ספּעציעלער איינלאַדונג.

קאַלעשניקאָוו איז דאָס מאָל געווען אין אַ בעסערער שטימונג ווי ביים ערשטן מאָל. ער האָט געשמייכלט און זיך באַמיט, אַז איך זאָל זיך פֿילן אָנטשפּאַנט אין זיין געזעלשאַפֿט.

— נו, וואָס פֿאַראַ גוטע בשורות ברענגט איר מיר? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן.

— אויב איר מיינט די גוטע ידיעות פֿון די פֿראָנטן, ווייסט איר וועגן זיי פּונקט ווי איך פֿון די צייטונגען און ראַדיאָ. איר האָט מן הסתם נאָך אַנדערע קוועלן. מיר זענען זייער גליקלעך וואָס די מלחמה דער־נענטערט זיך צום סוף און דער ראַטנפֿאַרבאַנד וועט אָפּהאַלטן אַ פֿולן זיג איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע.

— נאָר צוליב דעם זענט איר געקומען צו מיר? מער האָט איר מיר נישט וואָס צו זאָגן? אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט איר מיר צוגעזאָגט צו דערציילן וואָס עס רעדן אייערע פּוילישע חברים. מיר זענען, צום ביישפּיל, זייער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס רעדט מען אין דער וווינונג פֿון דעם וויין־ספּעקולאַנט ד., אין וועלכער

עס קומען זיך צונויף פיל פּאָליאַקן און אַפילו רוסישע מענטשן. מיר האָבן אינפאָרמאַציעס, אַז מען רעדט דאָרט זייער פיל וועגן פּאַלעסטינע און אַ סך פון אײַך באַדויערן וואָס איר האָט נישט געקענט פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט דער רעאַקציאָנערער אַנדערס־אַרמיי.

— דאָס איז אַ גאַנץ נאָרמאַלע דערשײַנונג. און איר דאַרפט זיך גאָרנישט וווּנדערן — האָב איך רואיק געענטפערט. פּונקט ווי מען רעדט וועגן די, וועלכע זענען אַוועק אין דער פּוילישער אַרמיי פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, אַזוי רעדט מען אויך וועגן פיל פרײַנט און באַקאַנטע, וועלכע זענען אַוועק מיט דער אַנדערס־אַרמיי און געפינען זיך הײַנט אין פּאַלעסטינע. פיל פון זיי שרײַבן בריוו צו זייערע פרײַנט אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

— די ציוניסטן זענען אַוועק קיין פּאַלעסטינע — האָט מיט באַטאָ־נונג געזאָגט קאָלעשניקאָוו. זיי ווילן דאָרט אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, וואָס זאָל דינען די ענגלישע און אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטן. איך האָב דורכגעקוקט אײַערע אַקטן און געזען, אַז אויך איר זענט אַ ציוניסט.

— האַלט איר דאָס פאַר אַ פאַרברעכן ? — האָב איך געפרעגט.

— ניין. אויך מיר האַלטן, אַז יידן דאַרפן קאָנצענטרירט ווערן אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע און דעריבער האָבן מיר זיי געגעבן ביראָ־בידזשאַן. אָבער זיי האָבן ביז איצט ווי געהעריק נישט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט.

— אָבער ביראָבידזשאַן איז דאָך נאָר פאַר סאָוויעטישע יידן. אויף דער וועלט זענען נאָך פאַראַן מיליאָנען יידן, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט קומען קיין ביראָבידזשאַן און זיי האַלטן, אַז נאָר אין פּאַלעסטינע קען מען אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, ווײַל דאָס איז דאָס היסטאָרישע לאַנד פון יידישן פאָלק.

— אָבער לאָמיר צוריקגיין צום ספּעקולאַנט ד. — האָט געזאָגט קאָלעשניקאָוו, איבערײַסנדיק דעם פּאָליטישן וויכוח — איר וועט מיר נישט זאָגן, אַז ער איז אונדזער פרײַנט. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט אין פאַשיסטישן פּוילן, אין דער צײַט, ווען זײַן משפחה, די פרוי און די קינדער זענען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָלט ער געווען אונדזער אמתער פרײַנט, וואָלט ער אַלץ געטאָן, כדי ער זאָל זײַן בײַ

אונדז מיט זיין פאַמיליע. אָבער מיר ווייסן, אַז ער האָט אונדז פיינט און ער וואַרט נאָר אויף דער געלעגנהייט צוריקצוקערן קיין פוילן.

איך האָב זיך באַמיט צו באַרואיקן קאַלעשניקאָוון, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער צו דענערווירן.

— ד. איז טאַקע ווייט פון קאָמוניזם. ער איז שוין צו אַלט, כדי זיך צו ענדערן און אָננעמען נייע אָנשויאונגען. אָבער פון דעם ביז צו פאַר־וואַנדלען אים אין אַ שונא פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַ ווייטער מרחק. ווי אַזוי קען ער זיין אייער שונא, ווען ער האָט צוויי זין אויפן פראָנט? ער מוז דאָך מיטן גאַנצן לעבן זיין פאַראינטערעסירט אין נצחון פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס וועט אויך זיין זיין פערזענלעכער זיג!

איך האָב געפילט, אַז מיט מיינע לעצטע ווערטער איז מיר געלונגען אַ ביסל אָפּצוקילן דעם כעס פון קאַלעשניקאָוון. דער אַרגומענט מיט די צוויי זין האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. טראָץ דעם האָט ער נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז אין דער וווינונג פון ד. קומען זיך צונויף אַנטי־סאָוויעטישע עלעמענטן, וואָס פאַרשפּרייטן כלערליי פאַלשע ווערסיעס וועגן ראַטנפאַרבאַנד און וועגן דער רויטער אַרמיי.

אויף דעם האָב איך געענטפערט קאַלעשניקאָוון, אַז פון צייט צו צייט באַזוכן אים די פאַמיליע פון ד., און ספּעציעל זיין טאָכטער און איידעם, אָבער כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט פון זיי קיין אַנטי־סאָוויעטישע אַרויס־טרעטונגען. זייער איינציקע זאָרג איז דער גורל פון זייערע זין אויפן פראָנט.

קאַלעשניקאָוו האָט מיר נישט געשטעלט מער קיין פראַגן. איך האָב דאָס אויסגענוצט, כדי אָפּצוהאַקן דאָס געשפּרעך און וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן זיין צימער. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אים דערלאַנגט די האַנט. פאַרן אוועקגיין האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען ער וועט מיך באַדאַרפן, וועט ער מיך אַרויסרופן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז קאַלעשניקאָוו האָט צו זיך אַרויסגערופן אונדזער פריינט ד., דעם פאָטאָגראַף וו. און דעם רוסישן ייד מ., וועלכער האָט געאַרבעט אין „וואָ־יענקאָמאַט" אין אורא־טיובע און יעדן איינעם באַזונדער אויסגעפרעגט וואָס איז אַזוינס „פּאַקער". ער האָט פּשוט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז

אַ קאָרטן־שפּיל. ער האָט געמיינט, אַז מען קען שפּילן נאָר אין „21״, אָדער אין „אָטשקאָ״, אָבער וועגן „פּאָקער״ האָט ער קיינמאָל נישט געהערט. ער האָט געהאַט אַ פּאַרדאַכט, אַז אונטער דעם באַהאַלט זיך אויס עפּעס אַן אַנטיסאָוויעטישע טעטיקייט. מיינע פריינט האָבן געמוזט שווער אַרבעטן, כדי צו באַזייטיקן דעם דאָזיקן חשד. דער פאָטאָגראַף האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט אויסצולערנען קאָלעשניקאָוון צו שפּילן אין פּאָקער, אָבער דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. האָט נישט אָנגענומען די אָפּערטע...

וועגן דער פאַמיליע ד. און אירע אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. די דאָזיקע פאַמיליע האָט זיך איינִיקע מאָל צעשיידט און איינִיקע מאָל פאַראייניקט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער פאָטער געבליבן אין פּוילן און די פרוי מיט דריי קינדער אין ראַטנפאַרבאַנד. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט פאַראייניקט דעם פאָטער מיט די קינדער. די מוטער איז אין דער צייט געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַזאַכסטאַן. ווען מאַן און פרוי האָבן זיך נאָך העכער 20 יאָר צופעליק געטראָפן אין אַ טשייכאַנאַ אין אורסאַטעוסק, האָבן זיי זיך נישט דערקענט. נאָך אַזוי פיל יאָרן צעשיידונג האָבן מאַן און פרוי נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישן זיך. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז דער פאָטער מיט דער טאָכטער און איידעם געפאָרן קיין פּוילן און די מוטער איז געבליבן מיטן יינגערן זון אין ראַטנפאַרבאַנד. דער עלטערער זון איז געפאַלן אויפן פראָנט.

באַזוכן אין לענינאַבאַד

אין לענינאַבאַד בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט. איך האָב דאָרט געהאַט פיל פריינט און באַקאַנטע פון לובלין און פון אַנדערע שטעט, ווי אויך פון פּאָסיאָלאָק אין טאַרזאַ. אַחוץ דעם בין איך אַהין געפאָרן פאַרקויפן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וועלכע איך האָב באַקומען

פון קאַלכאַז, ווייל אין לעניִנאַבאַד האָט מען באַקומען אַ העכערן פּרייז. ספּעציעל אין די ווינטער־חדשים האָב איך געהאַט מער צייט. די טראַק־טאָריסטן האָבן נישט געאַרבעט, האָב איך מיר געקענט דערלויבן צו פאָרן אין דער ראַיאָן־שטאָט.

איך בין נישט געווען דער איינציקער, וועלכער איז אין די ווינטער־מאָנאַטן געפאָרן קיין לעניִנאַבאַד מיט מעל, ווייץ, ראַזשינקעס און אַנ־דערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אין דער דאָזיקער צייט זענען זיך דאָ צונויפגעקומען די פּליטים פון פּוילן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די אַרומיקע קאַלכאָזן, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס אין דער תקופה פון די רעגנס האָט מען זיי נישט געטריבן צו דער אַרבעט אין די פעלדער. זיי זענען בדרך כלל געווען באַשעפטיקט אַלס געוויינלעכע קאַל־כאָזניקעס און דעריבער זענען זייערע פאַרדינסטן געווען נישטיקע. זיי האָבן קוים געהאַט וואָס צו עסן. וואָס לענגער עס האָט געדויערט דער קריג, אַלץ ערגער איז געוואָרן די לאַגע אין די קאַלכאָזן. עס זענען כסדר פאַרגרעסערט געוואָרן די צושטעלונגען פון תבואה און מעל פאַר דער מדינה און פאַרן קאַלכאָז איז זייער ווייניק געבליבן צו פאַרטיילן צווישן די מיטגלידער.

דאָס ביסל מעל, וואָס די פּוילישע קאַלכאָזניקעס פלעגן באַקומען האָבן זיי זיך נישט פאַרגונען צו פאַרנוצן אויף ברויט, ווייל אויפן שוואַרצן מאַרק איז עס געווען פיל טייערער ווי ברויט. האָבן זיי געבראַכט 20—30 קילאָ מעל קיין אורא־טיובע, אָדער לעניִנאַבאַד און עס דאָרט פאַרקויפט אויפן פרייען מאַרק צו 120—130 רובל פאַר אַ קילאָ און געקויפט ברויט פאַר העלפט געלט. אַזוי האָט מען געמוזט קאָמבינירן, כדי צו קענען עקזיסטירן אין די שווערע באַדינגונגען.

די פּוילישע יידן אין לעניִנאַבאַד זענען אַריינגעדרונגען אין כמעט אַלע ווירטשאַפטלעכע צווייגן פון דער שטאָט און אויך די מלוכהשע און שטאַטישע אַנשטאַלטן. פאַר מענטשן מיט בילדונג און קוואַליפיקאַציעס זענען כמעט נישט געווען קיין באַגרענעצונגען. אינזשינערן, דאָקטוירים, בוכהאַלטערן, טעכניקער, לערער האָבן פאַרנומען אַנגעזעענע פּאָסטנס.

טיכטיקע פּוילישע יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציפיש פאַך האָבן זיך אויסגעלערנט שוסטעריי און שניידעריי און געלעבט פיל

בעסער ווי די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן קוים פאַרדינט אויף אַ באַ־שיידענער עקזיסטענץ.

אין לעונינאָבאַד איז געווען אַ גרויסער קאָנסערוון־קאָמבינאַט, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער, צווישן זיי אַ פּאָר צענדליק פּוילישע יידן. די פּרוכט־קאָנסערוון פון לעונינאָבאַד זענען געווען באַרימט אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן זיך באמת אויסגעצייכנט מיט זייער געשמאַק און הויכער קוואַליטעט. די דאָזיקע קאָנסערוון זענען געווען אין די מאַגאַזינען נאָר אויף שפּייז־קאַרטן. פליייש־קאָנסערוון האָט מען בכלל נישט געגעבן אויף די קאַרטן, ווייל אַלץ איז געגאַנגען פאַר דער אַרמיי. פון צייט צו צייט האָט מען געקענט קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק גע־גנבעטע פּושקעס קאָנסערוון, וואָס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער פאַבריק דורך די אַרבעטער מיט פאַרשידענע וועגן, אָדער זענען אומגע־זעצלעך פאַרקויפט געוואָרן דורך דער נאַטשאַלסטוואָ ביי דער הילף פון פאַרמיטלער, מיט וועלכע די „קאַרפּן־קעפּ״ זענען געווען אין אַ סטאַבילער פאַרבינדונג.

אין דעם קאָנסערוון־קאָמבינאַט האָבן געאַרבעט אייניקע מיינע חברים, פון לובלין, צווישן זיי יצחק כעלם, מיט וועלכן איך האָב צוויי מאָל געשמוגלט די סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ, גוטעק גאָלדרינג, מיט וועלכן איך בין אויפגעוואַקסן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני״, סאַלעק זוסמאַן און אַנדערע.

גוטעק גאָלדרינג איז אַנטלאָפן פון לובלין גלייך נאָך דער ערשטער שטאַרקער באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט דורך די דייטשן. ער איז אַוועק קיין קשעמיענעץ, ווו ער האָט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געאַרבעט אַלס טעכניקער ביים בויען שאָסייען. ווען די רוסן זענען געקומען האָט ער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט ביים בויען נייע סטראַ־טעגישע וועגן און בריקן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער אינ־זשיניעריע־אָפּטיילונג פון דער נ.ק.וו.ד. ווען די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך גאָלדרינג עוואַקואירט מיט זיינע באַלעבאַטים קיין כאַרקאָוו. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער תוהו־ובוהו און די גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז זיך צעפאַלן. יעדער איינער האָט אויף אייגענער האַנט געזוכט אַ מקום־מקלט וואָס ווייטער פון דער פראָנט־ליניע.

ווען איך האָב שפּעטער געפרעגט מיין פריינט ווי אַזוי ער איז „אריינגעפאַלן" קיין לענינאַבאַד, האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז פּשוט געווען אַ צופאַל. פאַר דער מלחמה האָט ער פיל געהערט וועגן קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד. איז ער געווען זיכער, אַז לענינאַבאַד איז אויך אַ קור־אָרט. האָט ער באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין לענינאַבאַד און דאָרט בויען נייע שאַסייען.

אָבער ווען ער איז געקומען קיין לענינאַבאַד האָט ער געזען, אַז דאָס איז נישט קיין קור־אָרט און אַז ער וועט דאָ נישט האָבן קיין מעגלעכ־קייט צו אַרבעטן אין זיין פאַך. איז ער אַריין אַרבעטן אין קאָנסערוון־קאָמבינאַט.

אין דעם קאָמבינאַט האָט מיין קאָלעגע געמאַכט אַ „קאַריערע". ער האָט אָנגעהויבן פון אַ פּשוטן אַרבעטער, שפּעטער געוואָרן אַ לייטער פון אַן אָפּטיילונג און צום סוף הויפּט־מאַגאַזיניער פון דער פאַבריק. דאָס האָט ער דערגרייכט אַ דאַנק זיינע קענטעניש, אָרגאַניזאַציאָנעלן טאַלאַנט און גרויסער פאַרלעסלעכקייט. דאָס איז נישט געווען קיין פּשוטע אַרבעט, ווייל אין דעם מאַגאַזין זענען געלעגן צענדליקער און אָפטמאָל הונדער־טער טאָן פון פאַרשידענע סחורות. און אין די באַדינגונגען פון יענע טעג, ווען יעדער האָט געלעבט פון גניבות, איז נישט געווען לייכט צו באַהערשן די לאַגע.

דער הויפּט־דירעקטאָר מאַלינאָווסקי, וועלכער האָט באַשטימט מיין פריינט אויף דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, איז געווען איבערצייגט, אַז מיט גוטעק גאָלדרינג וועט ער קענען מאַכן פאַרשידענע טונקעלע גע־שעפטן, אָבער ער האָט זיך ביטער אַנטוישט. גאָלדרינג האָט נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע אומפאַראַנטוואָרטלעכע ריזיקאַנטן, וועלכע זענען גע־ווען גרייט אויף אַלע שריט, כדי שנעל רייך צו ווערן. ער האָט גענאָסן פון דער פאַבריק־פּראָדוקציע נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס איז געווען נייטיק פאַר אַ נאָרמאַל, באַשיידן לעבן.

נאָך אַ פּאָר מאָנאַטן האָט מיין קאָלעגע באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער גייט אין דער פרי אַריין אין מאַגאַזין, טרעפט ער אָן אויף אַן אומאָרדענונג. ווען ער האָט דאָס דערציילט דעם דירעקטאָר, האָט ער געפילט, אַז יענער געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט געוווּסט, אַז

דער דירעקטאָר איז פאַרמישט אין דער דאַזיקער „אומאָרדענונג”, ווייל אַז אים וואָלט קיינער נישט געוואָגט אַריינצוגיין אין מאַגאַזין. גאָלדרינג האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דעם, אַז מען וויל אים אונטערשטעלן אַ פוס און אומאויפהערלעך גנבענען אויף זיין קאָנטאָ, האָט ער באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון דער אַרבעט. דער דירעקטאָר איז, פאַרשטענדלעך, געווען צופרידן פון דעם וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון אַ מאַגאַזיניער, מיט וועלכן ער האָט נישט געקענט מאַכן קיין לינקע געשעפטן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב.

אין דער זעלבער צייט זענען אין לעבן פון מיין פריינט פּאַרגעקו־מען צוויי געשעענישן: נאָך לאַנגע זוכענישן איז ער געוויר געוואָרן, אַז זיין פאָטער און שוועסטער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון לובלין אַ פּאָר וואָכן נאָך אים, געפינען זיך אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון דער גרוזינישער הויפּטשטאָט, טביליסי. גלייכצייטיק האָט ער באַשלאָסן צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן — כעלם און זוסמאַן צו פאָרן קיין יאַנגי־יול און מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען מען זאָל אים אָננעמען אין אַנדערס־אַרמיי. זיין ציל איז געווען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען זיין טרוים פון די יוגנט־יאָרן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געהערט צו דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני”.

אין יאַנגי־יול זענען די „3 מוסקעטערן” געבליבן אַ פּאָר וואָכן. אַלע דריי זענען דורכגעגאַנגען פאַרשידענע קאָמיסיעס. יצחק כעלם און גוטעק גאָלדרינג האָט מען אָנגענומען אין דער אַרמיי. כעלם האָט געהאַט די פּראָטעקציע פון זיין פעטער, וועלכער האָט געשפּילט אין דעם רעפּרע־זענטאַנץ־אָרקעסטער פון דער אַרמיי און גאָלדרינג איז אָנגענומען געוואָרן צוליב זיין טעכנישער בילדונג. די אינזשיניעריע־אָפּטיילונגען האָבן זיך געניטיקט אין אַזעלכע פאַכלייט. זוסמאַנען האָט מען אָפּגעוואָרפן.

אָבער מיט גוטעק גאָלדרינג איז געשען אַ „פּאַנטשער”. ער איז קראַנק געוואָרן אויף בויך־טיפוס. די דאָזיקע עפּידעמיע האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט צווישן די פּליטים פון פּוילן, וועלכע האָבן געלעבט אין שווערע באַדינגונגען. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל זענען די צוגן מיט די מאָביליזירטע זעלנער שוין געהאַט אָוועקגעפאָרן. צווישן זיי איז אויך געווען יצחק כעלם.

צוריקקומענדיק קיין לעגינאַבאַד האָט גאָלדרינג באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין גרוזיע, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט זיין פאָטער און שוועסטער. אָבער דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַ פּראָפּוסק האָט מען געקענט באַקומען העכסטנס ביז דער פּאָרט־שטאָט קראַסנאָוואָדסק אויפן קאַספּישן ים, און פון דאָרט האָט מען באַדאַרפט מיט כלערליי אומלעגאַלע וועגן זיך „אַריבערפּעקלען" אויף דער צווייטער זייט ים, קיין באַקו, אָדער מאַכאַטשקאַלאַ.

אין לעגינאַבאַד האָבן זיך אַרומגעדרייט כלערליי מאַכערס מיט פאַלשע און אמתע „פּראָפּוסקן". אַ פאַלשער פּראָפּוסק האָט געקאָסט 1500 און אַן אמתער 5000 רובל. גוטעק האָט באַשלאָסן צו קויפן אַן אמתע דערלויבע־ניש ביי איינעם פון די נ.ק.וו.ד.־נאַטשאַלניקעס ביי דער פּאַרמיטלונג פון אַ באַקאַנטן מאַכער. ווען גוטעק האָט זיך געפּרוווט צו דינגען מיטן נאַטשאַלניק וועגן פּרייז, האָט אים דער נ.ק.וו.ד.־ניסט קלאָר און דייטלעך געענטפערט „איך ווייס, אַז אין גאַס קען מען קויפן פאַלשע פּראָפּוסקן, אָבער ביי מיר קאָסט עס 5000 רובל".

עס האָט אים אויך צוגעשפּילט דאָס מזל, דערמיט, וואָס דער די־רעקטאָר פון פּאָרט אין קראַסנאָוואָדסק איז געווען אַ שוואָגער פונעם דירעקטאָר פון קאָנסערוון־קאָמבינאַט אין לעגינאַבאַד. טראָץ דעם וואָס די באַציאונגען צווישן זיי זענען לעצטנס נישט געווען אַזעלכע גוטע, האָט אים מאַלינאָווסקי געגעבן אַ וואַרעמען בריוו צו זיין שוואָגער. דאָס, האָט אים טאַקע אַ סך געהאָלפן.

אין קראַסנאָוואָדסק האָט אים דער דירעקטאָר פון פּאָרט אַריינ־געשמוגלט אין אַ פישער־שיפל, וואָס איז געגאַנגען קיין באַקו און פון דאָרט איז ער מיט דער באַן אַנגעקומען קיין קראַסנאָקאָלאַדצע, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט זיין פאָטער און שוועסטער.

זיין פאָטער האָט גוטעק געפונען אין אַ זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע. עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו גיין צו דער אַרבעט אַלס וועג־טעכניקער, ווייל פון דעם געהאַלט האָט מען נישט געקענט עקזיסטירן. האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ „ספּעקולאַנט". פון די ווייטע דערפער האָט ער מיט דער באַן געבראַכט זעק מיט קערנדלעך און זיי פאַרקויפט אין טביליסי און אין קראַסנאָקאָלאַדצע. די נאַטשאַלניקעס פון די באַן־סטאַ־

ציעס און די באַן־קאָנטראָלערן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען שטילע שותפים צו די דאָזיקע געשעפטן און זיי האָבן געטאָן אַלץ, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין דורכפאַלן.

דער האַנדל איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. פון טביליסי האָט מען געפירט אין קליינע שטעטלעך און אין די דערפער פאַרשידענע סחורות ווי זאַקן, העמדער, אונטערוועש, שיך, שוועבעלעך א. אַ. די צו־שטעלער פון די דאָזיקע סחורות זענען הויפּטזעכלעך געווען גרוזינישע יידן. זיי האָבן באַניצט אַן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייט צוצופּאַסן זיך צום רעזשים און גלייכצייטיק אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט, כדי צו פאַר־לייכטערן זיך די עקזיסטענץ אין די שווערע באַדינגונגען. אָבער דאָס האָבן געטאָן נישט נאָר יידן, נאָר די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער גרו־זינישער באַפעלקערונג. צווישן די גרוזינישע יידן איז אין דער הינזיכט געווען אַ גרעסערע סאָלידאַריטעט און גרייטקייט צו קעגנזייטיקער הילף ווי ביי אַנדערע.

די גרוזינישע יידן האָבן זיך באַצויגן פריינטלעך צו די אייראָפּעישע יידן, וועלכע זענען דאָ געווען פליטים. ווען אַ פּוילישער, אָדער רוסישער ייד איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, האָבן זיי איבער־געדרייט וועלטן, כדי אים צו באַפרייען. און אין גרעסטן טייל פאַלן האָבן זיי געהאַט דערפאָלג.

אין אויגוסט 1944 האָט גוטעק גאָלדרינג באַשלאָסן, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט צו פאָרן אַהיים. פאַר 40.000 רובל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ סך געלט, האָט ער געקויפט דריי פּראָפּוסקן און איז אָפּגעפאָרן קיין לובלין. סוף אויגוסט איז ער אָנגעקומען אין זיין היים־שטאָט, אין וועלכער די היטלעריסטן האָבן פאַרניכטעט די גאַנצע יידישע באַפעלקע־רונג. ווען ער האָט דעם 1טן סעפּטעמבער אָראָפּגעקוקט פון פענצטער אויף דער גאַס, האָט ער געזען הונדערטער קינדער גייען אין דער שול. אָבער צווישן די דאָזיקע קינדער איז נישט געווען קיין איין יידיש קינד...

עובדיה פעלד

ד״ר באָריס קאָמאָראָווסקי

אין מערץ 1945 איז געבוירן געוואָרן מיין טאָכטער חנה. די באַדינגונגען אין קליינעם שפּיטאָל פון אורא־טיובע זענען געווען ביז גאָר פּרימיטיווע. עס האָבן געפעלט די עלעמענטאַרע סאַניטאַרע באַדינגונגען פון אַ שפּיטאָל. מיט גרויס פּראָטעקציע און פאַר כאַבאַר האָט מיין פרוי באַקומען אַ באַזונדער צימער און אַ ריין בעט. דאָס שפּיטאָל איז הויפּטזעכלעך באַדינט געוואָרן דורך דאָקטוירים־פרויען, ווייל דער גרעסטער טייל מענער־דאָקטוירים זענען געווען נעבעטער צום פראָנט, אָדער אין די גרויסע מיליטערישע שפּיטעלער, אין וועלכע מען האָט געבראַכט די פאַרוווּנדעטע זעלנער.

דער אַלגעמיינער ניוואָ פון די דאָקטוירים אין אורא־טיובע איז געווען זייער אַ נידעריקער. זיי האָבן, ווי מען זאָגט, געוווּסט אַ קרענק. נישט איין קראַנקן האָבן זיי פאַרפּירט. אין ערנסטע פאַלן האָט מען געמוזט ברענגען אַ ספּעציאַליסט פון לעניגאַבאַד, אָדער פאָרן צום באַקאַנטן אין דער גאַנצער געגנט ד״ר באָריס קאָמאָראָווסקי, וועלכער האָט געוווינט אין קאַלינינבאַד — ביי 20 קילאָמעטער פון אורא־טיובע.

ד״ר קאָמאָראָווסקי האָט געשטאַמט פון מאָסקווע און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַדזשיקיסטאַן צוליב „פּאָליטישע סיבות״. פאַר וועלכע זינד ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין די הרי־חושך נאָך פאַרן אויסברוך פון קריג האָט קיינער נישט געוווּסט. ער אַליין האָט אויסגעמיטן וועגן דעם צו רעדן, אַפילו מיט אונדז, הגם ער האָט געוווּסט, אַז צו די „פּאַליאַקן״ קען מען האָבן צוטרוי און מען קען מיט זיי רעדן אויך וועגן פּאָליטיק. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז קאָמאָראָווסקי האָט באַצאָלט דעם טייערן פּרייז פאַר אַ וויץ וועגן סטאַלינען און בעריאַ. דערביי האָט ער נאָך גוט אָפּגעשניטן, ווייל פאַר אים האָבן זיך איינגעשטעלט אייניקע מיטגלידער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מאָסקווע, וועלכע האָבן רעספּעקטירט דעם יונגן און ביז גאָר פעאיקן דאָקטאָר, וועלכן מען האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע מעדיצינישע קאַריערע.

ד״ר קאָמאָראָווסקי איז דאַן געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 40. ער איז געווען הויך, שלאַנק מיט אַן איידל געזיכט, און מיט זיין שיינקייט, אינ־

טעליגענץ און סובטעלקייט האָט ער זיך אויסגעטיילט פון דער אַרומי־קער סביבה. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט און עס איז נישט געווען לייכט צו אים צוצוקומען. שטענדיק האָט ער אַרומגערייזט אין די קאָלכאָזן און קליינע שטעטלעך אויפן סמך פון אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער נ.ק.וו.ד., כדי צו באַזוכן שווער־קראַנקע. ער איז געווען שטאַרק באַליבט און רעספּעקטירט און מען האָט אים באַצייכנט אַלס אַ וווּנדער־דאָקטאָר. ער האָט געהאַט ממש אַ היפּ־נאָטישע ווירקונג אויף זיינע פּאַציענטן. און דאָס האָבן מיר אויך איבער־געלעבט מיט אונדזער קינד.

אונדזער טעכטערל האָט זיך שווער דערצויגן אין די ערשטע מאָ־נאַטן. זי האָט פון צייט צו צייט געליטן פון מאָגן־קראַמפּן און שטאַרקע גאַזן. זעט אויס, אַז די מילך פון דער מוטער האָט איר נישט געשמעקט, אָדער האָט אַנטהאַלטן סובסטאַנצן, וועלכע זי האָט נישט געקענט פאַר־דייען. און אָפּגעוויינען פון דער ברוסט ביז אַ יאָר האָט מען זי נישט געקענט, ווייל אין אורא־טיובע איז זייער שווער געווען צו באַקומען פרישע, ריינע מילך.

ווען מיין טעכטערל איז אַלט געוואָרן 5 חדשים האָבן זיך ביי איר פאַרשטאַרקט די מאָגן־קראַמפּן. דאָס קינד האָט פון דעם שטאַרק געליטן און עס זענען געווען טעג, ווען די ווייטיקן האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע שעהן. אַלע עצות פון די אָרטיקע דאָקטוירים האָבן נישט געהאָלפן.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער קריזיס דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. די גרויסגערופענע דאָקטוירים האָבן פאַראָרדנט אינגאַנצן נישט צו געבן דעם קינד צו זייגן פון דער מוטערס ברוסט במשך פון 24 שעה. דאָס איז געווען אַ זינלאָזע באַהאַנדלונג. אין דעם מעת־לעת זענען נישט באַזייטיקט געוואָרן די מאָגן־קראַמפּן, אָבער דאָס קינד איז אַזוי אָפּגע־שוואַכט געוואָרן פון נישט עסן, אַז עס איז געלעגן כמעט באַוועגלאָז מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. די אַליאַרמירטע דאָקטאָרין האָט אונדז נאָר געקענט אָנזאָגן די ביטערע בשורה, אַז לויט איר מיינונג וועט דאָס קינד נישט לעבן מער ווי אַ 2—3 שעה.

אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער שעה האָבן מיר נישט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג צו ראַטעווען דאָס קינד. איך האָב באַשלאָסן צו

דינגען אַ פערד און ווי מעגלעך שנעל אויסגעפינען קאַמאַראָווסקין און אים ברענגען פון קאַלינינבאַד. דאָס איז געווען די לעצטע האָפענונג. דאָס מזל האָט אונדז צוגעשפּילט. ווען איך בין אַראָפּ אויפן מאַרק צו זוכן אַ פערד, אָדער אויטאָ קיין קאַלינינבאַד, האָב איך דערזען דעם דאָקטאָר. אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט, אַז עס איז געשען אַ נס.

עס האָט געדויערט אייניקע מינוטן און קאַמאַראָווסקי איז געווען ביי אונדז אין שטוב. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר ממש געלאָפן. ער האָט געפילט, אַז יעדע מינוט קען דעצידירן וועגן לעבן פון קינד.

גלייך ווי ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט איז ער צוגעגאַנגען צום קינד, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן און אויסגערופן: „אָנאַ כאַטשעט זשיט, אי בודיעט זשיט" (זי וויל לעבן און זי וועט לעבן). ער האָט געהייסן גלייך מאַכן וואַרעם וואַסער. ער אַליין האָט אויסגעבאָדן דאָס קינד. דאָס וואַרעמע וואַסער האָט ווייכער געמאַכט דאָס בייכל און באַ־זייטיקט די קראַמפּן. דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו שרייען פון ווייטיק. עס האָט ווידער געעפנט די אויגן און אָפילו אָנגעהויבן צו שמייכלען. מיר האָבן גלייך דערפילט, אַז דאָס קינד איז געראַטעוועט. נאָכן באָד האָט ער געהייסן דעם קינד גלייך געבן עסן. אָבער זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי איז נישט געווען אימשטאַנד צו זייגן די ברוסט. ער האָט דעריבער געהייסן מיין פרוי אָפּצאַפּן די מילך פון דער ברוסט און איר געבן צו טרינקען מיטן לעפעלע. דאָס אויסגעהונגערטע קינד האָט מיט גרויס אַפּעטיט געשלונגען יעדעס לעפעלע מילך. ער איז געווען אַזוי אין כעס אויף דער אידיאָטישער דאָקטאָרין, וועלכע האָט אויסגעהונגערט דאָס קינד 24 שעה, אַז ער האָט באַשלאָסן אַריינטראָגן אַן אָנקלאָגע קעגן איר און זי צוציען צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווען זי איז שפּע־טער געוויר געוואָרן וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן קינד און ווי אַזוי עס איז געראַטעוועט געוואָרן דורך קאַמאַראָווסקין, האָט זי פאַר בושה אונדז אינגאַנצן אויסגעמיטן. אויך מיר האָבן זיך מער צו איר נישט געוואָנדן.

גלייך נאָכן באָד און נאָכן עסן איז דאָס קינד צום ערשטן מאָל נאָך די קריטישע 48 שעה איינגעשלאָפן. דאָס איז געווען די גרעסטע דער־גרייכונג און אַ קלאָרער סימן פון אַ ראַדיקאַלער ענדערונג. דאָס איז געווען מיטאָג־צייט. פאַרנאַכט איז קאַמאַראָווסקי ווידער געקומען און זי

ווידער אויסגעבאָדן אין וואַרעם וואַסער. ער האָט איר געגעבן אַ מיטל, וואָס האָט אויסגערייניקט איר מאָגן. צוליב מיין טעכטערל איז קאַמאַ־ראַווסקי געבליבן אין אורע־טיובע דריי טעג און יעדן טאָג צוויי מאָל געקומען אויף וויזיטן און אַליין געבאָדן דאָס קינד. פון טאָג צו טאָג האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט. זיין עצה איז געווען צו באָדן דאָס קינד יעדן טאָג אין וואַסער מיט אַ העכערערע טעמפּעראַטור, כדי אויף אַזאַ אופן באַזייטיקן די מעגלעכע בויך־קראַמפּן. און דאָס האָט טאַקע גע־האָלפן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן מיט אַ ברייטער האַנט באַלוינט קאַמאַראַווסקין. אונדזער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַן אויס־געצייכנטע און מיר האָבן זיך געקענט דערויף דערלויבן. ד״ר קאַמאַ־ראַווסקי איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אונדזער נאָענטער פריינט. ער האָט אונדז אָפט באַזוכט און ווי לאַנג מיר זענען געווען אין אורע־טיובע, האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן געזונט־צושטאַנד פון אונדזער טעכטערל. דער דאָזיקער פאַל האָט אים נאָך מער פּאָפּולער געמאַכט אין גאַנצן ראַיאָן.

די דראָאונגען פון וואַסילי פּעטראָוו

אין סעפּטעמבער 1945 האָב איך ווידער באַקומען אַן „איינלאַדונג״ צו מעלדן זיך צום נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. זינט מיין לעצטן באַזוך ביי קאַלעשניקאָוון זענען אַדורך לאַנגע חדשים און איך האָב נישט גע־ווּסט, אַז אין צווישנצייט זענען פאָרגעקומען פּערסאָנאַלע ענדערונגען. אויפן אָרט פון קאַלעשניקאָוון איז געקומען אַ נייער מלך — וואַסילי פּעטראָוו.

עס זענען פאַריבער 4 חדשים זינט עס האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע וועלט־מלחמה, אין וועלכער עס איז פאַרניכטעט געוואָרן מיט אַלע מיתה־משונות אַ דריטל פון יידישן פאָלק און צענדליקער מיליאָנען פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, וואָס האָבן געקעמפט מיט אַלע כוחות קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע. אין די פאָר מאָנאַטן זענען פאַר־

געקומען גרויסע ענדערונגען אין דער אייראָפּעישער קאָלאָניע אין אורא־טיובע. מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן קלענער. רוסישע מענטשן — יידן און נישט־יידן האָבן געפּאַקט די וואַליזעס און געפאָרן אַהיים, הגם זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זייערע היימען זענען צעשטערט געוואָרן. אָבער די צוציאונגס־קראַפט פון דער היים־שטאָט איז, ווייזט אויס, אַזוי גרויס, אַז קיין שום שטערונג האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן די מענטשן פון צוריקפאָרן צו דער נעסט, אין וועלכער זיי זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

מיר האָבן געהאַט אייניקע גוטע באַקאַנטע רוסישע יידן פון קיעוו, וועלכע האָבן געלעבט אַ פּאָר יאָר אין אורא־טיובע און זיך זייער גוט איינגעאָרדנט אין דער שטאָט. אָבער מיטן מאָמענט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צוריק צו פאָרן אַהיים. פון קיעוו האָבן זיי געהאַט ביטערע גרוסן. זייערע הייזער זענען צעשטערט געוואָרן און די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ שלעכטע. דער היטלעריסטישער סם האָט גענומען ווירקן, און אין די געביטן, וואָס זענען געווען אָקופּירט דורך די דייטשן האָבן זיך פאַרשטאַרקט אַנטיסעמיטישע שטימונגען. עס זענען אַפילו אויסגעבראָכן אַנטי־יידישע עקסצעסן. אָבער די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים איז געווען שטאַרקער, און אַפילו די דאָזיקע שלעכטע ידיעות האָבן זיי נישט אָפּגעהאַלטן פון פאַרלאָזן אורא־טיובע.

אויך צווישן די פּוילישע יידן האָט מען אָנגעהויבן פּאַקן די וואַליזעס. די מאַסן־רעפּאַטריאַציע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, אָבער יחידים און קליינע גרופּן האָבן זיך גערירט פון אָרט און אויף אייגענער האַנט געפאָרן צוריק קיין פּוילן. אויף דעם האָבן זיך געקענט דערלויבן נאָר יחידים, וועלכע האָבן געהאַט מיט וואָס „שמירן" די נ.ק.וו.ד.־נאַטשאַלניקעס, כדי קויפן אַ „פּראָפּוסק" (פאַר־דערלויבעניש). דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סומעס, וועלכע נאָר ווייניקע האָבן געקענט באַצאָלן.

די רעפּאַטריאַציע אויף אַ ברייטן פאַרנעם האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג 1946 יאָר און האָט זיך געצויגן לאַנגע חדשים ביז האַרבסט. אין די פאַרוואָרפענע ערטער האָבן זיך טויזנטער פּליטים נישט געקענט

אַרויסבאַקומען פון ראַטנפאַרבאַנד במשך פון לאַנגע חדשים און זיי זענען צוריקגעקומען קיין פּוילן ערשט סוף 1946, אָדער אָנהייב 1947.

די מעלדונג, וואָס איך האָב באַקומען פון דער נ.ק.וו.ד. האָט מיך באַאומרואיקט און געשפּאַנט. איך בין געווען זיכער, אַז נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, און אַלץ הייבט זיך אָן צו נאָרמאַליזירן, ווען רוסישע און פּוילישע פּליטים זיצן אויף די רענצלעך, וועט די נ.ק.וו.ד. פאַרלירן דעם אינטערעס פאַר דעם עלעמענט, וואָס וועט סיי ווי בקרוב פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. די נ.ק.וו.ד. האָט געהאַט אירע אויסרעכענונגען און אירע מעטאָדן פון טעטיקייט.

וואַסילי פּעטראָוו האָט מיך אויפגענומען קאָרעקט, אָבער זייער קאַלט. ער איז געווען אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 35. איך האָב אים פריער קיינמאָל נישט געזען אין אורא־טיובע, אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער איז געווען איינער פון די פאַרטרעטער פון קאַלעשני־קאָוון, אָדער מען האָט אים אַריינגעשיקט פון לענינאַבאַד.

ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס איז די סיבה פון דער הייניקער באַגעגעניש, האָט פּעטראָוו געענטפערט, אַז אין די לעצטע טעג האָט ער זיך באַקענט מיט מיינע אַקטן און פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב נישט אויסגעפירט מיין אויפגאַבע.

— וואָס פאַרא אויפגאַבע? — האָב איך געפרעגט מיט אַ טאָן פון נייגעריקייט.

— איר האָט אונדז באַדאַרפט אינפאָרמירן וועגן אייערע פריינט, וועגן דעם וואָס זיי רעדן און זייערע מיינונגען וועגן סאָוויעטישן רעזשים. אָבער איר האָט עס נישט געטאָן.

— דאָס איז נישט ריכטיק. איך האָב איבערגעגעבן אייערע פאַר־גייער וועגן די שטימונגען, וואָס הערשן צווישן די פּוילישע פּליטים, זייער שטעלונג צו דער מלחמה און צום ראַטנפאַרבאַנד. אָבער נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט און אַלע גרייטן זיך צו פאָרן אַהיים האָט נישט קיין זין נאָך אַמאָל צו באַהאַנדלען די דאָזיקע ענינים.

אין דעם מאָמענט האָט פּעטראָוו אַרויסגעצויגן פון שרייב־טיש אַן אַקטן־טאַש, גענומען בלעטערן די פּאַפּירן און מיט אַן אַנטשלאָסענעם טאָן געזאָגט:

— מיר האָבן פון אייך געדאַרפט אַן אינפאָרמאַציע וועגן די ברי־דער ש., וועגן פאָטאָגראַפיסט פ., וועגן דעם וויין־ספּעקולאַנט ד., דעם שוסטער ה. און אַנדערע, און איר האָט אונדז גאָרנישט איבערגעגעבן. דאָס איז פּשוט נישט דערלאָזבאַר. איר מאַכט פון אונדז חוזק און דאָס קען פאַר אייך זיין געפערלעך!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ ספּעציעלער באַ־טאָנונג, אין וועלכער איך האָב געזען אַ דראָאונג קעגן מיר. האָב איך געפּרוווט פעסטצושטעלן וואָס דער נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. איז מיט דעם אויסן.

— איך ווייס נישט וואָס פאַראַ נוצן איר וועט האָבן פון דער אינ־פאָרמאַציע וועגן מענטשן, וועלכע זענען היינט אין אוראַ־טיובע און מאָרגן וועלן זיי זיין אויפן וועג צו זייערע היים־שטעט אין פּוילן.

— אין דעם באַשטייט אייער טעות — האָט פּעטראָוו מיר איבער־געריסן — איר פאַרגעסט, אַז דאָס נייע פּוילן וועט שוין נישט זיין דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּוילן פון פאַר דער מלחמה. וואַרשע וועט זיין קאָמו־ניסטיש פּונקט ווי מאָסקווע און די רויטע אַרמיי און אונדזערע זיכער־הייטס־אָרגאַנען וועלן שטיין אויף דער וואַך, אַז די רעאַקציע זאָל מער נישט קומען צו דער מאַכט. נאָך דער דאָזיקער מלחמה מוז דער ראַטנ־פאַרבאַנד זאָרגן דערפאַר, אַז אויף זיינע גרענעצן זאָלן זיך געפינען לענדער מיט פריינטשאַפטלעכע רעזשימען. און נאָר קאָמוניסטישע רע־זשימען אין די שכנותדיקע לענדער קענען זיין אויפריכטיק פריינטשאַפטלעך צום ראַטנפאַרבאַנד.

— אייער מיינונג איז פון סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט אַ פאַר־נונפטיקע — האָב איך רואיק געענטפערט, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט מיין פּערזאָן און מיט דער היינטיקער באַגעגעניש?

פּעטראָוו האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן און מיט אַן ערנסטן טאָן געזאָגט:

— דאָס האָט שוין יאָ אַ פאַרבינדונג. נישט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד

דאַרפן מיר האָבן גוטע פריינט, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. און ספּעציעל אין די לענדער, אין וועלכע מיר וועלן האָבן אַ פיל גרעסערע השפעה נאָך דעם קריג. די ברידערלעכע קאָמוניסטישע מדינות וועלן זיך נייטיקן אין אונדזער הילף און אין אונדזער גרויסער דערפאַרונג אויף פאַרשידענע געביטן, ספּעציעל אויפן געביט פון אינערלעכער זיכערקייט. זיי וועלן זיך נייטיקן אין שוץ קעגן די קאַפּיטאַליסטן און דער רעאַקציע. און דאָס קענען זיי דערגרייכן נאָר מיט אונדזער הילף. און דעריבער וועלן מיר זיך אויך דאָרט נייטיקן אין מענטשן, וועלכע זאָלן מיט אונדז מיטאַרבעטן לטובת דער קאָמוניסטישער אידיי. איר האָט מיך פאַר־שטאַנען ?...

— יאָ. איך האָב אייך זייער גוט פאַרשטאַנען. אָבער לויט מיין מיינונג וואָלט עס פון מיין זייט געווען נישט ערנסט און אַפילו אומפאַר־אַנטוואָרטלעך, ווען איך נעם אויף זיך וועלכע עס איז נישט פאַרפליכ־טונג, נישט וויסנדיק וואָס עס וועט זיין מיט מיר אין פּוילן און צי איך וועל באַשליסן צו בלייבן אין דער מדינה, אין וועלכער עס איז פאַרניכ־טעט געוואָרן מיין גאַנצע פאַמיליע.

— אַהאַ. איך זע, אַז איר ווילט זיך אַרויסדרייען פון יעדער פאַר־פליכטונג לגבי אונדז ווי איר האָט עס געטאָן ביז איצט. ביי מיר וועט אייך דאָס נישט געלינגען. איך האָב נישט ליב, אַז מען מאַכט חוזק פון מיר. מיר האָבן גענוג מיטלען צו ענדערן אייער שטעלונג און באַנעמונג. אויב איר איילט זיך, צום ביישפּיל, צו פאָרן קיין פּוילן, קענען מיר דאָס פאַרלאַנגזאַמען און אַפילו דאָס אוממעגלעך מאַכן!

פּעטראָוו האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין כעס. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין און אין יעדן וואָרט האָט מען געפילט דראָאונגען און אויפרעגונג. איך האָב זיך באַמיט צו אַנטשפּאַנען די אַנגעשטרענגטע אַטמאָספער מיט אַ זאַכלעכער אויפקלערונג, אַז איך קען אים צוזאָגן „גאָלדענע בערג" און שפּעטער זיך אויסלאָכן פון דער פאַרפליכטונג. אָבער דאָס איז מיר נאָר טיילווייז געלונגען. פּעטראָוו איז געבליבן אומ־פריינטלעך צו מיר. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אין אַ טרוקענעם און זייער פאָרמעלן טאָן מיר געזאָגט:

— איר האָט צייט עטלעכע וואָכן דורכצוטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

ביי אונדז ברענט נישט. איר פאָרט נאָך נישט מאָרגן אַהיים. איך פון מיין זייט קען אייך נאָר ראָטן, אַז איר זאָלט זיך ערנסטער ווי ביז איצט באַציִען צו אונדזערע פאַרשלאָגן. פאַרגעסט נישט, אַז איר געפינט זיך נאָך אין ראָטנפאַרבאַנד...

מיט דער וואָרענונג האָט זיך פאַרענדיקט דאָס איינציקע געשפּרעך מיט פעטראָוון.

איך פאַרלאָז אורא־טיובע

דאָס פּיינטלעכע געשפּרעך מיט וואַסילי פעטראָוו און זיינע אָפענע דראָאונגען מיך צו פאַרהאַלטן אין ראָטנפאַרבאַנד, אויב איך וועל נישט נעמען אויף זיך פאַרשידענע פאַרפליכטונגען לגבי דער נ.ק.וו.ד. האָט צוגעאיילט מיין באַשלוס וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די סאָוויעטישע טעריטאָריע און נישט וואַרטן אויף דער אַלגעמיינער רעפּאַטריאַציע, וואָס קען זיך אָנהייבן אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אָדער אין אַ יאָר אַרום.

מיין באַשלוס האָב איך געמוזט האַלטן בסוד, אַפילו פאַר מיינע בעסטע פריינט, כדי נישט צו דערוועקן דעם קלענסטן חשד, אַז איך קלער צו פאַרשווינדן פון אורא־טיובע.

איך האָב ווייטער נאָרמאַל געאַרבעט אין דער טראַקטאָריסטן־בריגאַדע אין אַלע 4 קאָלכאָזן ווי ביז איצט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אין די האַרבסט־חדשים איז די אַרבעט אין די קאָלכאָזן געווען אין פולן ברען. מען האָט געאַקערט און געזייט הונדערטער העקטאַר ערד. אַ גאַנצע וואָך האָב איך פאַרבראַכט מיט דער בריגאַדע אין פעלד און נאָר אויף איין טאָג בין איך געקומען קיין אורא־טיובע.

מיין בריגאַדיר, קאָמיסאַראָוו, האָט געוווּסט, אַז מיטן מאָמענט, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז אַקטועל געוואָרן מיין צוריקפאָרן קיין פּוילן. אָבער פון אונדזערע געשפּרעכן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט געשען נישט פריער ווי אין זומער 1946. ער האָט דאָס זייער באַדויערט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ער איז נישט

אימשטאַנד צו ענדערן די לאַגע, ווייל איך וועל נישט פאַרבלייבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אויך די פּרעדסעדאַטעלס און בריגאַדירן פון די קאָלכאָזן מיט וועלכע איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט אין אַ פריינטלעכער אַטמאָספער האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער „מאַאַלים״ וועט בקרוב פאַרלאָזן זיין אַרבעט און צוריקפאָרן קיין „פּאַלשאַ״. עס איז אינטערעסאַנט, אַז קיינער פון זיי האָט מיך נישט צוגערעדט איך זאָל בלייבן אין אורא-טיובע. זיי האָבן געהאַט אַ זייער פאַרנעפּלטע פאַרשטעלונג וועגן די לענדער מחוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָבער פון דעם אַלעמען וואָס זיי האָבן געהערט פון די צוריקגעקומענע זעלנער, וועלכע זענען געווען אין פּוילן און אין דייטשלאַנד, האָבן זיי זיך געשאַפן אַ בילד וועגן דער לאַגע אין „יענער וועלט״.

אויך פון די פעקלעך, וועלכע צאַלרייכע טאַדזשיקן האָבן באַקומען פון זייערע זין אויפן פראָנט האָבן זיי געזען, אַז די מענטשן אין יענע לענדער האָבן ביז צו דער מלחמה געלעבט אויף אַ פיל העכערן לעבנס-סטאַנדאַרט ווי די סאָוויעטישע בירגער. אויף די אורא-טיובער גאַסן האָט מען געזען רוסישע און טאַדזשיקישע פרויען אָנגעטאָן אין פשוטע נאַכט-העמדער, וואָס זענען אין זייערע אויגן געווען עלעגאַנטע קליידער. זיי האָבן פשוט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז צום שלאָפן זאָל מען אָנטאָן אַזאַ טייערן מלבוש...

מיינע גוטע קאָנטאַקטן מיט די קאָלכאָז-לייטונגען האָבן מיר שטענדיק דערמעגלעכט צו באַקומען צו דער צייט מיין לוין. ווען איך האָב זיך גענייטיקט אין געלט, האָב איך אַפילו באַקומען אַוואַנסן אויפן חשבון פון מיין אַרבעט. אַזוי אַרום איז נישט געשטאַנען די פראַגע פון פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון מיינע פאַרדינסטן, אויב איך וועל באַשליסן צו „פאַרשווינדן״ פון אורא-טיובע.

סוף אָקטאָבער האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן די ערשטע קאָנטאַקטן, כדי באַזאָרגן זיך מיט אַ „פּראָפּוסק״ צו פאָרן אַהיים. דירעקט קיין פּוילן האָט מען נישט געקענט באַקומען קיין רייזע-דערלויבעניש. העכסטנס האָט מען געקענט פאָרן אין איינער פון די שטעט, וואָס האָבן ביז דער מלחמה געהערט צו פּוילן און זענען שפּעטער אָנגעשלאָסן געוואָרן אין

ראַטנפאַרבאַנד ווי לעמבערג, לוצק, קאָוועל א.אַ.וו. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין לעמבערג און פון דאָרט זיך ווייטער „איבערפּעקלען" קיין לובלין.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין דער נ.ק.וו.ד. אין אורא־טיובע טאָר איך קיין פּראָפּוסק נישט קויפן, ווייל פּעטראָוו קען זיך דערוויסן וועגן דעם. און דאָס קען גורם זיין געפערלעכע קאָנסעקווענצן פאַר מיר. אויך אין שכנותדיקן לעבינאַבאַד איז געווען נישט זיכער, ווייל די צוויי אָפּטיילונגען פון דער נ.ק.וו.ד. זענען געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך, האָב איך באַשלאָסן צו פּרוּוון מזל אין שטעטל קאַליניבאַד.

אין דער דאָרטיקער אַמבולאַטאָריע האָט געאַרבעט אַלס סאַניטאַר אַ פּוילישער בחור, וועלכער האָט געהאַט קאָנטאַקטן מיט איינעם פון די אָרטיקע נאַטשאַלניקעס פון דער נ.ק.וו.ד. דער דאָזיקער בחור, וועלכער האָט קוים געענדיקט אַ פאָלקס־שול און נישט געהאַט קיין אַנונג אין מעדיצין איז אין קאַליניבאַד געוואָרן אַ גאַנצער דאָקטער. ער האָט געמאַכט איינשפּריצונגען אויף לינקס און רעכטס. ממש געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ אויף דעם געביט. איינמאָל האָט אים אָריינגערופן דער לייטער פון דער אַמבולאַטאָריע, אַ טאַדזשיק, און אים געמאַכט אַ פאַרוואָרף, אַז ער אַרבעט שלעכט. ער האָט אים אָבער נישט געזאָגט אין וואָס עס באַשטייט די שלעכטע אַרבעט. אונדזער פריינט איז, פאַרשטענדלעך, געווען שטאַרק באַאומרואיקט צוליב דעם דאָזיקן „קאָמפּלימענט", מורא האָבנדיק, אַז דאָס קען דערפירן אָפּצוזאָגן אים פון דער אַרבעט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף נאָך מער פאַרגרעסערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט און מאַכן מער אימפּונגען. אָבער אויך דאָס האָט נישט באַפרידיקט זיין שעף, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז. צום סוף האָט דער טאַדזשיק באַשלאָסן צו רעדן אָפענע דיבורים, און אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער מאַכט צו פיל אימפּונגען און „פאַרשוועדט" גרויסע קוואַנטומס ריינעם ספּירט. און ספּירט קען מען טרינקען, אָדער פאַרקויפן... פון דעמאָלט אָן איז אונדזער באַקאַנטער געוואָרן אויס סטאַכאַנאָוויעץ. דער דאָזיקער סאַניטאַר האָט אויף מיין בקשה אַנגעהויבן צו טאָפּן דעם דופק ביים נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. וועגן דערליידיקן אַ „פּראָפּוסק" קיין לעמבערג. נאָך צוויי וואָכן פון פאַרהאַנדלונגען און

דינגענישן איז געשלאָסן געוואָרן די טראַנזאַקציע. פאַר 15 טויזנט רובל וועל איך באַקומען אַ „פּראָפּוסק" פאַר מיין משפחה צוזאַמען מיטן קוזין. די רייזע־דערלויבעניש וועט זיין גילטיק 6 וואָכן.

דאָס אַרויסבאַקומען די דערלויבעניש האָט מיך פּאַרפּליכטעט צו מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען צו דער רייזע אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נישט אַרויסרופן קיין שום חשד אין די קאָלכאָזן, אין וועלכע איך האָב געאַר־בעט, ביי די טראַקטאָריסטן און אויך ביי די באַקאַנטע, וועלכע האָבן נישט באַדאַרפט וויסן וועגן אונדזערע פּלענער צו פאַרלאָזן אורא־טיובע אויף אייגענער האַנט.

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אורא־טיובע אין אָנהייב דעצעמ־בער, אין מיטן פון אַ פראָסטיקן ווינטער און זיך לאָזן אויף אַ וועג פון טויזנטער קילאָמעטער. דעם באַגאַזש האָבן מיר באַגרענעצט ביז מינימום. אונדזער גאַרדעראָבע איז געווען זייער אַ באַשיידענע, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז קומענדיק קיין פּוילן וועלן מיר זיך דאַרפן באַפרייען פון דער טאַדזשיקישער און רוסישער מאָדע. אַחוץ דעם האָבן מיר געוווסט, אַז יעדער איבעריקער קילאָ וועט זיין אַ שווערע לאַסט אויפן לאַנגן וועג.

איך האָב געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ שאָפער פון אַ לאַסט־אויטאָ, אַז ער וועט צוקומען צו אונדזער הויז פאַרטאָג און אונדז אָפּפירן קיין אורסאַטעווסק און פון דאָרט וועלן מיר מיט דער באַן פאָרן קיין טאַש־קענט. און אין טאַשקענט איז שוין געווען גילטיק דער „פּראָפּוסק" דורך מאַסקווע קיין לעמבערג.

די לעצטע נאַכט זענען מיר נישט געשלאָפן. מיר זענען געווען שטאַרק געשפּאַנט. סוף־כל־סוף איז געווען פאַר אונדז פיינלעך דער פאַקט, וואָס מיר זענען געצווונגען צו פאַרלאָזן אין געהיים דאָס שטעטל, אין וועלכן מיר האָבן געלעבט עטלעכע שווערע יאָר און וווּ מיר האָבן איבערגעלאָזט פיל פריינט און באַקאַנטע.

ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָבן מיר דערהערט דעם גע־רויש פון לאַסט־אויטאָ. אַלץ איז געווען גרייט און פּאַרפּאַקט. מיר האָבן שנעל אַראָפּגעטראָגן די זאַכן, מיין פרוי מיטן 8־חדשימדיקן קינד האָבן זיך געזעצט אין דער קאַבינע פון שאָפער און איך מיט מיין קוזין האָבן

פאַרנומען אַ פּלאַץ צווישן די זעק תבואה. די שכנים פון הויז האָבן גאַרנישט געהערט. זיי זענען געווען איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט. זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז מיר פאַרלאָזן אורא־טיובע אין געהיים. נאָר די ברידער ש. האָב איך דער־ציילט דעם סוד.

פון טאַשקענט קיין מאָסקווע זענען מיר געפאָרן 5 מעת־לעת. דער צוג איז געווען פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געפאָרן אויף קורצע און לענגערע טראַסעס. אָבער ווי אין אַלע באַנען אויף ווייטע טראַסעס, האָט יעדער פון אונדז געהאַט אַ זיץ־פּלאַץ און ביינאַכט אַ רעזערווירט אָרט ווו צו שלאָפן. מיט שפּייז־פּראָדוקטן האָבן מיר זיך באַזאָרגט אין טאַשקענט און אויך אויפן וועג האָט מען געקענט קויפן אַ וואַרעמע זופּ און אַנדערע מאכלים. אָבער קיין פרישע מילך פאַרן קינד האָבן מיר אין ערגעץ נישט געקענט באַקומען. מיר האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי זי צו שפּייזן מיט די זופּן און אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט.

אויפן דריטן טאָג האָט דאָס קינד באַקומען שטאַרקע בויך־קראַמפּן ווי אין אורא־טיובע. אָבער דאָרט האָבן מיר געקענט מאַכן אַ וואַרעם באָד לויט די אָנווייזונגען פון ד״ר קאַמאַראָווסקי. אין צוג איז געווען אַ מע־דיצינישער פּונקט בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אַ דאָקטאָרין און אַ סאַניטאַר. ווען מיר האָבן זיך צו איר געוואָנדן וועגן אַ באַרואיקונגס־מיטל פאַרן קינד, האָט זי אָן שום וואַקלעניש פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן אויף אַ בויך־טיפוס און דעריבער דאַרף מען עס אַראָפּנעמען פון צוג אויף דער ערשטער גרויסער סטאַנציע און זי אָפּפירן אין אַ שפּיטאָל. מיר האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער שנעלער און נישט־דורכגעטראַכטער דיאַגנאָזע און נישט מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם צוג אויפן וועג קיין מאָסקווע, ווען אין דרויסן קנאַקט אַ פראָסט פון העכער 30 גראַד. אפילו, ווען די דיאַגנאָזע פון דאָקטאָר איז אַ ריכטיקע איז בעסער צו באַקומען די מעדיצינישע הילף אין מאָסקווע, איידער אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל.

צומאָרגנס זענען די בויך־קראַמפּן געוואָרן אַ ביסל שוואַכער און

דאָס האָט אויך באַרואיקט די דאָקטאָרין. זי האָט אויפגעהערט צו דראָען מיט אַראָפּנעמען אונדז פון צוג.

ווען מיר זענען אויפן פינפטן טאָג אָנגעקומען קיין מאָסקווע האָבן מיר באַשלאָסן דאָ צו בלייבן אַ פּאָר טעג, כדי דאָס קינד זאָל קומען צו די כוחות און מיר זאָלן קענען פאָרזעצן די רייזע קיין לעמבערג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין קורצער באַזוך אין מאָסקווע אויפן וועג קיין טאַרזאַ איז שטאַרק צונוץ געקומען. איך האָב זיך אַ ביסל אָריענטירט אין צענטער פון דער שטאָט, אין אין דער סביבה פון קרעמל און פון רויטן פּלאַץ. מיין פרוי מיטן קינד און דער קוזין זענען געבליבן אין געהייצטן וואַרטע-זאַל פון וואָקזאַל און איך בין אַרויס זוכן אַ צימער וווּ זיך צו פאַרהאַלטן.

עס איז נישט געווען שווער זיך אָנצוטרעפן אויף אַ יידיש פּנים אויף די מאָסקווער גאַסן. אַ פּאָר הונדערט טויזנט יידן האָבן דעמאָלט געלעבט אין מאָסקווע. צענדליקער טויזנטער האָבן זיך רעפּאַטריאירט ביי דער ערשטער געלעגנהייט פון די סיבירער שטעט און פון די אַזיאַטישע רעפּובליקן. די וווינונגס-פּראָגע אין דער הויפּטשטאָט פון ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע, ווייל זייער אַ סך הייזער זענען צעשטערט געוואָרן אין דער מלחמה און אין דער שטאָט זענען צוגעקומען הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן פריער נישט געוווינט אין דער שטאָט. צווישן זיי זענען געווען אַ גרויסע צאָל מיליטער-לייט.

אָבער אין מאָסקווע האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס מזל. אַן עלטערער ייד, וועלכן איך האָב באַגעגנט נישט ווייט פון וואָקזאַל האָט פאַר אונדז אויסגעפונען אַ צימער ביי אַ רוסישער „באַבושקאַ", וועלכע האָט פאַר־נומען אַ 2־צימערדיקע פּאַרטער־וווינונג אין אַ קליין הייזל. די באַשיידענע וווינונג איז געווען ציכטיק־ריין און אָנגענעם. נאָך אַ 5־טאָגיקער רייזע מיטן צוג, האָבן מיר זיך אין דער דירה געפילט ווי אין בעסטן האָטעל. קודם־כל האָבן מיר אויסגעבאָדן דאָס קינד. די בויך־קראַמפּן זענען פאַרשוווּנדן ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע. דאָס האָט, פאַרשטענדלעך, גע־ווירקט אויף אונדזער שטימונג. מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין

מאָסקווע אַ וואָך צייט, כדי אָנזאַמלען כוחות פאַר דער ווייטערדיקער רייזע. די „באַבושקאַ״ האָט זיך מיט אונדז זייער וואַרעם באַנומען. זי האָט פאַר אונדז איינגעקויפט פאַרשידענע פּראָדוקטן און געקאָכט פאַרשידענע רוסישע מאכלים. קיין געלט האָט אונדז נישט געפעלט. לויט דער אויפפירונג פון דער עלטיטשקער האָבן מיר געפילט, אַז זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזעלכע גוטע טעג.

אין פאַרגלייך צו אַנדערע שטעט איז די באַשפּייזונגס־לאַגע אין מאָסקווע געווען אַ גוטע. אין די גרויסע מאַגאַזינען האָט מען געקענט באַקומען אַלע פּראָדוקטן פון טאָג־טעגלעכן געברויך. קיין קאַרטן־סיסטעם איז נישט געווען, אָבער דאָס קויפן אַזעלכע פּראָדוקטן ווי פלייש, פּוטער און אַנדערע פעטסן איז געווען באַגרענעצט צו אַ באַשטימטן קוואַנטום. אָבער אויפן פרייען מאַרק האָט מען געקענט קויפן גרעסערע קוואַנטומס פון שפּייז־פּראָדוקטן פאַר אַ סך העכערע פּרייזן.

איין פּראָדוקט האָט מען געקענט קויפן אין אומבאַגרענעצטע קוואַנ־טומס: אייז־קרעם. אויף די הויפּט־גאַסן זענען געשטאַנען פרויען און מענער און פאַרקויפט „פּינגווין״־אייז־קרעם אין אַ פראָסט פון 30 גראַד. קיין סך בעלנים אויף דער דאָזיקער סחורה זענען נישט געווען.

פּוילישע פּלטים, וועלכע זענען דורכגעפאָרן דורך מאָסקווע האָבן געקענט געניסן פון אַ שטיצע מצד דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. די מיני־מאַלע שטיצע פאַר אַ פּערזאָן איז געווען 1000 רובל. מער נויטבאַדערפ־טיקע האָבן באַקומען גרעסערע סומעס. פאַר זייער פיל פּליטים, וועלכע זענען געבליבן שטעקן אין וועג אָן געלט, איז די דאָזיקע הילף געווען ממש אַ רעטונג, ווייל זי האָט זיי דערמעגלעכט פאַרצווזעצן די רייזע קיין פּוילן. פון אַן אַנדערער אינסטאַנץ האָט אַ פּוילישער בירגער אין יענע טעג נישט געקענט דערוואַרטן קיין שום פינאַנסיעלע הילף. אויך מיר האָבן באַקומען צו 1000 רובל פאַר אַ פּערזאָן.

אַרויסבאַקומען זיך פון מאָסקווע מיטן צוג קיין לעמבערג, אָדער צו אַן אַנדערער גרענעץ־שטאָט איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַלע צוגן זענען געווען איבערפולט און צו באַקומען אויפן באַרמאַלן וועג אַ בילעט, אַפילו ווען מען האָט געהאַט אַ לעגאַלע רייזע־דערלויבעניש, איז געווען שווערער ווי קריעת ים סוף. אויפן נאַרמאַלן וועג האָט מען גע־

קענט זיצן אין מאָסקווע וואָכן און אַפּילו חדשים און זיך נישט רירן פון אָרט.

האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אויפן אַלטע אויסגעפּרוווטן וועג פון „שמירן". אויפן וואָקזאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט „מאַכערס", וועלכע האָבן מיט זייער אינסטינקט דערשמעקט ווער עס איז גרייט צו באַצאָלן פאַר אַ בילעט מיט אַ שלאָף־פּלאַץ. טראָץ דעם וואָס מיר זענען געקומען פון טאַדזשיקיסטאַן, זענען מיר געווען עלעגאַנטער געקליידט ווי די מאָסקווער איינוווינער. די „מאַכערס" האָבן געוווּסט, אַז די דאָזיקע „עלעגאַנטן" זענען פּוילישע רעפּאַטריאַנטן, וועלכע זענען גרייט צו צאָלן און צו זיי קען מען האָבן פולן צוטרוי. אַחוץ דעם איילן זיי זיך אַהיים און קאַרגן נישט די פּאָר רובל.

אַזוי האָב איך באַקומען גוטע באַן־בילעטן קיין לעמבערג און אַן גרויסע שוועריקייטן אָפּגעפאָרן אין דער שטאָט, פון וועלכער מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן אין זומער 1940.

באַנדעראָוועצעס באַפאַלן דעם צוג אויפן וועג קיין לובלין

אין פאַרגלייך צו אַנדערע שטעט האָט לעמבערג ווייניק געליטן פון דער מלחמה. די שטאָט איז שנעל דעראָבערט געוואָרן דורך די דייטשן, אַז עס איז פּשוט נישט געווען קיין צייט צו צעשטערן. נאָר אין צוזאַמענ־שטעל פון דער באַפעלקערונג זענען פאָרגעקומען ווייטגייענדיקע ענדע־רונגען. דער גרויסער יידישער ישוב איז פולשטענדיק פאַרניכטעט גע־וואָרן דורך די היטלעריסטן מיט דער הילף פון אוקראַינער און פּאָליאַקן. פון אונדזערע צאָלרייכע פריינט און באַקאַנטע, סטאַבילע איינוווינער פון לעמבערג, האָבן מיר קיינעם נישט געפונען. אַלע זענען אומגעקומען אין די פאַרשידענע פאַרניכטונגס־לאַגערן. אין דער דירה פון אונדזערע פריינט, וועלכע האָבן אונדז געשיקט פּעקלעך אויפן פּאָסיאָלאָק, האָבן געוווינט אוקראַינער. זיי האָבן פאַרכאַפּט כמעט אַלע וווינונגען פון די אומגע־

בראַכטע יידן. די לעמבערגער יידן, וועלכע האָבן זיך גערעטעוועט און צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה פון סיביר, אָדער אַזיאַטישע רעפובליקן, האָבן אַנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די נייע לאָקאַטאָרן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די פאַרנומענע וווינונגען.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין לעמבערג זענען אין דער שטאָט געווען ביי 2000 יידן. די יידישע קהילה, אין וועלכער עס זענען געווען טעטיק רוסישע און פוילישע יידן, האָט געהאָלפן באַזאָרגן די אָנגעקומענע מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ אויף דער איבערגאַנגס־צייט. די אַבסאָלוטע מערהייט יידן, וועלכע זענען דאָ אַהער געקומען האָבן נישט געהאַט בדעה דאָ צו בלייבן. מיטן מאָמענט, ווען לעמבערג איז געוואָרן אַ טייל פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט די שטאָט פאַרלוירן יעדע צוציאונגס־קראַפט פאַר די, וועלכע זענען דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ אויפגעוואַקסן. זיי האָבן געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון סאָוויעטישן רעזשים. אַפילו פוילן איז שוין פאַר זיי נישט געווען קיין ענד־סטאַציע נאָך לאַנגע יאָרן פון נע־ונד און שווערע איבערלעבונגען.

די באַשפייזונגס־לאַגע איז אין לעמבערג געווען אַ פאַרהעלטניש־מעסיק גוטע. פאַר געלט האָט מען געקענט אַלץ קויפן. דער פרייער מאַרק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן האָט געבליט ווי אין די פאַרמלחמה־דיקע צייטן. די אוקראַינישע פויערים האָבן געבראַכט זייערע פראָדוקטן אויפן מאַרק און באַקומען פאַר זיי פיל העכערע פרייזן ווי פאַר דער מלחמה. פאַרן דאָזיקן געלט האָבן זיי זיך איינגעקויפט קליידער, שוכ־וואַרג, מעבל, בעט־געצייג און אַנדערע זאַכן, צו וועלכע זיי האָבן פאַר דער מלחמה נישט געקענט צוקומען.

אויפן מאַרק איז אָנגעגאַנגען אַ האַנדל מיט זייגערלעך, גאָלדענע מטבעות, דאָלאַרן, בריליאַנטן און אַנדערע ווערטפולע סחורות. די פוילישע פליטים האָבן פאַרקויפט כלערליי „שמאַטעס" פון וועלכע זיי האָבן געוואָלט פטור ווערן, איידער זיי פאָרן קיין פוילן. די זייגערלעך האָבן געכאַפּט די רוסן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס מזל צו באַטייליקן זיך אין דעם קאַלאָסאַלן „שאַבער", וואָס איז פאָרגעקומען אין די דייטשע און טיילווייז אויך אין די פוילישע שטעט בעת און נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה. פאַר די רוסישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען אין די

טויזנטער, איז אַלץ געווען אַ מציאה. זיי האָבן אַלץ געקויפט. פיל פון זיי האָבן געהאַט גאָלדענע מטבעות, ברילאַנטן און דאָלאַרן און זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ גאַנגבאַרע סחורה פאַר די „פּאַליאַקן“, וועלכע פאָרן אַהיים. אַזוי איז אַנגעגאַנגען אַן אויסטויש־האַנדל אויף אַ ברייטן פאַרנעם. פּיפּיקע סוחרים האָבן זיך אין לעמבערג אויפגעהאַלטן לאַנגע חדשים, געמאַכט גוטע ביזנעס און געקומען קיין פּוילן מיט אַן ערנסטן קאַפּיטאַל.

דאָס אַרויספאָרן פון לעמבערג קיין פּוילן איז אויך נישט געווען קיין לייכטע זאַך. קודם־כל האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש און דאָס האָבן די מאַכט־אָרגאַנען אַזוי שנעל נישט אַרויס־געגעבן. די, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אָפּיציעל רעפּאַטריאירט, האָבן נישט געהאַט קיין שום פּראָבלעמען, ווייל זיי זענען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן געפאָרן פון טיף רוסלאַנד ביז פּוילן. אויף שווערקייטן האָבן אָנ־געטראָפן נאָר די, וועלכע זענען געפאָרן אויף אייגענער האַנט.

אָבער אויך אין לעמבערג האָט געבליט די אינסטיטוציע פון כאַבאַר. דער רוסישער פּאָרזיצער פון דער יידישער קהילה האָט כלומרשט גע־זאָרגט פאַר די יידן, וועלכע האָבן זיך געוואָנדן צו אים נאָך הילף צו באַקומען אַ רייזע־דערלויבעניש קיין פּוילן. ער האָט דאָס געדאַרפט דערליידיקן ביי די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אָבער אַן געלט איז גאָרנישט דערליידיקט געוואָרן. דער ראש־הקהל איז געווען דער פאַר־טרויאונגס־מאַן פון דער אָרטיקער נ.ק.וו.ד. און פאַרמיטלער אין די נישט ריינע געשעפטן. פון די דאָזיקע טראַנזאַקציעס זענען איינגעפלאָסן הונדערטער טויזנטער רובל.

די קורצע טראַסע פון לעמבערג קיין פּוילן איז אין יענע טעג געווען אַן אומרואיקע. אין דעם טייל פון אוקראַינע האָבן געבושעוועט די באַנדעראָווצעס, וועלכע האָבן אויסגעפירט צאָלרייכע טעראָר־אַקטן, באַשאָסן מיליטערישע צוגן און אויטאָ־קאָלאָנעס און דורכגעפירט אָנפאַלן אויף ציווילע פּערזאָנען צוליב רויב־צוועקן.

די באַנדעראָווצעס האָבן גוט געוווּסט, אַז עס גייען צוגן מיט רע־פּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע באַשטייען אין גרעסטן טייל פון יידן. ביי טאָג האָבן זיי מורא געהאַט זיך אַנצושטויסן אויף אַ גרויסן

כוח פון סאָוויעטישע אַפּטיילונגען, וואָס האָבן זיי פאַרפאָלגט און גע־פירט מיט זיי שווערע קאַמפן. אָבער אין די פינצטערע נעכט זענען זיי באַפאַלן די צוגן, בארויבט און געמאָרדעט די פּאַסאַזשירן, און נישט ווייניק רעפּאַטריאַנטן זענען געפאַלן קרבנות פון די הענט פון די אוק־ראַינישע באַנדיטן.

דאָס האָט אויך פּאַסירט מיטן צוג מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן פון לעמבערג קיין לובלין. איך ווייס נישט פאַרוואָס די צוגן פון לעמ־בערג קיין פוילן זענען נישט געפאָרן בייטאָג, נאָר דווקא ביינאַכט, אין דער צייט ווען די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געוווּסט, אַז די טראַסע איז נישט קיין זיכערע. זעט אויס, אַז קיינער האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט, און אפשר איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל אין די הויכע פענצטער האָט מען געוווּסט, אַז דער גרעסטער טייל פון די רעפּאַטריאַנטן זענען יידן ?

עס איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע ווינטער־נאַכט. די פענצטער זע־נען געווען באַלייגט מיט אַ דיקער שיכט שניי און אייז, הגם די וואַ־גאָנען זענען געווען געהייצט. פון צייט צו צייט האָט מען געזען שוואַכע ליכט אויף די סטאַציעס און אין די שטעטלעך, וועלכע מען איז פאַרביי־געפאָרן. דער צוג האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם ווי ער וואָלט זיך באַוועגט אויף אַ מינען־טראַסע.

פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי, וואָס איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן שטאַרקער און רעשדיקער. דער צוג האָט אָנגעהויבן צו פאָרן נאָך לאַנגזאַמער ווי פריער. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז די באַנדעראָווצעס זענען אונדז באַפאַלן און מיר זענען אין אַ גרויסער געפאַר. די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון סעקונדע צו סעקונדע. מיר האָבן זיך נישט געקענט עפעקטיוו פאַרטיידיקן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער. אונדזער וואַגאָן איז געווען אַ געמישטער. עס זענען געווען יידן און אויך פּאָליאַקן פון לעמבערג, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין פוילן.

מיין פרוי האָט אינסטינקטיוו זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון דער קאַבינע און אונדז איבערגעדעקט מיט די וואָלענע קאָצן (דעקעס). מיט אירע העל־בלאָנדע האָר און אַרישע געזיכט־צוגן האָט זי אויסגעזען

ווי אַן אמתע שיקסע. ווען אייניקע באַנדעראָווצעס זענען אַריין אין אונדזער צוג מיט די אויטאָמאַטן אין די הענט, האָבן זיי זיך גלייך אַנגעשטויסן אויף מיין פרוי. זייער ערשטע פראַגע איז געווען צי עס זענען דאָ יידן. ווען מיין פרוי האָט מיט אַ פעסטער און איבערצייגנדיקער שטימע געענטפערט, אַז דאָ זענען נישטאָ קיין יידן, האָבן זיי זיך מיט צוטרוי באַצויגן צו אירע ווערטער און פאַרלאָזט דעם וואַגאָן. וואָס עס האָט פאַסירט אין אַנדערע וואַגאָנען האָבן מיר נישט געוווּסט, ווייל מיר האָבן קיינעם נישט געקענט. מען האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז די באַנדעראָווצעס האָבן אַראָפּגענומען אַ פּאָר פּערזאָן און זענען אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף אַ סאָוויעטישער מיליטערישער איינהייט, וואָס איז אַליאַרמירט געוואָרן דורכן לאָקאָמאָטיוו-פירער לויט אַ פון פאַרויס באַשטימטן סיגנאַל.

צוריק אין לובלין

קיין לובלין זענען מיר אָנגעקומען פאַרטאָג. דער וואָקזאַל און די נאָענטע סביבה האָבן געמאַכט אַן איינדרוק ווי עס וואָלט דאָ גאַרנישט געשען אין די לעצטע פינף יאָר. פאַרן וואָקזאַל זענען געשטאַנען דראָזש־קעס ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. פאַר זיי האָט זיך גאַרנישט געענדערט. זיי האָבן פאָרגעזעצט זייערע אַרבעט מיט די נייע פּאַסאַזשירן, ווייל די אַלטע זענען אויף אייביק פאַרשוווּנדן.

אַן אויסטערליש געפיל האָט אונדז באַהערשט. מען קומט אַהיים אין דער אייגענער שטאָט, אין וועלכער מען איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, געגאַנגען אין חדר, אין דער פאָלקס-שול, גימנאַזיע; געהערט צו דער ציוניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע און געהאַט אַזוי פיל פריינט און באַקאַנטע און צו דעם אַלעמען אַ ברייט-פאַרצווייגטע משפחה. און פלוצים פילסטו זיך איינזאַם ווי אַ שטיין, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַן אַ היים, אָן אַן אַדרעס.

אַז דער גורל פון דער שטאָט מיט אירע העכער 50 טויזנט יידן איז געווען אַן אכזריותדיקער און ביישפּיללאָזער. די היטלעריסטן האָבן פאַר־וואַנדלט לובלין אין איינעם פון די גרעסטע פאַרניכטונגס־צענטרען אין פּוילן. זיי האָבן דאָ אומגעבראַכט הונדערטער טויזנטער יידן, צווישן זיי כמעט אַלע לובלינער יידן. מיידאַנעק איז געוואָרן דער סינאָנים פון דעם טרויעריקן און שענדלעכן קאַפּיטל פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

מיר האָבן זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. מיר האָבן גע־ווּוּסט, אַז אונדזערע משפּחות זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די היטלע־ריסטישע בעסטיעס. טראָץ דעם איז אין יעדן האַרץ געבליבן אַ פּונק פון האָפענונג. אפשר? אפשר האָט זיך פאַרט ווער געראַטעוועט, אויס־באַהאַלטן זיך ביי פּאָליאַקן, אַנטלאָפן אין די וועלדער צו די פּאַרטי־זאַנער? אַזוי פיל „נסים", אַזוי פיל אויסטערלישע און אומגלויבלעכע פאַלן פון ראַטעווען זיך זענען געווען אין די שווידערלעכע יאָרן, אַז מען האָט נישט געקענט אויסשליסן די מעגלעכקייט, אַז אויך מיט געציילטע פון אונדזערע מישפּחה־מיטגלידער איז געשען אַ נס.

אָבער לײדער איז דאָס נאָר געווען אַ ווונטש... פון מיין משפּחה און דער משפּחה פון מיין פרוי איז נישט געבליבן קיין איין נפש. אַלע זענען פאַרניכטעט געוואָרן מיט די ראַפינירטסטע פּייניקונג־ און טויט־מיטלען. די פאַרצווייגטע משפּחות פּוטערמאַן, פּעלד און זיגעלוואַקס האָבן גע־ציילט הונדערטער נפשות. קיין איינער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן. פון מיין משפּחה איז געבליבן נאָר מיין ברודער שלמה, וועלכער האָט אין 1933 אויסגעוואַנדערט קיין בראַזיל און דאָס געהייראַט מיט דער לובלינערין, זלאַטקעלע גאָלדפּעלד.

ווען דער דראַזשקאַזש האָט מיך געפרעגט וווּהין איך וויל פאָרן, האָב איך נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געזען אונדזער צעמישונג און פאַרשטאַנען אונדזער לאַגע. זעט אויס, אַז מיר זענען נישט געווען די ערשטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַזאַ פאַרלעגנהייט. ער האָט געוווּסט, אַז די לובלינער יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, האָבן פאַרלוירן זייער היים.

אָבער דער דראַזשקאַזש האָט שוין געהאַט אַ באַקאַנטן אַדרעס: פּרץ־הויז. אין דעם הויז, וואָס איז פאַר דער מלחמה אויפגעשטעלט

געוואָרן ווי אַ פּרעכטיקע פּאַלקס־שול, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט צענד־ליקער משפּחות פון לובלינער יידן און פון די דערבייאיקע שטעטלעך. האָבן מיר טאַקע באַשלאָסן דאָרט אַהינצופאָרן.

די פּרץ־שול, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייטווייליקן האָ־טעל, איז געווען איבערפולט און עס איז נישט געווען קיין שום מעגלעכ־קייט זיך דאָ איינצואָרדענען, אַפילו אויף אַ פּאָר טעג. מיר זענען פאָר־פאָרן צו אונדזערע פריינט, אסתר און רחמיאל באַוויניק, וועלכע האָבן זיך מיט זייערע צוויי טעכטער אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּוילישער פאַמיליע. ביי זיי זענען מיר געבליבן די געציילטע טעג, וועלכע מיר האָבן פאַר־בראַכט אין לובלין.

ביז דעם קריגס־אויסברוך האָט מיין משפחה געוווינט אויף לובאַר־טאָווסקע 28 (עק באַניפראַטערסקע־גאַס). דאָס הויז, וואָס האָט געהאַט ביי 50 לאָקאַטאָרן האָט געהערט צו מיין פאָטער און מיין פעטער בערל פעלד (מען האָט עס גערופן הערשעלע העכטס הויז). מיר האָבן געוווינט אויפן צווייטן שטאָק און מיין פעטער האָט פאַרנומען אַ 5־צימערדיקע דירה אויפן ערשטן שטאָק. איך בין געווען אַזוי דערשיטערט פון די איבערלעבונגען אין מיין היים־שטאָט און פון דעם אַלגעמיינעם חורבן פון יידישן לובלין, אַז איך האָב פשוט נישט געהאַט דעם גייסטיקן כוח און מוט צו באַזוכן אונדזער וווינונג און די דירה פון מיין פעטער. איך האָב פשוט מורא געהאַט פאַר דער דאָזיקער פּיינלעכער קאָנפראָנטאַציע. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אין אונדזער שטוב וועל איך טרעפן דאָס זעלבע מעבל, די וואַנט־בילדער, פּאָרצעליי־כלים און דאָס וועט אויפקאָכן מיין בלוט.

איך האָב נאָר באַזוכט דעם הויז־וועכטער (סטרוזש) יאַן מאַטיקאַ, וועלכער האָט שוין נישט געוווינט אין קעלער־שטוב, נאָר אין אַ 2־צי־מערדיקער דירה אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט מיר דערציילט, אַז גלייך נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגעפירט די עלטערן אין געטאָ, האָט זיך אין דער דירה אַריינגעצויגן אַ פּוילישע פאַמיליע.

יאַן מאַטיקאַ איז געווען אַ רואיקער און אַנשטענדיקער מענטש. ער האָט ערלעך אויסגעפירט זיינע פליכטן אַלס הויז־וועכטער. ער מיט זיין ווייב האָבן געלעבט באַשיידן, זיי האָבן געהאַט 4 זין, אַלע זענען געווען

ריזן. הויכע פעסט־געבויטע מענער. דריי ברידער זענען געווען רואיקע און אַרבעטזאַמע מענטשן, באַקאַנטע מויערער אין לובלין, וועלכע האָבן נאָר געזאָרגט פאַר זייער פּרנסה. זייער פאַכמענישקייט איז געווען באַקאַנט אין דער שטאָט און זיי זענען שטענדיק געווען באַוואָרפן מיט אַרבעט. אָבער דער ייִנגסטער מאָטיקאַ איז געווען אַ באַקאַנטער אונטערוועלט־טיפּ און שיכור. אין אַלע גרויסע געשלעגן איז ער געווען פאַרמישט. זיין פּנים און קערפּער איז געווען פול מיט מעסער־שטעך פון די צאָלרייכע געשלעגן. פון אַלע ברידער איז ער געווען דער שטאַרקסטער. די עלטערע ברידער האָבן נישט איינמאָל געפּרוווט אים אַרויפצופירן אויפן גלייכן וועג, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען. פון צייט צו צייט האָט ער מיט זיי געאַרבעט אויף די רושטאָוואַניעס. אָבער ווען ער האָט נאָר דערפילט אַ פאַר זלאָטעס אין דער קעשענע, האָט ער אויפגעהערט צו אַרבעטן. גאַנצע טעג אַהט ער פאַרבראַכט אין די שענקן.

מאָטיקאָס בעסטער חבר איז געווען דער צווייטער באַרימטער אונטערוועלט־טיפּ און שיכור, לאָמפּאָס. ביידע האָט מען אָפט געזען שטיין ביי לייביש טולערס בעקעריי.

לאָמפּאָס האָט פאַרלוירן אַ פוס שפּרינגענדיק פון אַ צוג אויף דער ליניע לובלין — וואַרשע. דער דאָזיקער שפּרונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רויב־אָנפאַל, האָט אים אויך געקאָסט אַ פאַר יאָר תּפיסה. דער דאָזיקער כוליגאַן האָט געוווינט אויף שעראַצע 3, בשכנות מיט מיין זיידנס הויז אויף שעראַצע נר. 7. דאָס איז געווען אַ קליין איינשטאָקיק הייזל, אין וועלכן עס האָבן געוווינט אַ פאַר פאַמיליעס אין 1־צימערדיקע דירות. לאָמפּאָס האָט געוווינט אויפן ערשטן שטאָק מיט אַ פּראָסטיטוטקע פון ערגסטן מין. ביידע האָבן געהאָט בלויע געזיכטער פון דעם נישט ריינעם ספּירט, ווייל אויף וואָדקע האָבן זיי זיך נישט געקענט דערלויבן.

צוליב דעם קינסטלעכן פוס איז לאָמפּאָס געגאַנגען מיט אַ שטעקן, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַן אייזערנער ראָם. מיט דעם שטעקן האָט ער צוזאַמען מיט מאָטיקאַ געפירט זיינע מלחמות מיט אַנדערע אונטערוועלט־טיפּן.

אין דעם זעלבן הויז אויפן פאַרטער האָט אין איין צימער געוווינט די משפּחה פון בונעם טאַשעמקאַ, דער פאָטער פון משה טאַשעמקאַ־קאָרן,

(מען האָט אים גערופן בונעם קאָצקער). בונעם איז געווען אַן אייגג־אַרטיקער און זעלטענער ייד, אַפילו אין די זייער פרומע חסידישע קרייזן. זיינע טעג און נעכט האָט ער פאַרבראַכט ביים לערנען תורה און פסקענען שאלות. עולם־הזה האָט אים אינגאַנצן נישט אינטערעסירט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען פאַרבונדן מיט עולם־הבא. די וועלט האָט אים אויף אַזוי פיל אינטערעסירט, אויף וויפל עס איז געווען נייטיק אויפצוהאַלטן די נעבעכדיקע פיזישע עקזיסטענץ. פאַר דער זייער בצמצומדיקער פרנסה האָט געזאָרגט זיין פרוי, וואָס האָט פאַרקויפט פאַרשידענע שטוב־צודאָטן ווי נאָדלען, שנוראָוואַדלעס, זאָקן־בענדלעך און ענלעכע סחורות אויפן מאַרק ביי דער טאַרגאָווע־גאַס. דאָס גאַנצע בינטל סחורות האָט מען געקענט אָפּקויפן פאַר 50 זלאָטעס און אפשר ווייניקער. יעדן פאַרנאַכט האָט די פאַרמאַטערטע פרוי אַהיימגעטראָגן דאָס „געשעפט" און צומאָרגנס ווידער געבראַכט דאָס פעקל צום סטראַגאַן.

אַזוי האָבן אין איין הייזל געוווינט דער וויסטער כוליגאַן לאַמפּאַס און דער ל״וואָווניק בונעם קאָצקער (געווען אַ קאָצקער חסיד). אָבער דער דאָזיקער שיכור האָט זיך באַצויגן צו בונעם טאַשעמקאַ מיטן גרעסטן כבוד. ווען ער האָט אים נאָר דערזען פון דער ווייטנס האָט ער פאַר אים אַראָפּגענומען דאָס היטל און אויפן גאַנצן קול אויסגערופן: „דזיענדאָברי פּאַניע בונעם". ער האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ הייליקן מענטש, וועלכן מען דאַרף אָפּגעבן דעם גרעסטן כבוד. לאַמפּאַס האָט דאָס אויס־געדריקט אויף זיין אופן און מיט זיין לעקסיקאָן. נאָך אַ גוטער כוסע האָט ער אַמאָל געזאָגט צום גרויסן תלמיד־חכם: „קורוואַ יעגאָ מאַטש בענדזשע טעמו, קטאָ פּאַנאַ רושי".

נישט מאַטיקאַ און נישט לאַמפּאַס האָבן געפירט מלחמות מיט יידן. מיט יידן האָבן זיי דווקא געלעבט בשלום. די בלוטיקע געשלעגן האָבן זיי געפירט מיט אַנדערע פּוילישע כוליגאַנעס.ביידע זענען פאַרשוווּנדן אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

אייניקע טעג נאָך מיין קומען קיין לובלין האָבן זיך גלייך אָנגע־הויבן דרייען כלערליי מעקלער — יידן און קריסטן וועגן פאַרקויפן דאָס הויז. היות ווי איך און מיין ברודער זענען געבליבן די איינציקע יורשים פון פאַרמעגן, האָבן מיר געקענט דעצידירן וועגן פאַרקויף. אַפילו איך

אַליין האָב איך יענע טעג געקענט באַשליסן וועגן דער טראַנזאַקציע. הגם אין פּוילן האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אַ האַלב־קאָמוניסטישער רעזשים, זענען טראָץ דעם געווען געגנוג בעלנים אויף אַזעלכע אָביעקטן. אָבער די פּרייזן, וועלכע זיי האָבן פאָרגעשלאָגן פאַר אַזעלכע הייזער זענען געווען נישטיקע. זיי זענען נישט געשטאַנען אין קיין פּראָפּאָרץ צו זייער ווערט. דער הויפּט־אַדוואָקאַט פאַר די ירושה־ענינים אין לובלין איז דאַן געווען ראַצקי. ער האָט דורכגעפירט הונדערטער קויף־און פאַרקויף־טראַנזאַקציעס פון הייזער, דירות, פּלעצער און געשעפטן. אַ גרויסער טייל פון די קונים איז באַשטאַנען פון די עלעמענטן, וועלכע זענען רייך געוואָרן פון אַנגעראַבעוועטן יידן־פאַרמעגן. צווישן זיי זענען אויך געווען פּויערים, וועלכע זענען רייך געוואָרן בעת דער מלחמה פון פאַרקויפן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אויפן שוואַרצן מאַרק, הגם דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפאַר און הויכע תפיסה־ און געלט־שטראָפן.

פאַרן הויז אויף לובאַרטאָווסקע 28, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ ווערט פון 70—80 טויזנט דאָלאַר, האָבן די קונים פאָרגעשלאָגן 1500 דאָלאַר. פאַר אַזאַ נישטיקן פּרייז האָב איך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן דאָס הויז פון מיין פאָטער און פעטער. ביי זיך האָב איך געטראַכט: ווער ווייס וואָס עס וועט זיך די לאַגע אַמאָל ענדערן אין פּוילן, וועט דער ווערט פון הויז זיין אַן אַנדערער און אויב נישט, האָב איך אַ סך נישט פאַרלוירן.

דאַקעגן דאָס הויז פון מיין זיידע אויף שעראַצע 7, האָב איך און מיין קוזין באַשלאָסן צו פאַרקויפן, הגם דער פּרייז איז אויך געווען אַ לעכערלעכער אין פאַרגלייך צום אמתן ווערט. דאָס הויז איז באַשעדיקט געוואָרן בעת דער מלחמה דורך אַ באָמבע, וואָס איז געפאַלן אויף לובאַרטאָווסקע 38, ווו עס איז געווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. די וואַנט פון ביידע הייזער איז געווען אַ בשותפותדיקע און די באָמבע האָט צעשטערט אַ גרויסן טייל פון ביידע הייזער. פאַר דעם הויז, וואָס האָט געהאַט אַ פאַר צענדליק לאָקאַטאָרן האָבן מיר באַקומען סך־הכל ביי 1000 דאָלאַר. אין יענע צייטן איז עס געווען ביי 1 מיליאָן זלאָטעס. פאַר צוריקגעקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס געווען אַן ערנסטע סומע. אָבער קיין גרויסן נוצן פון דעם געלט האָבן מיר נישט געהאַט,

ווייל אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דאָס יידישע דינסט־מיידל, וואָס האָט ביי אונדז געוווינט אין לאָדזש, געמאַכט שותפות מיט אירע חברים פון דער אונטערוועלט, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין איינעם פון די רעסטאָראַנען אויף דער זאַוואַדזקע־גאַס און צוגעגנבעט כמעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַרן הויז.

דאָס אויסלייזן יידישע קינדער פון קריסטן

נאָך 8—10 טעג האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן לובלין און איבערציען זיך קיין לאָדזש, ווו עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן דאָס יידישע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע לעבן. וואַרשע איז געלעגן אין חורבות און אין דער הויפּטשטאָט זענען פּשוט נישט געווען קיין הייזער, וואָס זאָלן דינען אַלס צענטרען פאַר אַ פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אין יאַנואַר 1946 האָט מען אין לאָדזש שוין געפילט דעם פּולס פון אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישער טעטיקייט, בראש פון וועלכער עס האָבן זיך געשטעלט יוגנטלעכע און עלטערע טוער, וואָס זענען צוריקגעקומען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלדער, כלערליי באַהעלטענישן און פון ראַטנפאַרבאַנד. אַלס מיטגליד אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, האָב איך זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין „איחוד", וואָס האָט דאַן אַרומגענומען אַלע אַלגעמיינע ציוניסטן און אויך אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע דאַרפן אַלע ציוניסטן זיך אָרגאַניזירן אונטער איין דאַך, אָן דער פּאַרטייאישער צעשפּליטערטקייט ווי דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה.

גלייך נאָך מיין קומען קיין לאָדזש האָב איך אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט אַ ריי אַלגעמיין־ציוניסטישע עסקנים ווי ד״ר לאַנגנאַס, אדוו. שמעון ראַגאָזשינסקי, מיכאל קאַסאָווער, אברהם ראָזענמאַן, ד״ר מאַקסימיליאַן

טאָוכנער (רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „אַפּיניאָ״) הלל זיידל, מנחם קונדאָ און אַנדערע.

די ציוניסטישע טעטיקייט אין יענע טעג האָט זיך קאָנצענטרירט אויף צווײ הויפּט־געביטן: אָרגאַניזירן די יידן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען מיט דער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד און זיי ריכטן אויפן וועג פון עליה קיין ארץ־ישראל און אויסלייזן הונדערטער קינדער, וועלכע זענען געפונען געוואָרן ביי קריסטן נאָך די טראַגישע אומשטענדן פון דער היטלער־תקופה.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז שוין אין יענע טעג האָבן מיר, ציוניסטן, געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ יידישן ישוב אין פוילן, אויף די חורבות פון מיליאָנען יידן. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז די שארית הפליטה האָט דאָ נישט קיין שום צוקונפט און אַלע באַמיאונגען דאַרפן געמאַכט ווערן אַרויסצופירן די יידן מיט אַלע לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן, כדי זיי קאָנצענטרירן אין איבערגאַנגס־לאַגערן אין עסטרייך און אין מערב־דייטשלאַנד און פון דאָרט פאַרזעצן דעם שווערן קאַמף פאַר אַ יידישער מדינה.

אויף דעם געביט האָבן די ציוניסטן אָנגעטראָפן אויף אַ ביטערן ווידערשטאַנד מצד עקסטרעמע בונדיסטן און הויפּטזעכלעך מצד קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען אָפּצושטעלן די לעגאַלע און אומלעגאַלע עליה. אין 1956 און שפּעטער אין 1967 (נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה) האָט די געשיכטע אַרויסגעטראָגן איר אורטייל איבער דעם שווערן און גורלדיקן וויכוח צווישן ציוניסטן און קאָמוניסטן. יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער דאָזיקער אידיי נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דער מלחמה, די, וועלכע האָבן געהאָלפן לייגן די יסודות פאַרן נייעם רעזשים, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען די פאַרווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען און אידעאַלן, זענען שפּעטער אויסגעשפּיגן געוואָרן דורך זייערע פוילישע חברים און געטאַדלט געוואָרן אַלס „פאַררעטער״, „אַגענטן פון ציוניזם און אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם״, און מיט ענלעכע עפּיטעטן.

אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין קומען קיין לאָדזש, בין איך דעלעגירט געוואָרן צוזאַמען מיט מנחם קונדאָ פון פּינסק (היינט אַ באַקאַנטער אַד־

וואַקאַט אין ישראל) אין דער „קאָאָרדינאַציע", וואָס האָט אָנגעהויבן צו שטעלן די ערשטע שריט. אין דער „קאָאָרדינאַציע" זענען געווען פאַר־טראַטן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „דרור", „הנוער הציוני — עקיבא", „השומר הצעיר", „גורדוניה", „הנוער החלוצי", „באַראַכאָוו־יוגנט" און די פּרויען־באַוועגונג „וויצאָ". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשטעלט פאַר זיך די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע אויסצולייזן וואָס מער קינדער פון קריסטלעכע הענט, אַרויספירן זיי פון פּוילן און זיי צוגרייטן צו דער עליה קיין ארץ־ישראל.

די הויפּט־איניציאַטאָרן פון דער „קאָאָרדינאַציע" זענען געווען דער שליח פון קיבוץ יגור, אריה גאָלדבערג (היינט שריד) און שרה נשמית (היינט קיבוץ לוחמי הגיטאות). ביידע האָבן אַריינגעלייגט זייערע נשמות אין דער הייליקער אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט אַ סך וואָרעמקייט, מסירות־נפש און אָנטשלאָסנקייט צו גיין ביזן סוף.

די „קאָאָרדינאַציע" האָט אין אָנהייב פון איר טעטיקייט אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן, ווייל זי האָט נישט דיספּאָנירט מיט נייטיקע פאָנדן, כדי אויסצולייזן די קינדער. די פינאַנסיעלע שוועריקייטן זענען שפּעטער געלייזט געוואָרן אַ דאַנק דער אַקטיווער הילף פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד" אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט לואי סיגאַל ז"ל בראש, וועלכער איז געקומען קיין פּוילן נאָך דער מלחמה און זיך פאַר־זענלעך באַקענט מיטן טראַגישן פּראָבלעם פון יידישע קינדער אין גויישע הענט. אויך דער באַקאַנטער ציוניסטישער מנהיג און פּובליציסט ד"ר ש. מאַרגאָשעס ז"ל האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו פאַר־גרעסערן די פינאַנסיעלע מיטלען פון דער „קאָאָרדינאַציע", כדי עס זאָל חליה, נישט פעלן קיין געלט אויסצולייזן די קינדער. אין די דאָזיקע באַמיאונגען האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דער „דזשאָינט" אין פּוילן.

וויפל יידישע קינדער עס האָבן זיך דאַן געפונען אין קריסטלעכע הענט האָבן מיר נישט געוווּסט. צו דער „קאָאָרדינאַציע" זענען אָנגעקומען פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס פון קרובים אין אויסלאַנד, פון משפחה־מיט־גלידער, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד און האָבן גע־ווּסט, אַז זייערע נאָענטע האָבן אין לעצטן מאָמענט איבערגעגעבן זייער

קינד אַ קריסטלעכער פֿאַמיליע און אויך פֿון די פֿאַליאַקן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ביי זיך די קינדער.

די גרויסע טראַגעדיע פֿון איבערגעבן יידישע קינדער צו קריסטלעכע פֿאַמיליעס האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט אין די גרויזאַמע יאָרן 1942—1943, ווען עס איז געקומען די לעצטע פֿאַזע פֿון דער ליקווידאַציע פֿון די געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן. עס איז אָנצונעמען, אַז אין דער דאָזיקער תּקופֿה זענען טויזנטער יידישע קינדער מיט פֿאַר־שידענע וועגן אַנגעקומען אין קריסטלעכע היימען.

די מאָטיוון פֿון די פֿאַליאַקן זענען געווען פֿאַרשידענע: קאָמערציעלע, הומאַניטאַרע און רעליגיעזע. הונדערטער פֿאַליאַקן האָבן אין דעם געזען אַ גוט געשעפֿט. די עלטערן פֿון קינד האָבן אין אַזאַ פֿאַל איבערגעגעבן די פֿאַליאַקן געלט, ווערטפֿולע זאַכן, ביזשוטעריע און אין פֿיל פֿאַלן אָפּ־געשריבן אומבאַוועגלעכע גיטער. דער לייטונג פֿון דער „קאָאָרדינאַציע" זענען געווען באַקאַנט פֿאַלן פֿון פֿאַליאַקן, וועלכע האָבן צוגענומען גרויסע געלטער ביי יידן און אָנשטאָט אויסצובאַהאַלטן, האָבן זיי די דאָזיקע קינ־דער איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דייטשן אָדער אַליין ליקווידירט. אויף אַזאַ אופֿן איז אומגעקומען אַ גרויסע צאָל קינדער.

עס וואָלט אָבער געווען אַ שרייענדיקע עוולה דאָס צו זאָגן לגבי אַ צאָל פֿאַליאַקן אין די שטעט און דערפֿער, מאַנאַכן און מאַנאַכינס פֿון די קלויסטערס, וועלכע האָבן צוליב ריין־הומאַניטאַרע, אָדער רעלי־גיעזע מאָטיוון געראַטעוועט די קינדער פֿון אַ זיכערן טויט. מיר טאָרן נישט גרינגשעצן די דאָזיקע הומאַניטאַרע טאָטן צו וועלכע מענטשן האָבן זיך דערהויבן דווקא אין דער פֿינצטערער נאַכט פֿון שנאה און פֿאַרניכ־טונג. מען דאַרף געדענקען, אַז פֿאַר אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער האָט געדראָט טויט־שטראָף. און נישט איין פֿאַליאַק האָט באַצאָלט דערפֿאַר מיטן לעבן. אַנדערע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פֿון וועלכע נאָר ווייניקע זענען צוריקגעקומען.

די מאַנאַכינס האָבן געראַטעוועט די קינדער צוליב הומאַניטאַרע און רעליגיעזע סיבות. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז מיט דעם דער־פֿילן זיי אַ הייליקע אויפֿגאַבע פֿאַר דער קריסטלעכער קירך. עס איז קלאָר, אַז אַלע יידישע קינדער, וועלכע זענען אַריינגעפֿאַלן אין זייער

רשות זענען אָפּגעשמדט געוואָרן. צו די דאָזיקע קינדער האָט די „קאָאָר־דינאַציע" כמעט נישט געהאַט קיין צוטריט, ווייל מען האָט זיי שטאַרק געהיטן און מיט געלט האָט מען אין די דאָזיקע פאַלן גאָרנישט געקענט אויפטאָן. אויך איבערצייגונגס־פּרוּוון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די שליחים פון דער „קאָאָרדינאַציע" האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער וואַנט. נישט איינמאָל איז דאָס לעבן פון די „אויסלייזער" געווען אין געפאַר, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין קליינע שטעטלעך און דערפער און געזוכט די שפורן פון יידישע קינדער.

צווישן די, וועלכע האָבן זיך דירעקט פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער און הייליקער אַרבעט פון אויסקויפן יידישע קינדער, איז געווען די לובלינער פרוי פליישער־זילבער, וואָס לעבט אין ישראל. זי איז געווען דער הויפּט־זייל פון דער „קאָאָרדינאַציע". זי האָט גענומען אויף זיך די שווערסטע אויפגאַבן, די קאָמפּליצירטסטע פאַלן פון אויסלייזן די קינדער פון גוישע הענט. זייער אָפט איז דאָס געווען פאַר־בונדן מיט לעבנס־געפאַר.

די קינדער האָבן זי נישט גערופן פליישער, נאָר „מאַרישאַ". פאַר זיי איז זי געווען מוטער־מאַרישאַ. די ליבע איז געווען אַ קעגנזייטיקע. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אויסלייזן דאָס קינד פון דער קריסטלעכער סביבה, נאָר האָט אַריינגעלייגט אַלע אירע גייסטיקע און נשמה־כוחות, כדי צו געווינען דאָס קינד פאַרן יידישן פאָלק און פאַר די נאָענטע קרובים, אויב אַזעלכע זענען געווען.

„מאַרישאַ" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוואַלדיקער עקשנות און אַנטשלאָסנקייט ביים רעאַליזירן דעם ציל. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי געזען איר לעבנס־מיסיע נאָך די שווערע היטלער־יאָרן. זי אַליין האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אויף אַרישע פּאַפּירן אַ דאַנק איר אויסזען, איינגעבוירענער אינטעליגענץ און זעלבסטזיכערקייט. אַ לאַנגע צייט האָט זי געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און שיער נישט געפאַלן אַ קרבן פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". עס האָט ווער צוגעטראָגן, אַז זי איז אַ קאָמור־ניסטן. זי איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אָבער אַ דאַנק איר קערנדיקער פּוילישער שפּראַך און אינטעליגענץ איז איר געלונגען צו איבערצייגן די ריכטער, אַז איר

פאַטער איז געווען אַ הויכער פּוילישער אָפיציר און זי אַליין האָט נישט קיין שום שייכות צום קאָמוניזם, און אויף אַזאַ אופן איז זי ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

די לעצטע צוויי יאָר ביז דער באַפרייאונג, האָט פרוי פליישער גע־אַרבעט אין הויז פון דער פירשטין לאַש, וואָס האָט געפירט אַ פּענסיאָן פאַר דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע. די פירשטין האָט זיך צו איר זייער גוט באַצויגן אויך נאָך דעם ווי זי איז געוואויר געוואָרן, אַז פרוי פליישער איז אַ יידישע.

ווען פרוי פליישער איז געקומען קיין לאָדזש און זיך דערוווּסט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער „קאָאָרדינאַציע", האָט זי זיך גלייך גע־וואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין דער דאָזיקער אַרבעט. זי האָט געוואַנ־דערט אין די שטעטלעך און דערפער וועגן וועלכע מען האָט געהאַט נאָר אַ געוויסע אינפאָרמאַציע, אַז עס געפינען זיך דאָרט יידישע קינדער. זי האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם „שפּיאָנאַזש־חוש" און האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען. אויף אַזאַ אופן האָט זי פּערזענלעך באַוויזן אויס־צוקויפן בערך 30 קינדער.

כדי צו פאַרמאַסקירן איר אמת׳ע מיסיע, איז זי אַרומגעפאָרן מיט פאַרשידענע גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען. וועלכע זי האָט פאַרגעשלאָגן די פּויערים און איינוווינער פון די קליינע שטעטלעך. בעת די דאָזיקע מסחר־טראַנזאַקציעס האָט זי זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען פאַרשידענע אינפאָר־מאַציעס וועגן באַהאַלטענע יידישע קינדער. היות זי איז דערשינען אַלס פרומע קריסטין האָט זי ביי קיינעם נישט דערוועקט קיין חשד. אויך די קינדער האָט זי געוווּנען מיט כלערליי מתנות און שפּילצייגן, און דער־מיט זיי אַריינגעצויגן אין איר „שפּיאָנאַזש־דינסט", און אין פיל פאַלן האָט דאָס געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט אין דער האַנט אַלע נייטיקע פּרטים וועגן קינד און זיינע „עלטערן", האָט זי אָנגעהויבן דירעקט, אָדער אומדירעקט „דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונ־גען", וואָס האָבן זיך אין גרעסטן טייל פאַלן פאַרענדיקט מיט דערפאָלג.

„מאַרישאַ" האָט שפּעטער יאָרנלאַנג אָנגעהאַלטן ענגע קאָנטאַקטן מיט „אירע קינדער" אין ישראל און זיך באַטייליקט אין זייערע שמחות.

אין דער דאַזיקער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ה׳ יאַנאָווסקי.

אין נאָוועמבער 1946 האָט די „קאָאָרדינאַציע" אַרויסגעגעבן אַן איינמאָליקע אויסגאַבע „פאַרן יידישן קינד" אונטער דער רעדאַקציע פון שרה נשמית, לייבל קאַריסקי און עובדיה פעלד.

לייבל קאַריסקי האָט פּערזענלעך געקענט צענדליקער אויסגעלייזטע קינדער און האָט מיט טיפער זאָרג און אויפמערקזאַמקייט געשאַפן אַ קאַרטאָטעק פון די קינדער מיט אַלע באַקאַנטע פּרטים.

איך ברענג דאָ די שילדערונגען פון לייבל קאַריסקי, וואָס זענען דערשינען אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע, וועלכע זענען געשריבן גע־וואָרן אויף דער „הייסער מינוט". זיי שפּיגלען אָפּ די טראַגעדיע פון די אויסגעלייזטע קינדער.

דאָס זענען אונדזערע קינדער

ווייניק זענען אין פּוילן געבליבן יידן — דערוואַקסענע און יוגנט. און נאָך ווייניקער יידישע קינדער. וואָס ווייסן מיר וועגן זייערע איבער־לעבונגען אין דער צייט פון דער מלחמה?

דער גרעסטער טייל פון אונדזערע ביז איצט גאולים — אויסגעלייזטע קינדער, זענען אין עלטער פון 6 ביז 10 יאָר. אין די שווערסטע צייטן פון זייערע טראַגיש־אומגעקומענע עלטערן — אין די יאָרן 1939—1943 זענען זיי נאָך געווען פּיצעלעך. זיי געדענקען נישט זייערע אמתע טאַטע־מאַמע. זיי ווייסן נישט זייערע יידישע נעמען און זייער אָפּשטאַמונג, זיי באַגרייפן נישט, אַז אין זייער לעבן איז פאָרגעקומען עפּעס אַנדערש ווי מיט אַלע אַנדערע קינדער. זייערע צופעליקע, צייטווייליקע נישט־יידישע אַפּוטרופּסים, וועלכע האָבן אָפּט אַרויסגעוויזן צו זיי פיל האַר־ציקייט און אָפּפערוויליקייט, זענען ביי זיי אַן שום צווייפל זייערע טאַטע־מאַמע.

און אָט זענען עטלעכע פאַלן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַגעגנט:

עובדיה פעלד

מיין טאַטנס נאָמען — איז ייד

ער איז געווען איינער פון די ערשטע אין אונדזער קינדער־קיבוץ. אַ קליינטשיקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ ברייטן ענערגישן פּנימל, מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן און שוואַרץ־געקרייזלטע האָר. ער גייט צו צום טיש און ווערט מיט אונדז גלייך חבר. פון זיין פאַרגאַנגענהייט ווייסן מיר קיין זאַך נישט. מיר פּרווון שפּילעוודיקערהייט אויסצופרעגן ביי אים די נייטיקסטע ידיעות:

— ווי אַלט ביסטו?

— פיר יאָר.

— ווי רופט מען דיך?

— אַדאַם.

— ווי איז דיין פאַמיליע־נאָמען?

— הירשמאַן.

— ווי האָט מען גערופן דיין פאָטער?

— י י ד...

— ייד...

אַזוי האָט מען אים דערציילט, מער ווייסט ער גאָרנישט, ער ווייסט שוין אָבער אונדז אויסצוזינגען אַ ניי ליד.

ער געדענקט אָבער נישט די ווערטער און אַ פאַרשעמטער גייט ער אַוועק זיך שפּילן מיט זיינע נייע חברים.

„דאַנושאַ" הייסט שוין היינט „גאולה"

אַן אַנדערע גומוטיקע פויערטע פון לובלינער געגנט האָט אונדז געבראַכט אַ מיידעלע און דערציילט פאָלגנדיקס:

„...צענדליקער צוגן פלעגן דאַן טאָג־איין, טאָג־אויס, פירן פול־געפּאַקטע טראַנספּאָרטן יידן קיין מיידאַנעק. וויסנדיק, אַז מען פירט זיי צום טויט און וועלנדיק ראַטעווען זייערע קליינע קינדערלעך, פלעגן

אַ סך עלטערן אַרויסוואַרפן זייערע קינדער פון לויפנדיקן צוג. אפשר וועט עמעצער זיי געפינען און דערבאַרעמען זיך אויף זיי. איין מאָל גייענדיק אַהיים, פאַרביי דער באַן־ליניע, האָב איך געפונען אַ וויינענדיק קליין מיידעלע אַנגעטאָן אין פינף זיידענע העמדלעך... ווען־עמעס זי איז און ווי מען רופט זי ווייס איך נישט..."

מיר קוקן אָן דאָס קינד: בלאָנדע, גאָלדענע האָר מיט אַ יידישן חן אין פנימל. די „מומע" רופט זי דערווייל „דאַנושאַ".

ביים נאָענטן עונג־שבת, פריטיק־צונאַכטס האָט די לייטערין פון קינדער־קיבוץ זי צוגעפירט צו די ווייס־געדעקטע טישן, באַקענט זי מיט אַלע קינדערלעך און פייערלעך געמאָלדן:

— דאָס מיידעלע האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין נאָמען און קען נישט איר משפחה. פון היינט אָן וועט זי הייסן „ג א ו ל ה" — באַפרייטע, און מיר אַלע וועלן זיין איר משפחה.

דער פאָטער האָט צוריקגעפונען זיין טעכטערל

אַ לענגערע צייט, פון זומער 1942 יאָר, האָט זיך גרשון יאַניש מיט זיין פרוי און זייער אַנדערהאַלבן־יאָריקן מיידעלע אויסבאַהאַלטן אין וועלדל נעבן לעגיאָנאָווע ביי וואַרשע. לענגער זיך אויסבאַהאַלטן איז געווען אוממעגלעך. כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן מוז מען גיין אין וואַר־שעווער געטאָ. דאָס קליינע קינד פיבערט שוין עטלעכע וואָכן; זיי דערנערן זיך לעצטנס בלויז מיט גראָז און אַנדערע געוויקסן; דאָס קינד האַלט ביים אויסגיין אויף זייערע הענט. כדי צו ראַטעווען דאָס קינד באַשליסן די עלטערן אָוועקצולייגן זי אויפן וועג ביים ראַנד פון וואַלד. — אפשר וועט אַ באַרמהאַרציקער פאַרבייגייער עס צונעמען און נאָך באַ־ווייזן אָפּראַטעווען איר לעבן.

אין וואַרשעווער געטאָ איז אומגעקומען די מאַמע. דער פאָטער איז אין איינער פון די אַקציעס אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער קיין דייטשלאַנד, פון וואַנען ער איז באַפרייט געוואָרן דורך די אַליאירטע

אַרמייען. דאַן האָט אים אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק, אפשר איז גע־בליבן לעבן זיין איינציק קינד שפרהלע?... און ער האָט זיך געלאָזט איבער די גרענעצן צוריק קיין פוילן.

ביי דער פרוי יאַראָמירסקאַ לעאָקאַדיאַ, אַ געוועזענע איינוווינערין פון לעגיאַנאָווע, האָט ער געפונען זיין מיידעלע, וועלכע הייסט איצט באַגדאַ. די גוטהאַרציקע פרוי האָט נישט קיין אייגענע קינדער; דאָס קינד האָט זי געפונען אַ גוססדיקס ביים ראַנד פון וואַלד. זי האָט עס אָפּגעראַטעוועט און דערצויגן; דאָס קינד איז איר איינגעבאַקן אין האַרצן; צוויי מאָל האָבן די דייטשן געוואָלט שיסן דאָס מיידעלע, אָבער זי האָט דאָס קינד פאַרדעקט מיט איר אייגענעם קערפּער... דאָס קינד האָט זי געשמדט און צוגעשריבן אַלס איר אייגנס. „באַגדאַ" וויל נישט גלייבן יאַנישן, אַז ער איז דער אמתער פאָטער. זי קען אים נישט. די קליינע שפּייט אויף אים, רופט אים „טייוול" און אָנערקענט בלויז אירע אַרישע „טאַטע־מאַמע". דאָס מיידעלע איז אָבער ענלעך צום טאַטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. דער טאַטע געדענקט נאָך אין וואָס פאַר אַ העמ־דעלע און קליידעלע ער האָט געלאָזט דאָס קינד און ער דערקענט עס צווישן איר גאַרדעראָב. מיט דער צייט האָט די אידעלע פּוילישע פרוי אָנגעהויבן מיטפילן דעם פאַרצווייפלטן פאָטער און האָט אים מיט טרערן אין די אויגן אומגעקערט דאָס קינד.

איצט איז שפרהלע יאַניש איינע פון די פריילעכסטע אין אונדזער פּיעטראָלעשער קינדער־קיבוץ. דעם פאָטער, וועלכער קומט אָפט צו איר צו גאַסט, באַגעגנט זי איצט מיט אַ הויכן „שלום פּאַפּאַ!".

דער „פסחדיקער סדר" האָט איר דערמאָנט

זילבערשטיין הדסה (אירקאַ) איז געבוירן געוואָרן אין 1934 יאָר אין ביעלסק. די עלטערן זענען אומגעקומען אין 1941 אין לובלין. דאָס מיידעלע איז דורך באַקאַנטע איבערגעגעבן געוואָרן אַ גוטהאַרציקער פּויערטע פון דאָרף אַסמאָליטש נעבן לובלין. זי האָט געשמדט און דער־צויגן דאָס קינד. נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן, האָט דאָס מיידעלע צוגענומען צו זיך אַ העכערער מלוכה־באַאַמטער אין לובלין, וועלכער איז מסכים געווען אומצוקערן דאָס קינד צום יידישן פאָלק. אַ דאַנק

דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון אונדזער מיטאַרבעטערין פרוי פּליי־שער, איז דאָס מיידל געקומען צו אונדז.

אָבער אויך דאָ וויל זי קיין „זשידוווקע״ נישט ווערן. זי איז 12 יאָר אַלט און פאַרשטייט שוין אַלץ אַליין...

— אויב מיינע יידישע קרובים און אַלע יידן האָבן מיך אָוועקגע־וואָרפן און געלאָזט איינזאַם אין די שווערסטע טעג פון מיין לעבן — זאָגט זי ערנסט — בין איך פאַרפליכטעט פאַר דעם גאָט און פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געגעבן אַ היים. דאָס יידישע פאָלק האָבן אַלע פיינט. איך וויל נישט ווערן ווייטער אַ יידישע און ווידער האָבן די זעלבע צרות. איך וויל נישט בלייבן צווישן יידן.

זיצנדיק אָבער פּסח סדר ביים סדר אין קינדער־קיבוץ האָט זי זיך דער־מאָנט אין דער אַמאָליקער היים און פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אינ־גאַנצן געענדערט.

אין אַ מאָנאַט אַרום איז הדסה געוואָרן איינע פון די בעסטע שי־לערינס. דאָס האָט זי אָנגעשריבן דעם ערשטן העברעאישן בריוו צו די קינדער אין קיבוץ אין ארץ־ישראל, וועלכן זי האָט פאַרענדיקט מיט גרויסע אותיות „שלום, להתראות!״.

עלטערע קינדער פאַרשטייען בעסער

אברהם יאַקיערעוויטש, 13 יאָר אַלט, איז געקומען צו אונדז פון אַ פּוילישן קינדער־היים, וואָס האָט זיך רעפּאַטריאירט פון ראַטנפאַרבאַנד, נישט ווייט פון לענינגראַד.

— ווען וועט דער טאַטע קומען צו פאָרן?

— קיינמאָל נישט... ווייל אויף אים ליגט דאָרט אַ בערגל ערד און אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט „געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד״.

— ווו איז דיין מוטער?

— זי איז געבליבן אין לוצק אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. אויף איר קבר שטייט אַן אויפשריפט: „18.000 יידן"...

ער וואָרט נישט אויף מיינע ווייטערדיקע פראַגן און דערקלערט מיר גלייך, אַז ער וויל זיין אַ חלוץ און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַ „סברא" איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע

אין 1937 האָט הדסה, די פרוי פון אינזשיניער בצלאל האַלפּערין געבוירן אין ירושלים אַ מיידעלע מיטן נאָמען רות. אין 1939 זענען די עלטערן מיט דער 2־יאָריקער רות אַרויסגעפאָרן אויף אַ באַזוך צו זייערע עלטערן אין ליטע. דאָ האָט זיי געטראָפן דער אויסברוך פון דער מלחמה, וואָס האָט זיי פאַרמאַכט דעם וועג צוריק אַהיים קיין ארץ־ישראל. די דייטשן האָבן זיי, צוזאַמען מיט אַלע קאָוונער יידן, אַריינגעטריבן אין געטאָ. פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט דער טאַטע אַרויסגעטראָגן דאָס מיידעלע דורך דער שטעכעדיקער דראָט־פאַרצוימונג אין שטאָט און מיט גרויס פּראָטעקציע זי אָפּגעגעבן אין אַ קאַטוילישן יתומים־הויז. די עלטערן זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קאָוונער יידן..

דאָס מיידעלע האָבן גוטע יידן אַרויסגענומען פון קאַטוילישן יתומים־הויז און געבראַכט צו אונדז. זי געדענקט גוט אַלץ, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען בעת דער מלחמה.

— איך וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל, אין מיין פאָטערלאַנד און דאָרט וועל איך אַלע קינדער דערציילן וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געזען.

אַ יתום פון נ.ס.ז.־קרבנות

אין אָנהייב פון קריג האָט זיך די משפחה פאַסטער פון וורוטקי נעבן לעמבערג, עוואַקואירט קיין ראָטנפאָרבאַנד. אין 1944 יאָר איז ביי

זיי אין קאַזאַכסטאַן געבוירן געוואָרן דאָס מיידעלע רוזשאַ. אַלס פּוילישע בירגער זענען זיי נאָכן קריג מיט דער רעפּאַטריאַציע געפאָרן צוריק קיין פּוילן. אויפן וועג קיין לאָדזש, זענען זיי באַפאַלן באַנדיטן פון נ.ס.ז. (אַנדערסעס אַנהענגער) און האָבן דערמאָרדעט אַלע יידן, וואָס זענען געווען אין וואַגאָן און צווישן זיי אויך רוזשעס עלטערן. דאָס קינד האָבן די באַנדיטן נישט באַמערקט, ווייל עס איז געשלאָפן. אַזוי איז רוזשאַ על פּי נס געבליבן לעבן. אַ פריינדין האָט זי געבראַכט צו אונדז.

שפּילט זי זיך אויפן גראָז מיט די קינדער. אַנדערטהאַלבן יאָר איז זי אַלט און זי האָט שוין קיין טאַטע־מאַמע, — טראַץ דעם, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט און אויף דער וועלט הערשט שוין אַ יאָר צייט פרידן.

די צוואה פון דער אומגליקלעכער מאַמען

אַ חבר האָט אונדז געמאָלדן, אַז עס בעט אונדז קומען צו זיך די פרוי אַננאַ שאַפערט־ליקערמאַן, געבוירענע האַמפּעל, וועלכע האָלט ביים גוססן אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל אין לאָדזש.

אַ בלאַסע, אויסגעדאַרטע, שווער־קראַנקע פרוי פון אַ יאָר 45—50, האָט אונדז געבעטן זיך זעצן נעבן איר בעטל, זי האָט צוגערופן די דיזשורירנדיקע קראַנקן־שוועסטער אַלס אַן עדות און האָט אונדז געבעטן שרייבן אַלץ וואָס זי וועט זאָגן:

„אָפּגעטיילט פון מיין דעמאָלט נאָך לעבעדיקן מאַן און צוליב זיכער־הייטס־טעמים, האָב איך זיך אָפּגעשמדט מיט מיין 10־יאָריק קינד אירענאַ ליקערמאַן. דאָס קינד האָב איך אַריינגעגעבן אין אַ קאַטוילישן יתומים־הויז ביי אַ קלויסטער אין מעזריטש פּאָדלאַסקי. ביטע, אַט האָט איר אַ בריוו צו דער עלטסטער קלויסטער־שוועסטער. נעמט איבער מיין קינד און דערציט עס אין יידישן גייסט. דאָס איז מיין איינציקע און לעצטע בקשה פאַרן טויט...״

מיט ציטערנדיקע הענט שרייבט זיך זיך אונטער.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זי געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

פיל מי און צייט האָט געדויערט ביז מיר האָבן באַקומען די נייטיקע דאָקומענטן אויף די דערלויבעניש אַרויסצונעמען דאָס מיידל פון קלויס־טער. צוויי מאָל זענען מיר דאָרטן געווען און גערעדט מיט דער 14־יאָ־ריקער אירענאַ, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אונדז:

„...מיין מוטער איז מיר זייער טייער, אָבער איך קען איר ביטע נישט דערפילן. איך ווייס, אַז איך בין געווען אַ יידישע — נאָר איך האָב געפונען אַ שענערן און בעסערן גלויבן אַ דאַנק וועלכן איך האָב זיך געראַטעוועט פון טויט״...

און זי איז דאָרט געבליבן.

שרה נשמית האָט אין אַן אויספירלעכער אַרבעט, וואָס איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין פעברואַר 1952, אין דער אויסגאַבע פון „בית לוחמי הגיטאות״ אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן, געבראַכט אַ ריי שילדערונגען וועגן די אויסגעלייזטע קינדער. איך וועל זיך באַגרענעצן צו ברענגען כאַראַקטעריסטישע איבערלעבונגען פון צוויי אַזעלכע קינ־דער, וועלכע זענען אויסגעלייזט געוואָרן דורך דער „קאָאָרדינאַציע״.

דאָס מיידעלע וו. ל. איז געבוירן געוואָרן דעם 28.12.1941 אין דער שטאָט באַכניאַ. ביז צו דער מלחמה האָבן אירע עלטערן דאָרט געוווינט און פאַרנומען זיך מיט מסחר. ערב דער פאַרניכטונג פון די יידן אין געטאָ האָבן די עלטערן אונטערגעוואָרפן זייער 2־יאָריק מיידעלע פאַרן בנין פונעם יתומים־הויז אויפן נאָמען פון סאַן־אַלבערטוס אין באַכניאַ, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך מאָנאַכינס. פון דעם יתומים־הויז האָט דאָס קינד אַרויסגענומען די פרוי נאָוואַק יוליאַ און איר אַ נאָמען געגעבן נאָוואַק וואַנדאַ.

נאָך דער מלחמה האָט די מומע פון דעם מיידעלע סאַבינאַ האָלענ־דער, וועלכע איז געבליבן לעבן נאָך דער קאַטאַסטראָפע, אָנגעהויבן צו זוכן דאָס קינד. ווען די פרוי נאָוואַק איז וועגן דעם געוווּיר געוואָרן, האָט זי דאָס קינד איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט און אין מאַי 1945 האָט זי געטוישט דאָס וווין־אָרט און איז אַוועק אין אַן אומבאַקאַנטער ריכ־טונג. גאַנץ צופעליק האָט פרוי האָלענדער זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיי־

דעלע געפינט זיך אין סלאָטווינאַ בזשעסקאַ. ווען זי איז אַהין אָנגעקומען מיט אַ ספּעציעלער באַשטעטיקונג פון דער פּאָליציי, כדי איבערצונעמען דאָס קינד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פרוי יוליאַ נאָוואַק איז ווידער געלונגען צו פאַרשווינדן.

צוויי יאָר שפּעטער, אין 1947 האָט פרוי האַלענדער אַנטפּלעקט, אַז דאָס מיידעלע געפינט זיך אין אינאָווראָצלאַוו. אין צווישנצייט האָט יוליאַ נאָוואַק אַרויסבאַקומען אַ צייגעניש, אַז זי איז דער געזעצלעכער אַפּוט־רופּוס איבערן קינד. סאַבינאַ האַלענדער האָט אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע אין געריכט אין אינאָווראָצלאַוו, כדי איבערצונעמען די אַפּוטרופּסות איי־בערן מיידעלע. ביי דער פאַרמיטלונג פון פאַרשידענע פּערזאָנען איז געקומען צו באַגעגעניש צווישן סאַבינאַ האַלענדער און יוליאַ נאָוואַק און זיי זענען געקומען צו אַ הסכם, לויט וועלכן פרוי נאָוואַק וועט באַקומען 300 טויזנט זלאָטעס, ווען דאָס געריכט וועט איבערפירן די אַפּוטרופּסות אויפן נאָמען פון סאַבינאַ האַלענדער.

די מומע האָט איבערגענומען דאָס מיידעלע און זי איז געפאָרן מיט איר קיין באַכניאַ. דריי טעג שפּעטער איז צו איר געקומען יוליאַ נאָוואַק און געבעטן, אַז זי זאָל ברענגען דאָס מיידעלע, ווייל זי וויל זיך מיט איר פאָטאָגראַפירן. אויפן וועג, ווען זי איז דורכגעגאַנגען אַ קלויסטער האָט זי אָנגעהויבן צו רייען אויפן גאַנצן קול, אַז אַ יידישע פרוי וויל צונעמען אַ פּויליש קינד און ווען עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער המון האָט יוליאַ נאָוואַק אויסגענוצט דעם געדראַנג און איז פאַרשוווּנדן מיט מיידעלע.

סאַבינאַ האַלענדער האָט זיך געוואָנדן צו דער פּאָליציי, וואָס האָט אָנגעהויבן אַן ענערגישע אויספאָרשונג. צופעליק, ווען נאָוואַק האָט פאַרזאָגט אַ טעלעפאָן־געשפּרעך מיט אינאָווראָצלאַוו, האָט די פּאָליציי פעסטגעשטעלט, אַז זי געפינט זיך אין דאַנציג. נאָוואַק איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און איז געוועזן געצוווּנגען צו אַנטפּלעקן, ווו עס געפינט זיך דאָס מיידעלע.

צום סוף האָט דאָס געריכט איבערגעפירט די אַפּוטרופּסות אויפן נאָמען פון סאַבינאַ האַלענדער מיטן באַדינג, אַז זי וועט זיך פאַרפליכטן אויף יעדער פאָדערונג אָנצוגעבן ווו עס געפינט זיך דאָס מיידעלע.

אויך דער צווייטער פאַל איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שוועריקייטן, אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעטראָפן די „קאָאָרדינאַציע".

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים איז אין דעם פאַל נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען פון מיידל. אין די ביוראָען פון דער „קאָאָרדינאַציע" איז דערשינען אַ ייד און האָט דערציילט, אַז אין אַ געוויסער פוילישער שטאָט האָט ער אַנטפּלעקט זיין טאָכטער אין עלטער פון 16 יאָר. אָבער, זי איגנאָרירט אים פולשטענדיק און רופט אים „פאַרשאָלטענער זשיד" און זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו פאַרלאָזן דאָס הויז פון אירע פוילישע „עלטערן".

דער עצם פאַקט וואָס דאָס מיידל אין דעם עלטער שטויסט פון זיך אָפּ אויף אַזאַ שאַרפן אופן איר פאָטער, האָט אויסגעזען זייער אויסטערליש אין די אויגן פון פאַרשטייער פון דער „קאָאָרדינאַציע". במשך פון די חדשים אין וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסלייזן יידישע קינדער פון קריסטלעכע הענט, האָבן זיי דערוואָרבן אַ גרויסע דערפאַרונג און האָבן שוין געקענט די פּסיכאָלאָגיע פון די קינדער אין דעם דאָזיקן עלטער. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אין דעם עלטער האָבן יידישע קינדער מיט גרויסער שמחה אויפגענומען זייערע נאָענטע ווי אַ פאָטער, מוטער, שוועסטער און ברידער. די לייטונג פון דער „קאָאָרדינאַציע" האָט דעריבער באַשלאָסן צו שיקן צוזאַמען מיטן פאָטער איינעם פון אירע אָנגעזעענע מיטאַרבעטער.

די פוילישע פאַמיליע, ביי וועלכער עס איז דערצויגן געוואָרן דאָס מיידל איז געווען פון מיטלשטאַנד. די דאָזיקע משפחה האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון, אַ סטודענט, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צום געשפּרעך צווישן פאָטער מיט זיין טאָכטער.

דאָס מיידל האָט אויפגענומען די געסט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי איז נישט צוגעגאַנגען צו איר פאָטער, מיט עקשנות האָט זי געטענהט, אַז זי געדענקט איר פאָטער, אָבער זי וויל נישט מער צוריקגיין צו אים, ווייל זי האָט באַנומען די אמתע רעליגיע און זי וויל בלייבן אַ קריסטין. זי וויל דעריבער בלייבן ביי דער משפחה, וואָס האָט געראַטעוועט איר לעבן.

בעת דעם געשפּרעך האָט דער שליח פון דער „קאָאָרדינאַציע" אָנ־געדייט דעם פאָטער ער זאָל איינלאַדן דעם סטודענט אויף אַ געשפּרעך. ווען די טאָכטער איז אַליין געבליבן אין צימער מיטן פאַרשטייער פון דער „קאָאָרדינאַציע" האָט זי אים אָנגעהויבן בעטן מיט טרערן אין די אויגן, ציטערנדיק אינגאַנצן פאַר פחד: „ראַטעוועט מיך, נעמט מיך פון דאַנעט אַרויס!". ווען דער שליח פון דער „קאָאָרדינאַציע" האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט פריער גאַנץ אַנדערש גערעדט מיט איר פאָטער, האָט זי געענטפערט, אַז די פּוילישע אַפּוטרופּסים האָבן איר געדראָט, אַז זיי וועלן זי דערהרגענען, אויב זי וועט נישט רעדן מיטן פאָטער אַזוי ווי זיי האָבן איר אָנגעזאָגט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער סטודענט האָט געצוווּנגען דאָס מיידל אָנצוהאַלטן מיט אים סעקסועלע באַציאונגען און זי איז אויסגע־נוצט געוואָרן דורך דער משפּחה אַלס דינסט, וואָס האָט געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט ביי נאַכט. דאָס מיידל איז געבראַכט געוואָרן קיין לאָדזש און פון דאָרט איז זי מיט איר פאָטער אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

דער גורל פון די קינדער ביי זייערע נייע „עלטערן" איז געווען אַן אינדיווידועלער און איז הויפּטזעכלעך געווען אָפּהענגיק אין וואָס פאַראַ פאַמיליע עס איז אַריינגעפאַלן. ביי די אָרעמע פּויערים־פאַמיליעס האָבן די קינדער געהאַט זייער אַ שווער לעבן און פון די פריסטע יאָרן האָט מען זיי איינגעשפּאַנט אין דעם אַלגעמיינעם פּרנסה־עול. זיי זענען געוואָרן פאַסטוכער, אָדער געהאָלפן ביי פאַרשידענע פעלד־אַרבעטן, מיידלעך זע־נען געווען באַשעפטיקט אין דער הויז־ווירטשאַפט.

די באַציאונג צו די דאָזיקע קינדער איז אין יעדער משפּחה געווען אַן אַנדערע. עס איז אָפּהענגיק געווען פון דער צאָל קינדער, פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען, פון כאַראַקטער פון פאָטער, מוטער און פון די „שוועסטער" און „ברידער". אין פיל פאַלן האָבן די אמתע קינדער נישט געוווּסט, אַז זייער „ברודער", אָדער „שוועסטער" איז אַ יידיש קינד, ווייל די עלטערן האָבן מורא געהאַט, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָס וואָלט געקענט ברענגען אַן אומגליק אויף דער גאַנצער פאַמיליע. אָבער עס זענען אויך געווען

אַזעלכע, וועלכע האָבן עס געטאָן מיט אַ ריינער כוונה, כדי צו פּאַרווישן דעם אונטערשיד צווישן די קינדער.

די, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן די קינדער צוליב ריין־מאַטעריעלע סיבות און האָבן אויך גערעכנט דערויף, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיך אָפּזוכן נאָענטע קרובים, וועלכע וועלן זיין גרייט צו באַצאָלן אַ געהעריקע אַנטשעדיקונג, זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך געוואַנדן צו די יידישע אינסטיטוציעס און דורך זיי אָנגעקומען צו דער „קאָאָרדינאַציע". מיט זיי איז דער משא־ומתן געווען פּאַרהעלטנישמעסיק דער לייכטסטער, ווייל דאָס זענען געווען פּאַרהאַנדלונגען אָן סענטימענטן, אָן האַרץ־רייסעניש און אָן טרערן. מען האָט זיך פּשוט געדונגען וועגן דער הויך פון דער סומע. אין פיל פאַלן איז די סומע דערגאַנגען ביז 1000 דאָלאַר. און אין יענע טעג איז דאָס געווען זייער אַ סך געלט.

ערגער איז געווען מיט די פּוילישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן צו די יידישע קינדער און זיי באַטראַכט אַלס אייגענע. מיט זיי איז דער משא־ומתן געווען אַ מיזאַמער און אַ קאָמפּליצירטער. אין אַזעלכע פאַלן זענען אויך די קינדער געווען זייער צוגעבונדן צו די נייע עלטערן. וואָס יינגער דאָס קינד איז געווען, אַלץ מער איז עס געווען צוגעבונדן צו דער היים פון די פּאָליאַקן. פיל קינדער האָבן נישט געוואוסט, אַז זייערע אַפּוטרופּסים זענען נישט זייערע טאַטע־מאַמע, ווייל זיי האָבן געפילט אַ וואַרעמקייט ווי פון אמתע עלטערן. ווען מען האָט זיי אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז זיי זענען יידישע קינדער, איז דאָס פאַר זיי געווען אַ געוואַלטיקע דערשיטערונג. זיי האָבן נישט געוואָלט ווערן אַ „זשיד", נאָך דעם, ווי אין דער סביבה, אין וועלכער זיי זענען דערצויגן געוואָרן, איז אין זיי איינגעפּלאַנצט געוואָרן אַ שנאה צו יידן.

די צעשיידונג איז אין אַזעלכע פאַלן געווען אַ טיפע נשמה־איבערלעבונג, ממש אַ טראַגעדיע פאַר די נייע עלטערן און פאַר די קינדער. די דאָזיקע קינדער, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין די היימען פון דער „קאָאָרדינאַציע" אין לאָדזש און אין נידערשלעזיע האָבן חדשים־לאַנג נישט געקענט זיך געפינען קיין אָרט און האָבן געחלומט וועגן דער היים, פון וועלכער זיי זענען אַרויסגעריסן געוואָרן. עס זענען געווען פאַלן, ווען דערוואַקסענע קינדער זענען אַנטלאָפן פון די „קאָאָרדינאַציע"־

היימען און זענען צוריק אַוועק צו זייערע „טאַטע־מאַמע". מיט גרויס מי האָט מען זיי געמוזט צוריקברענגען צו די אויסגעלייזטע קינדער. די דערציִער האָבן אין די שווערע פאַלן געמאַכט ממש איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון די קינדער און זיי בהדרגה אַרויספירן אויף נייע לעבנס־רעלסן. דאָס איז נישט אָנגעקומען לייכט. אין אַ סך פאַלן האָט דער פּראָצעס געדויערט אַ פּאָר יאָר ביז די נשמה־וווּנדן האָבן זיך פאַרהיילט. אין דער דאָזיקער דערציִערישער אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט העלאַ לענעמאַן (פרוי פון באַקאַנטן פּובליציסט לעאָן לענעמאַן).

אין מאַי 1968 איז אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש צווישן די לייטונג־מיטגלידער פון דער „קאָאָרדינאַציע" און צענדליקער אויס־געלייזטע קינדער, וועלכע זענען געקומען פון גאַנצן לאַנד. די קינדער זענען אין צווישנצייט געוואָרן מאַמעס און טאַטעס פון אייגענע קינדער. די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען זייער אַ רירנדיקע און איינדרוקספולע.

בעת דער מסיבה האָט שרה נשמית דערציילט ווי אַזוי עס איז שיער נישט געקומען צו אַ פּאָגראָם אין לאָדזש, ווען אַ מיידעלע פון 8—9 יאָר האָט זיך אַרויסגעריסן פון קינדער־היים ערב פסח מיט היס־טערישע געשרייען, אַז יידן ווילן זי דערהרגענען, כדי צו נעמען בלוט אויף מצות. נאָך דער דאָזיקער אַוואַנטורע האָט דאָס מיידעלע לאַנגע שעהן געוויינט. אָבער ווען עס איז געקומען די סדר־נאַכט, איז זי צו דער איבעראַשונג פון אַלע אָנוועזנדיקע געווען די איינציקע, וועלכע האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו זינגען אַ יידיש ליד. זעט אויס, אַז אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערמאָנט די סדר־נאַכט ביי אירע עלטערן.

דער שליח פון ארץ־ישראל, אריה גאָלדבערג־שריד, האָט אויף דער באַגעגעניש דערציילט, אַז איינע פון די מיידעלעך, וועלכע איז היינט אַ 30־יאָריקע פרוי און מוטער פון קינדער, האָט אין עלטער פון 4—5 יאָר געטראָגן ביי זיך אין האַרצן דעם סוד, אַז זי איז אַ יידיש קינד און אַז זי האָט אַ פעטער אין ארץ־ישראל. דעם סוד האָט איר איבערגעגעבן איר פאָטער, וועלכער האָט זי פון צייט צו צייט באַזוכט ביי דער פּוי־לישער פאַמיליע, ביז ער איז אומגעקומען. דער דאָזיקער סוד האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון מיידעלע און זי האָט אים נישט פאַרראָטן

אירע קריסטלעכע „עלטערן“, הגם זיי האָבן געדריקט אויף איר און געוואַלט וויסן וואָס דער פאָטער האָט איר געזאָגט, אָבער ווען זי איז געקומען אין דער ייִדישער סביבה האָט דאָס מיידעלע אַנטפּלעקט איר גרויסן סוד.

די דאָזיקע תקופה און די דראַמאַטישע איבערלעבונגען פון אומ־גליקלעכע קינדער וואַרט נאָך אויף היסטאָריקער און גרויסע פּראָזאַיקער, וועלכע זאָלן אַרויסברענגען אַלע אַספּעקטן פון דער ביישפּילאָזער דראַמע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג

לובלין איז באַפרייט געוואָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע דעם 22טן יולי 1944. די שטאָט איז געווען יידן־ריין. נאָר געציילטע משפחות און יחידים האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם גרויסן חורבן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך ביי פּאָליאַקן, אויף אַרישע פּאַפּירן, אָדער אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּ־טיילונגען פון די לובלינער וועלדער. די, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די קאָנצענטראַציע־ און אַרבעטס־לאַגערן אין מערב־טייל פון פּוילן און אין דייטשלאַנד זענען צוריקגעקומען קיין לובלין אין דער צווייטער העלפט 1945. נחמן קאַרן, פעלאַ און אברהם לעווינזאָן זענען געקומען פון אוישוויץ. אסתר לאַסקאָווסקי (פון דער היים פעלדמאַן) איז געקומען אין יוני 1945 פון אַרבעטס־לאַגער דראַמבורג אין דייטשלאַנד.

פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען זענען די ערשטע געקומען — נחמן האָספּאַגעל, נחום גרין מיט זיין פרוי בראָנקאַ (שניידערמעסער), ליוועַ־ראַנט און זיין פרוי דינה (שפּירא) און אַנדערע.

פון די געציילטע משפחות, וואָס זענען ניצול געוואָרן, זענען גע־ווען: אסתר און ירחמיאל באָוניק און זייערע צוויי טעכטער, שמחה פעלדזאַמען, זיין פרוי און זייער טאָכטער שרה. דער זון איז אומגעקומען. די פרוי פון משה אייזנבערג און זייערע קינדער ישראל און גינאַ. צווישן די יחידים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט ביי אַ פּוי־לישער פאַמיליע איז געווען לעאָן (לייבעלע) אַראָנסאָן, זיין פרוי אסתר־

האַלינאַ (פון דער היים האַלבערשטאַט), וועלכע האָט געגרינדעט דעם ערשטן הילפס־קאָמיטעט אין לובלין. זיין באַשיידענע וווינונג אויף דער סטאַשיצאַ 22 איז געוואָרן אַ היים פאַר די לובלינער, וועלכע זענען צוריקגעקומען אין זייער היימשטאָט און נישט געפונען קיין דאַך איבערן קאָפּ. ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע מסירות־נפש און וואַרעמקייט ביים דערטיילן הילף די אַלע, וועלכע האָבן זיך געניייטיקט אין שטיצע אין דער ערשטער שווערער איבערגאַנגס־תקופה. פון דער דאַזיקער הילף האָבן אויך גענאָסן יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לובלין צוליב פאַרשידענע סיבות, הויפּטזעכלעך צוליב זיכערהייטס־טעמים.

אין יענע טעג האָבן נאָך געבושעוועט די אַ.ק.־באַנדעס אויף די שאָסייען און באַנען און צאַלרייכע יידן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די טראַגישע יאָרן, זענען געפאַלן קרבנות פון די פּוילישע באַנדיטן. אַזוי איז אומגעקומען דער העלדישער בחור יעקב האָרן (ברודער פון לובאַ קאָרן, לאה וואַגנער און משה האָרן) בעת ער האָט פאַרטיידיקט אַ באַרויבטן ייד קעגן פּוילישע כוליגאַנעס.

שרה זיגעלוואַקס (פון דער היים קליינבוים, קוזינע פון משה קליינבוים־סנה) פרוי פון ד"ר שמעון (שימעק) זיגעלוואַקס (איצט רוער) געהערט צו דער קליינער גרופּע לובלינער, וועלכע זענען צוריקגעקומען אין דער שטאָט אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך דער באַפרייאונג פון לובלין.

שרה איז מיט איר מאַן שימעק זיגעלוואַקס דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום. ביז דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון די רעשטלעך פון לובלינער יידנטום האָבן זיי געלעבט אין דעם דאָרף מיידאַנעק טאַטאַרסקי, אין וועלכן די דייטשן האָבן געהאַלטן ביז צו דער ליקווידאַציע ביי 8—9 טויזנט יידן. שימעק זיגעלוואַקס האָט געאַרבעט אַלס דאָקטאָר אין געטאָ־שפּיטאָל. זיינע עלטערן און צוויי שוועסטער זענען אומגעקומען אין איינער פון די פריערדיקע געטאָ־אַקציעס. שרה האָט מיר דערציילט אַ זייער כאַראַקטעריסטישן פאַקט וועגן שימעקס פאָטער, שלמה זיגעלוואַקס (ברודער פון מיין מוטער). מיין פעטער איז געווען אַ ליבהאָבער פון קאַנאַרקעס. אויף דעם געביט איז ער געווען איינער פון די גרעסטע מומחים

אין לובלין. האַדרעווען קאָנאַרקעס איז געווען זיין הויפּט־האָבי. אין דער גרויסער וווינונג אויף זאַמאָיסקי־גאַס האָט ער געהאַלטן צענדליקער קאָנאַרקעס פון די בעסטע ראַסן. ווען מען איז אַריינגעקומען אין דער וווינונג פון מיין פעטער, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ קאָנצערט־זאַל.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרטריבן די יידן אין ענגן געטאָ און די משפחה זיגעלוואַקס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער גראָדזקע־גאָס אין די נייע שווערע וווינונגס־באַדינגונגען, האָט זיך מיין פעטער נישט געוואָלט שיידן פון זיינע באַליבטע פייגעלעך. אָבער ווען עס איז געקומען דער טרויעריקער טאָג פון דער אַקציע און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז דאָס איז דער לעצטער וועג, האָט ער געעפנט אַלע שטייגן און אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי די קאָנאַרקעס.

דעם 9טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון מיידאַנעק טאַטאַרסקי. די העכער 8 טויזנט יידן זענען איבערגעפירט געוואָרן אין נאָענטן מיידאַנעק און דאָרט ליקווידירט געוואָרן. שרה און שימעק האָבן זיך נישט צוגעשטעלט צו דער לעצטער אַקציע. אין דעם פּויערישן הייזל, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט, האָבן זיי אויסגעבויט אַ בונקער אין וועלכן זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. שרה האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַ פּוילישער פאַמיליע, נישט ווייט פון מיידאַנעק טאַטאַרסקי און דער ברודער פון דער פּוילישער פרוי, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער גמינע האָט זיי באַזאָרגט מיט גוטע אַרישע פּאַפּירן. סיי שרה און סיי מיין קוזין שימעק האָבן מיט זייער גוטן אויסזען געקענט אָנגיין אַלס אמתע פּאָליאַקן.

פאַרטאָג זענען זיי אַרויס פון בונקער מיט דער כוונה זיך אַרויסצוּ־באַקומען פון לאַגער, צייטווייליק זיך אויסצובאַהאַלטן ביי די באַקאַנטע פּאָליאַקן און מיט זייער הילף צו אַנטלויפן קיין וואַרשע מיט די אַרישע פּאַפּירן. אָבער עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז כמעט אַן אוממעגלעכע אויפגאַבע. דורך די פּלויט־צוימונגען איז געווען לעבנס־געפערלעך צו אַנטלויפן, ווייל די דייטשע און אוקראַאינישע היטער האָבן מיט רעפלעקטאָרן באַלויכטן דעם פּלויט און די גאַנצע צייט געשאָסן אין דער דאָזיקער ריכטונג. ביים הויפּט־טויער זענען געשטאַנען ס.ס.־לייט

און אוקראַינער, וועלכע האָבן געוואָרט אויף די רעשטלעך פון די קרבנות, כדי זיי אָפּצופירן קיין מיידאַנעק און זיי דאָרט ליקווידירן.

ווען שרה און שימעק זענען צוגעקומען צום טויער, איז דאָרט געשטאַנען אַן ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט שוין, זעט אויס, פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דער בילד־שיינער שרה. ער האָט נישט געקענט ביי זיך פועלן, אַז די דאָזיקע פרוי זאָל אומגעבראַכט ווערן אין מיידאַנעק. האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געוואָגטן שריט. קעגן דעם ווילן פון די אוקראַאינישע היטער, האָט ער געעפנט דאָס טויער און אַרויסגעלאָזט שרהן מיט שימעקן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו לויפן אין דער ריכטונג פון פוילישן דאָרף, אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי און ביידע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און במשך פון אַ קנאַפּער שעה זיך געקוילערט אַ פּאָר צענדליק מעטער ביז די אוקראַאינישע מערדער האָבן זיי נישט געקענט דערגרייכן.

ביי דער פוילישער פאַמיליע האָבן זיי נישט געקענט בלייבן מער ווי אַ פּאָר טעג, ווייל די דייטשן האָבן כסדר דורכגעפירט רעוויזיעס ביי די פּאָליאַקן און געזוכט די איינצלנע יידן, וועלכע האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן. דער ברודער פון דער פּאָלקע האָט אָפּגעפירט שרהן קיין וואַרשע צו זייערע קרובים און שימעק האָט באַשלאָסן צייטווייליק צו בלייבן אין לאַגער פון די יידישע געפאַנגענע אויף דער ליפּאָווע. בראש פון דעם לאַגער זענען געשטאַנען פישער (מאַן פון צעסיאַ טראַכטענבערג) און שינדלער. שימעק האָט אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, ווייל די דייטשן האָבן קודם־כל ליקווידירט די אינטעליגענץ. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס שוסטער אין לאַגער־וואַרשטאַט. שימעק האָט געהאַט גאָלדענע הענט און ער האָט שנעל באַהערשט יעדע אַרבעט. ער איז אויך געווען אַ טאַלאַנטפולער קונסט־מאָלער, ספּעציעל אויפן געביט פון פּאָרטרעטן.

ווען דער מצב אין לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן כסדר צו פאַרערגערן און די ליקווידאַציע־געפאַר האָט זיך דערנענטערט, האָט שימעק באַשלאָסן צו אַנטלויפן און זיך פאַראייניקן מיט זיין פרוי אין וואַרשע. דעם סוד האָט ער איבערגעגעבן פישערן און שינדלערן. לויטן פּלאַן האָט ער באַדאַרפט אַנטלויפן דאָנערשטיק, אָבער אַ טאָג פריער זענען פון לאַגער פאַרשוווּנדן

פישער און שינדלער. זייער אַנטלויפן האָט צונישט געמאַכט דעם פּלאַן פון שימעק זיגעלוואַקס, ווייל די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך לענגאויס די פאַרצוימונגען און פאַר יעדן אַנטלאָפענעם האָבן זיי גע־דראָט צו ליקווידירן 10 געפאַנגענע.

א פּאָר וואָכן שפּעטער איז שימעקן געלונגען מען זאָל אים איבער־פירן אין יידן־לאַגער אין פולאַוו, ווו מען האָט זיך געגייטיקט אין אַ דאָקטאָר. די גאַנצע צייט האָט שרה געמאַכט אומגעהויערע אָנשטרענ־גונגען צו אָרגאַניזירן זיין אַנטלויפן קיין וואַרשע. די פּאַליאַקן, וועלכע האָבן איר געהאָלפן אין וואַרשע, האָבן געהאַט אַ באַקאַנטן פּאָליציאַנט. דער דאָזיקער פּאָליציאַנט איז צוויי מאָל געקומען קיין פולאַוו מיט אַ מונדיר פון אַ פּאָליציאַנט פאַר שימעקן, כדי אים צו פאַרלייכטערן דעם וועג קיין וואַרשע. אָבערביידע מאָל האָט שימעק נישט געקענט פאַרלאָזן דעם לאַגער. שימעק האָט אים געהייסן קומען אַ דריט מאָל דעם 3טן אָקטאָבער 1943. ווען ער איז געקומען צום דריטן מאָל, איז דער לאַגער געשטאַנען אין פלאַמען. די דייטשע בעסטיעס האָבן אונטערגעצונדן די באַראַקן מיט די מענטשן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין קוזין זיגעלוואַקס.

שרה האָט די מלחמה־תקופה איבערגעלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן אין וואַרשע. קיין לובלין איז זי צוריקגעקומען אין די ערשטע טעג פון פעברואַר 1945. דער וועג פון וואַרשע קיין לובלין האָט געדויערט העכער 10 שעה. אַלע שאָסייען זענען געווען צעשטערט. אין יענע טעג האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון די פּויליש־רוסישע מאַכט־אָרגאַנען, כדי צו פאָרן פון וואַרשע קיין לובלין.

זי איז געווען כמעט די איינציקע פּאַסאַזשירין, וועלכע האָט נישט געהאַט ווו צו פאַרפאָרן, ווען זי איז אָנגעקומען קיין לובלין. אַ גלח, וועלכער איז געפאָרן צוזאַמען מיט איר האָט איר געגעבן אַן עצה, אַז זי זאָל פאַרפאָרן אין הויז פון רויטן קרייץ, דאָרט איבערנעכטיקן און אין דער פרי זיך אַרומקוקן וועגן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווען זי איז אָנגעקומען אין הויז פון רויטן קרייץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע שויבן זענען אויסגעהאַקט און אין די צימערן איז אַזאַ קעלט ווי אין דרויסן. אין הויף איז געווען אַ גרויסע שטאַל מיט אַ סך פערד, האָט

זי באַשלאָסן צו געניסן פון דער נאַטירלעכער וואַרעמקייט און דורכשלאָפן די נאַכט אין דער קאַריטע, אין וועלכער מען האָט אַריינגעשיט עסן פאַר די פערד.

צומאַרגנס, ווען זי איז אַרויס אין גאַס האָט זי אויף דער זאַמאָיסקי־בריק געטראָפן דעם ערשטן לובלינער ייד, יוזשעק ראָזען. שפּעטער האָט זי אויך געטראָפן נאָלדעק לאַנגפוס, וועלכער האָט זי אינפאָרמירט, אַז עס איז דאָ אַ יידישער קאָמיטעט, וואָס דערטיילט הילף די צוריק־געקומענע לובלינער יידן. אין דעם קאָמיטעט איז זייער אַקטיוו געווען לעאָן אַראַנסאָן, וועמענס הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן לובלינער, וועלכער איז געקומען פון דער פּאַרטיזאַנקע, קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַרישער זייט. דעם טאָג האָט זי אויך געטראָפן שמחה טאַרקעלטויב.

נישט האָבנדיק ווו איבערצונעכטיקן האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן צו דער באַקאַנטער פאַלקע אין מיידאַנעק טאַטאַרסקי. די פּוילישע פריינט האָבן זי זייער האַרציק אויפגענומען. אין די פאַר טעג, וואָס זי איז געווען אין דער אַנגענעמער און פריינטשאַפטלעכער אַטמאָספער, איז זי געקומען צו די כוחות נאָך די שווערע איבערלעבונגען פאַר די לעצטע טעג. זי האָט געפּרוווט זיך איינצוואָרדענען צייטווייליק אין פּרץ־הויז, אָבער די ענגשאַפט איז דאָרט געווען זייער גרויס און די וווינונגס־באַדינגונגען אומגעהויער שווערע. אין פּרץ־הויז האָבן געוווינט זייער ווייניק לובלינער. די אַבסאָלוטע מערהייט זענען געווען יידן פון די קליינע שטעטלעך אַרום לובלין.

אַ פאַר וואָכן שפּעטער האָט שרה אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער גאַר־בעריי פון בריקמאַנען.

דוד רוער, דער צווייטער מאַן פון שרה, וועלכער האָט איבערגעלעבט די מלחמה אויף אַרישע פּאַפּירן און געאַרבעט אַלס באַאַמטער פון שטייער־אַמט אין לוקאָוו, האָט נאָך זיין צוריקקומען קיין לובלין גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון דער שטאָט, כמעט קיינעם נישט געטראָפן פון די פריערדיקע איינוווינער. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון יידן אין פּרץ־הויז זענען געווען איינצלנע לובלינער. דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער קראַקאָווסקע פּשעד־מיעשטשע 60, איז געווען אַ כעלמער ייד.

אויף אַ דראַמאַטישן אופן האָט פאַר מיר געשילדערט די ערשטע תקופה אין נאָכמלחמהדיקן לובלין די באַקאַנטע פּערזענלעכקייט נחמן קאָרן, לאַנגיאָריקער לערער אין דער תרבות־שול, אין דער הומאַניסטי־שער גימנאַזיע און פאַרדינסטפולער ציוניסטישער עסקן.

נחמן קאָרן געהערט צו די ווייניקע, וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון טויטן־לאַגער אוישוויץ. אין מערץ 1942 איז ער מיט זיין פרוי און מיידעלע אַנטלאָפן קיין אָסטראָוויעץ קעלעצקי און דאָרט געאַרבעט אין די אייזן־פאַבריקן ביז דער לעצטער סעלעקציע אין יולי 1944. זיין פרוי און קינד זענען אַוועק קיין וואַרשע אויף אַרישע פּאַפּירן און זענען אומ־געקומען אין דער צייט פון אויפשטאַנד צוליב אַ מסירה פון אַ פּאָליאַק.

7 שוידערלעכע חדשים האָט נחמן קאָרן איבערגעלעבט אין אוישוויץ. אין יאַנואַר 1945 האָט מען אים מיט אַ גרופּע אַנדערע קאַצעטלער גע־שיקט צו לאָדענער קאַסטענעס. ווען ער האָט איין שווערן קאַסטן נישט געקענט רירן פון אָרט, האָט אים דער דייטשער היטער אָנגעהויבן צו שלאָגן איבערן גאַנצן קערפּער מיט אַ דיקער אייזערנער דראָט. פון גאַנצן קערפּער האָט גערונען בלוט, אייניקע פינגער זענען געווען צעבראָכן. ווען מען האָט אים אַ שוועער פאַרוווּנדעטן אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען ביי 800 קראַנקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מזל האָט אים אַ ביסל צוגעשפּילט. צווישן דעם דאָקטוירים־פּערסאָנאַל האָט זיך געפונען זיינס אַ תלמיד, לעווינשטיין, וועלכער האָט שטודירט מעדיצין אין פראַנקרייך און איז מיט איינעם פון די לעצטע טראַנספּאָרטן אָנגעקומען קיין אוישוויץ. אַ דאַנק אים האָט קאָרן באַקומען אַ שנעלע מעדיציניש הילף. אַ פּאָר שעה האָט מען אים אָפּערירט די הענט, דעם קאָפּ און אַנדערע טיילן פון קערפּער. געציילטע טעג שפּעטער, דעם 19טן יאַנואַר 1945, ווען זיין געזונט־צושטאַנד איז נאָך געווען אַ שווערער, האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן צו עוואַקואירן דעם לאַגער. דעמאָלט איז צו אים געקומען זיין שוואָגער, אליעזר הענדל, און אים ממש מיט טרערן אין די אויגן צוגערעדט ער זאָל מאַכן אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג און צוזאַמען מיט אים זיך עוואַקואירן פון לאַגער מיט דער האָפענונג, אַז אַזוי וועלן זיי בלייבן לעבן. אָבער נחמן איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך נישט גע־

קענט רירן פון אָרט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, אַז ער לאָזט דורך אפשר דעם לעצטן שאַנס צו ראַטעווען זיך פון גיהנום, אָבער פיזיש איז ער נישט געווען אימשטאַנד דעם דאָזיקן שאַנס אויסצונוצן.

זיין שוואָגער איז אַוועק פון אוישוויץ מיט 10.000 אַנדערע קאַצעט־לער. ער איז נישט דערגאַנגען ביזן ציל און נישט דערלעבט די באַפריי־אונג. אַן אויסגעמאַטערטער און אויסגעשעפּטער איז ער געבליבן ליגן ערגעץ־ווו אויפן וועג און דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשע בעסטיעס.

אַזוי איז נחמן קאָרן געבליבן אין „קראַנקענבאַו" מיט אַנדערע 800 קראַנקע. דעם 26טן יאַנואַר, אין טאָג פון דער באַפרייאונג, האָבן דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען פּלאַנירט די פאַרניכטונג פון שפּיטאָל מיט די קראַנקע. די ס.ס.־לייט זענען אַנטלאָפן אַ פּאָר טעג פריער. אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן אויסצופירן דעם טייוולאַנישן פּלאַן, ווייל נאָך מיטאָג האָט זיך באַוויזן אַ מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי.

די באַציאונג פון די רוסישע זעלנער און אָפיצירן צו די לעבנגע־בליבענע איז געווען זייער אַ וואַרעמע און האַרציקע. זיי האָבן געטאָן דאָס בעסטע, כדי צו העלפן די קראַנקע. נחמן קאָרן האָט דאַן געווויגן העכער 30 קילאָ. ביז סוף פעברואַר איז ער געלעגן אין שפּיטאָל פון אוישוויץ. פון די 800 קראַנקע איז מער ווי די העלפט געשטאָרבן פון טאָטאַלער אויסשעפּונג.

ערב פּסח 1945 איז קאָרן אַ צעבראָכענער און פיזיש אויסגעשעפּ־טער אָנגעקומען קיין לובלין. ווען ער איז געקומען אַ פאַרבאַנדאַזשיר־טער אין פּרץ־הויז האָט אים קיינער נישט דערקענט. די איינצלנע לוב־לינער, וועלכע האָבן דאַן געוווינט אין הויז האָט ער געמוזט אויפקלערן ווער ער איז. מען האָט אים צוגעטיילט אַ בעטל אין אַ צימער צוזאַמען מיט אַנדערע צוריקגעקומענע.

נאָך דעם ווי די לייטונג פון הויז איז געוויר געוואָרן, אַז נחמן קאָרן איז געווען אַ באַקאַנטער עברית־לערער און קענער פון דער יידי־שער ליטעראַטור, האָט מען זיך צו אים געוואַנדן ער זאָל פּסח האַלטן

אַ רעפּעראַט וועגן י. ל. פּרץ. אָבער ווי נעמט מען אַ בוך וועגן פּרצן, כדי זיך צוגרייטן צום רעפעראַט?

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לובלין איז געווען צווישן די געציילטע שטעט, ווו די היטלעריסטן האָבן נישט פאַרניכטעט די יידישע ביבליאָטעקן. נחמן קאָרן איז ביי דער מיינונג, אַז דאָס האָט לובלין צו פאַרדאַנקען דעם ליבעראַלן דייטש, ד״ר קינדלער, וועלכער איז געווען שול-קוראַטאָר אין דער שטאָט און ער האָט צונויפגעזאַמלט די ביכער פון די יידישע ביבליאָטעקן, איינשליסלעך די גרויסע ביבליאָטעק פון דער ישיבת חכמי לובלין, אין מוזיי אויף דער נאַרוטאָוויטש-גאַס. אַ גרויסן טייל פון די דאָזיקע ספרים האָט מען שפּעטער איבערגעפירט קיין ישראל.

אויך אין בנין פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע אויף דער ניעצאַלע-גאַס האָבן געוווינט יידן פון דער לובלינער געגנט. נחמן קאָרן האָט דערציילט, אַז אויף אַ מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע טעג זענען געווען סך־הכל 17 לובלינער יידן. אויף דער ניעצאַלאַ-גאַס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דאָס ערשטע יתומים־הויז וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך קאָרנען. דאָס איז געווען זיין ערשטע פּעדאַגאָגישע אַרבעט אין דעם נאָכמלחמהדיקן לובלין. אין יתומים־הויז זענען געווען ביי 25 יוגנטלעכע אין עלטער פון 14—18 יאָר, וועלכע זענען געקומען פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען און כלערליי באַהעלטענישן. קיין איינער פון זיי איז נישט געווען פון לובלין.

די לייטונג פון יתומים־הויז האָט געטאָן אַלץ, כדי צו דערציען די יוגנטלעכע אין קאָמוניסטישן גייסט. אָבער דאָס איז נישט געלונגען. די ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע „איינשפּריצונגען" פון נחמן קאָרן האָבן געהאַט אַ פּיל גרעסערע ווירקונג אויף די מיידלעך און יינגלעך, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך טראַגישע איבערלעבונגען. כמעט אַלע זענען עולה געווען אַלס מיטגלידער פון די קיבוצים, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט, אָדער מיט דער הילף פון דער „בריחה".

נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז נחמן קאָרן געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע שול אין לובלין, אין וועלכער מען זאָל לערנען יידיש און עברית. די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן זיך צו דעם זייער קאַלט באַצויגן. פאַר וועמען דאַרפט איר דאָס? — האָבן

זיי געפּרעגט. לויט זייער מיינונג האָט מען אין דער שול באַדאַרפט לער־נען אַלע קעגנשטאַנדן אין דער פּוילישער שפּראַך. יידיש און העברעאיש זענען אין זייערע אויגן געווען אַן איבעריקער באַלאַסט. אָבער די דאָזיקע שול האָט נישט געהאַט קיין אריכת־ימים, טראָץ דעם וואָס די יידישע קאָמוניסטן האָבן געמאַכט געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן אַ יידישן ישוב אין דער שטאָט. אַ גרויסער טייל פון די יידן איז אַוועק־געפאָרן אין די נידערשלעזישע שטעט, וווּ עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון די רעפּאַטריאירטע פּוילישע יידן פון ראַטנפאַר־באַנד און אַ טייל איז אַוועק אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. אויך קאָרן האָט נאָך זעקס חדשים פאַרלאָזט לובלין.

איך פאַרלאָז פּוילן

אין סעפּטעמבער 1946 האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּוילן, כדי אָנצוקומען אין די שארית הפליטה־לאַגערן אין מערב־דייטשלאַנד אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. מיין פרוי און קינד זענען מיט אַ פּאָר וואָכן פריער אַוועק פון לאָדזש מיט אַ גרופּע קינדער פון „קאָאָרדינאַציע״, וואָס איז אַריבער די גרענעץ אַלס „גריכן״. די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן גוט געוווּסט ווער עס זענען די „גריכן״, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט תמעוואַטע און זיך געדעקט מיטן פאָרמעלן תירוץ.

איך בין נישט געפאָרן דירעקט קיין מערב־דייטשלאַנד, ווייל איך האָב באַקומען אַן אויפגאַבע צו העלפן אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עליה פון בראַטיסלאַוואַ. די סלאָוואַקישע שטאָט איז דאַן געווען אַ וויכטיקער „בריחה״־צענטער פאַר דער אומלעגאַלער עליה, וואָס איז געגאַנגען פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער. דאָס איז געווען די האָניק־תקופה אין די באַציאונגען צווישן דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און דער רעגי־רונג פון בענעש — מאַסאַריק אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס־מלחמה און ביזן וואַפן־שטילשטאַנד אין 1949. טשעכאָסלאָוואַקיע איז דאַן

געווען דער וויכטיקסטער געווער־ליפעראַנט און אויסשולונגס־באַזע פֿאַר אונדזערע פּליער און אַנדערע מיליטערישע ספּעציאַליסטן.

די אויפֿגאַבע פֿון דער בראַטיסלאַוואַ־„בריחה" איז געווען צו באַזאָרגן די „עולים" מיט שפּייז־פּראָדוקטן, געלט און אָנווייזונגען, אין וועלכע פּליטים־לאַגערן פֿון עסטרייך און מערב־דייטשלאַנד צו פֿאָרן. מצד די טשעכישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן מיר גענאָסן פֿון אַ פֿולער צוזאַמענאַרבעט און הילף. דער גרעסטער טייל פֿון די „בריחה"־טוער אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז באַשטאַנען פֿון טשעכישע ציוניסטישע יוגנטלעכע.

נאָך דעם ווי מיין אויפֿגאַבע אין בראַטיסלאַוואַ האָט זיך פֿאַרענדיקט בין איך אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָפּגעפֿאָרן קיין דייטשלאַנד דורך עסטרייך. אַ חודש נאָך מיין אָנקומען קיין מינכען, וואָס איז דאַן געווען דער צענטער פֿון דער שארית הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, האָב איך איבערגענומען די רעדאַקציע פֿון אָרגאַן פֿון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די „ציוניסטישע שטימע", וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע. אַלס פֿאַרשטייער פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן בין איך איינציקע יאָר געווען דער פּרעסע־לייטער אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער שארית הפליטה. ווען ראובן רובינשטיין איז עולה געווען האָב איך איבערגענומען די רעדאַקציע פֿון צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער שארית הפליטה אין מינכען „אונדזער וועג", וואָס איז דערשינען 3 מאָל אַ וואָך. דעם 20טן אַפּריל 1945 בין איך געקומען מיט מיין משפּחה קיין ישראל.

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט	7
5 יאָר אין פאָטערלאַנד פון סאָציאַליזם	11
צוריק קיין לובלין	21
אין לעמבערג	27
צום פאַרשיקונגס־לאַגער	36
אַ באַזוך אין מאָסקווע	40
„ראַזיעזד טאַרזאַ 890″	48
די ערשטע באַגעגעניש מיטן אורוואַלד	57
די פראָגול־פראָצעסן	70
מען האַקט דעם וואַלד	77
די רוסן קומען	83
ווי אַזוי מען היילט ציין	91
דער אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה	96
מיר פאַרזייען קאַרטאָפל	104
די באַפרייאונג	110
אויפן וועג קיין אורא־טיובע	114
די ערשטע טעג אין אורא־טיובע	120
איך ווער אַ לערער	129
ווי אַזוי מאַכט מען אַ פּלאָוו...	134
איך טרעט אַריין אין קאָלכאָז	142
צווישן טראַקטאָריסטן	152
איך באַקום אַ ביס פון אַ געפערלעכן סקאָרפּיאָן	165
דאָס איבעררייסן די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער שיקאָרסקי־רעגירונג	170

נ.ק.וו.ד. וויל מיך מאַכן פאַר אַ מוסר	182
אַזוי זענען זיי געגאַנגען אין דער אַרמיי	191
באַזוכן אין לענינאַבאַד	205
ד"ר באָריס קאַמאַראָווסקי	212
די דראָונגען פון וואַסילי פעטראָוו	215
איך פאַרלאָז אורא־טיובע	220
באַנדעראָווצעס באַפאַלן דעם צוג אויפן וועג קיין לובלין	227
צוריק אין לובלין	231
דאָס אויסלייזן יידישע קינדער פון קריסטן	237
דאָס זענען אונדזערע קינדער	243
מיין טאַטנס נאָמען איז ייד	244
דאַנושאַ הייסט שוין גאולה	"
דער פאָטער האָט צוריקגעפונען זיין טעכטערל	245
דער פסחדיקער סדר האָט איר דערמאָנט...	246
עלטערע קינדער פאַרשטייען בעסער	247
אַ „סברא" איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע	248
אַ יתום פון נ.ס.ז.־קרבנות	"
די צוואה פון דער אומגליקלעכער מאַמען	249
די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג	256
איך פאַרלאָז פוילן	265



די טראַקטאָריסטן־בריגאַדע פון קאָמיסאַראָוו (ערשטער פון לינקס),
דער מחבר פון בוך (צווייטער פון לינקס)

די לייטונגס־מיטגלידער און מיטאַרבעטער פון דער „קאָאָרדינאַציע“.

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: זשוקאָווסקי שייקע, שרה נשמית (קיבוץ הגיטאות), אריה גאָלדבערג־שריד, העלאַ לענעמאַן, אברהם בערנסאָן.

צווייטע ריי: עובדיה פעלד, חיים בזוראַ, ח. ברענער, פּנחס קריבוס (קיבוץ משמר הנגב), לייבל קאָריסקי.

דריטע ריי: פּסח זיידנווערק, אדוו. מנחם קונדאַ, יוסף קליינבערג ז״ל

„מאַרישאַ" מיט עטלעכע פון אירע אויסגעלייזטע קינדער,
וועלכע האָבן שפּעטער געדינט אין צה"ל

די קינדערהיים אין לאָדזש

אין 1968 (22 יאָר שפּעטער) איז אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ מסיבה
מיט דער באַטייליקונג פון די אויסגעלייזטע קינדער און זייערע דערציִער

„Farn Idiszn Kind“ Jednodniówka

איינמאליקע אויסגאבע
פון ציוניסטישן קאארדינאציע-קאמיטעט
פאַר „גאולת-ילדים“
אין פוילן (לאדזש, זאַוואַדזקאַ 17/28)

נאָוועמבער, 1946 י. — חשון תש״ז.

רעדאַקציע-קאָלעגיע: שרה נשמית, ע. פעלד און לייבל קאַריסקי.